STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04388

BAYM OYSGEBRENTN SHAYTER

S. Polakiewicz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שׂמחה פּאָליאַקעוויטש

ביים אויסגעברענטן שייטער



שׂמחה פּאָליאַקעוויטש

ביים אויסגעברענטן שייטער

פון דער חורבן־תּקופה אין פּוילן



ה. לייוויק - פאַרלאַג
ביים פאַראיין פון יידישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

Simha Poliakiewicz
BAIM OISGEBRENTN SHAITER

H. Leivik Publishing House
30 Dov Hoz Str., Tel-Aviv, 63416, Israel

ה. לייוויק־פאַרלאַג,
רח׳ דב הוז 30, תל־אביב 63416

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש י. רבינוביץ
אליעזר פינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור
קולטור־פאָנד ביים ארגון יוצאי לובלין בישׂראל

©
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל, תשמ״ו
Printed in Israel, 1985

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס „אורלי״, תל־אביב

מיין ברודער י אַ נ ק ל —
גיבור פון
„ביים אויסגעברענטן שייטער״
און „איין גורל״ —
איצט
ד״ר יעקב פּאָליאַקעוויטש
מאָנטעווידעאָ

מיט ליבשאַפט

אַ צלם אויף אַ ייִדישן קבר

ווען יואל האָט אָנגעהויבן לערנען אין דער דאָרפישער שקאָלע, איז זײַן נאָענטסטער שול־חבר געווען בראָנעק, מיט אַ יאָר עלטער פון אים. צוליב זײַן שווער תּופס זײַן דאָס לערנען איז בראָנעק פאַרבליבן נאָך אַ יאָר זיצן אויף דער זעלבער שולבאַנק.

יואל מיט בראָנעקן האָבן זיך געקענט פון די פריִע קינדער־יאָרן. ער, דער ברוין־הויטיקער שייגעץ מיטן צעשויבערטן טונקעלן קאָפּ האָר, איז געווען דער ייִנגסטער זון פונעם פאַראָבעק ביים פּריץ אין הויף, און יואל — פון די ייִנגסטע קינדער ביי אַברהם־הערש, דער שניטקרעמער אין דאָרף. אַחוץ אויף דעם וועג צו דער שקאָלע, פלעגן זיי זיך אויך טרעפן ווען בראָנעק איז מיט זײַן מאַמען מיטגעגאַנגען אין קראָם, און גאַנץ אָפט זיך געטראָפן צווישן די שכנותדיקע דאָרפישע הייזקעס.

די עלטערן און די שכנים, פּויערים, האָבן בראָנעקן געוואָרנט זיך נישט צו חברן מיט ייִדישע ייִנגלעך. און כאָטש ער האָט געוווסט ווי ס'איז די גרענעץ ביז צו די ייִדישע שטיבלעך, פלעגט ער נישט איין מאָל שטילערהייט זיך אַרײַנכאַפּן צום ייִדישן יונגוואַרג צוקוקן אָדער זיך באַטייליקן אין זייערע שפּילערייען. מ'האָט אים אויך געקענט זען מיט די העפטן אין די הענט ערגעץ הינטער אַ וואַנט זיצן צוזאַמען מיט יואלן, וואָס האָט אים געהאָלפן מאַכן די שול־אויפגאַבעס. נישט איין מאָל האָט מען אים געזען צווישן די ייִדישע ייִנגלעך אויף די גרינע לאָנקעס אין געיעג נאָך אַ פאַרבלאָנדזשעטן האָז, וואָס איז געשפּרונגען איבער די הויכע גראָזן. מיט אימפּעט פלעגט חברה דערלויפן ביז צום ראַנד פון געדיכטן וואַלד ווו דער האָז פלעגט נעלם ווערן.

*

דאָס דאָרף האָט זיך געטיילט אויף צוויי העלפטן: פון איין זייט — די אויסגעצויגענע צוויי רייען נידעריקע, פון האָלץ געבויטע כאַטקעס, מיט שטרוי באַדעקטע שיפּועדיקע דעכער. רינגס אַרום — תבואה־פעלדער. צווישן די צוואָקסענע זאַנגען האָבן די הייזקעס מיט זייערע דעכער אויסגעזען ווי אָנגעוואָרפענע הויכע קופּעס שטרוי. דאָ האָבן געוווינט די בעלי־בתּישע פּויערים.

פון דער צווייטער זייט דאָרף — די פון ציגל געמויערטע הייזער־בלאָקן, מיט בלעכענע דעכער, מיט אַן אויסזען פון מיליטערישע קאַזאַרמעס. דאָ האָבן געלעבט די פּאַראָבקעס פון לאַזעווער הויף.

אין דער מיט, צווישן די צוויי טיילן דאָרף, זענען געשטאַנען, ווי צונויפגעטוליעטע איינס צום צווייטן, די ייִדישע הייזלעך. איבער דרייסיק משפּחות האָבן דאָ זייער דאָרפיש לעבן איבערגענומען בירושה פון זייערע אָבות — דאָרפסלייט וואָס זענען אַ מאָל געווען פון די ערשטע איינוווינערס אינעם דאָרף.

לאַנגע יאָרן האָבן די ייִדן אויף זייערע נחלות געלעבט אין גוטע שכנישע באַציִונגען מיט די קריסטלעכע איינוווינערס, געפירט מיסחר מיט קי און פערד; די שניידערס און שוסטערס האָבן פאַר די פּויערים גענייט מלבושים און שטיוול. אויף אַ ייִדישער חתונה, כאָטש אומ־געבעטן, פלעגן די נאָענטסטע שכנים מיט פאַרריסענע פּנימער זיך אויסשטעלן הינטער די צעעפנטע פענצטער און נייגעריק געקוקט ווי ייִדן פּראַוועז אַ שימחה. זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט פון צוגעטיילטן כּיבוד מיט אַ גלעזל בראָנפן.

דאָס שטילע דאָרפישע לעבן, האָט אַזוי אָנגעהאַלטן, ביז די פריִער פאַרבאָרגענע ייִדן־שינאה וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן צווישן די פּויערישע כאַטעוועס, באַהאַנגענע מיט בילדער פּונעם מיט בלוט באַפלעקטן געקרייציקטן, האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דער גאַס. פון די ערשטע וואָס האָבן אין דעם זיך אָנגעכאַפּט, איז געווען דער יונגער דור.

בראָנעקן האָט זיין טאַטע שוין מער נישט געדאַרפט דראָען מיטן

לעדערנעם רימען, ער זאָל אויפהערן קריכן צו די ייִדישע ייִנגלעך. אויך זיינע שכנים האָבן אויפגעהערט אים רופן מיטן חוזק־נאָמען „זשידאָווסקי פּאַכאָלעק". ער האָט מיט די ייִדישע שכנים זיך נישט געטראָפן. און ער, בראָנעק, איז טאַקע געווען דער ערשטער וואָס, צוריקגייענדיק פון דער שקאָלע, האָט ער מיט אַ שטיין גלייך געצילט אינעם אָנגעהאָנגענעם הילצערנעם קעסטל מיט די ביכער און העפטן אויף יואלס רוקן. דערמיט האָט בראָנעק געוואָלט נקמה נעמען פאַר יואלס וויסן צו ענטפערן אויף אַלע פראַגעס, וואָס דער לערער האָט בעת דער לעקציע געשטעלט, און ער, בראָנעק, ווען ער האָט שוין אַ מאָל אויפגעהויבן די האַנט און געפּרוווט געבן אַן ענטפער, האָט דער לערער זיין בליק איבערגעפירט צו יואלן, די זעלבע פראַגע איבער־געחזרט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום ריכטיקן ענטפער. בראָנעק האָט פאַרשטאַנען, אַז דערמיט האָט יואל געמיינט פאַר אַלעמען אין קלאַס אים מביש צו זיין מער, ווי נושא־חן זיין ביים לערער. בראָנעק האָט אויך הנאה געהאַט פון דעם, וואָס אַנדערע נישט־ייִדישע ייִנגלעך האָבן אין מיטן דער לעקציע יואלן פון אונטן געצופּט ביי די האָר, און דער לערער האָט נאָך יואלס פאַרקלאָגן, אים איבערגעזעצט נאָענט פאַר זיינע אויגן. ערשט איצט, ווען יואל איז שוין מער לעבן אים נישט געזעסן, האָט בראָנעק אָנגעהויבן באַדויערן וואָס ער איז נישט געווען געגנוג געהאָרכטיק צו זיין טאַטנס רייד.

דערמאָנט זיך בראָנעק, אַז איין מאָל האָט אים דער טאַטע גע־פרעגט:

— שלעפּסט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט די זשידעס? קריסטלעכע ייִנגלעך זענען דיר ווייניק. שעמסט זיך נישט פאַר אונדזעריקע?

האָט בראָנעק מיט פחד זיך פאַרענטפערט:

— ס'קומט מיר אויס גיין צו הערשקאָס ייִנגל, ער העלפט מיר מאַכן אַ שווערע אויפגאַבע פאַר דער שקאָלע.

— צווישן די קאַטוילישע ייִנגלעך איז נישטאָ ווער ס'זאָל דיר העלפן?

— צו וועמען זאָל איך גיין? די „פּאַנעס" פון יענער זייט דאָרף

ווילן קיין וואָרט מיט מיר נישט רעדן, און די אונדזעריקע קענען נישט בעסער פון מיר.

— אויב אַזוי, גיי צום טיוול מיט דיין שקאָלע, איידער צו אַ זשיד — האָט זיין טאַטע מיט אַ בייזן געשריי און מיט אַן אויסגעשטרעקטער פויסט אים געוואָרנט:

— געדענק! איך וועל דיך הינטן צעקאַטעווען, אויב וועסט נישט פאָלגן!

✶

זינט דאָס דאָרף האָט זיך אַנטוויקלט, איז בולטער געוואָרן דער קאָנטראַסט צווישן ביידע טיילן קריסטלעכע איינוווינערס. פון איין זייט — די גרויסע ערד־שטחים פונעם פריץ, מיט די פּרוכטיקע פעלדער, סעדער און וועלדער. און פון דער צווייטער זייט די מיוחס־דיקע בעלי־בתּים פון רייכע פּויערישעווירטשאַפטן. צווישן די ביידע טיילן איינוווינערס האָט פון לאַנגע יאָרן אַנגעהאַלטן אַ שׂינאה. די פּויערים האָבן אויסגעמיטן די פּאַראָבקעס, אין וועמען זיי האָבן געזען די רעשטן פון די אַמאָליקע „פּאַנשטשיזנע”־קנעכט, געקוקט אויף זיי ווי אויף שלעפּערס פון אַ נידעריקער מדרגה אין פאַרגלייך צו זיך, די רייכע ערד־אייגנטימערס.

די צוויי טיילן האָבן אויסגעמיטן איינס דעם צווייטן. אַ פּויער האָט נישט געטאָרט איבערטרעטן די שוועל צו אַ פּאַראָבעק. די זונטיקדיקע הוליאַנקעס זענען פאָרגעקומען אין ביידע טיילן דאָרף באַזונדער. דער איינציקער קאָנטאַקט צווישן דעם יינגערן דור איז געווען אין צושטאַנד פון שיכּרות, ווען די שטאַרקסטע פון צווישן די צוויי צעקריגטע מחנות זענען אַרויס פון זייער תּחום, מיט ווילדע געשרייען זיך אַריינגעריסן צווישן די צעהוליעטע פּאַרלעך פון דער צווייטער זייט דאָרף, פאַרלאָשן די לאָמפּן און געלאָזט אין גאַנג מע־סערס און אייזערנע הענטשקעס. אַזעלכע איבערפאַלן האָבן זיך פאַר־ענדיקט מיט לוויה־פּראָצעסיעס צום צווינטער. פאַר דעם קריסטלעכן יונגוואַרג זענען די זונטיקדיקע טעג געווען טעג פון אויסלאָדן זייער ווילדע ענערגיע, און פאַר די ייִדן — טעג פון טויטשרעק.

*

בראָנעק איז געקומען צום באַשלוס, אַז די שקאָלע איז פֿאַר אים געוואָרן אַ לאַסט, וואָס שטערט אים פֿריי צו לעבן. קיין „אוטשאָני" וועט ער שוין נישט זיין, טאָ צו וואָס סתּם זיך מאַטערן, ווען ער האָט נישט וועד ס'זאָל אים העלפֿן אין די לעקציעס. זיין טאַטע איז אויך נישט געגאַנגען אין שקאָלע, איז וואָס? איז ער אַ שלעכטער פּאַראָבעק? זיינע שול־חברים וועלן אים מקנא זיין מיטן אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם עול פֿון לערנען און מיט זיין פֿריי לעבן. ער האָט אויסגעשאַקלט די טאָרבע, אַוועקגעשליידערט די העפֿטן און באַשלאָסן — ער גייט נישט מער אין שקאָלע!

נאָך דעם איז פֿאַר אים פֿריי געוואָרן דער דרויסן, ווו ער איז אויסגעוואַקסן, אַ יונג מיט פּערדישע כּוחות. ווו ערגעץ ס'איז פֿאָרגע־קומען אַן אינצידענט מיט אַ ייִדישן שכן, האָט ער צוגעלייגט זיין האַנט.

האָט איין מאָל דער לאַמער יאַשע, דער נאָענטסטער ייִדישער שכן פֿון בראָנעקן, מיט אים פּרובירט צו פֿאַרפֿירן אַ שמועס:

— זאָג, בראָנעק, וואָס איז מיט דיר געוואָרן? ביסט אויסגע־וואַקסן צווישן אונדז, ייִדן, זיך געחברט מיט ייִדישע ייִנגלעך, און איצט ווען ביסט אויפֿגעוואַקסן און דיין שׂכל דאַרף דיר דינען צום גוטן, וואַרפֿסטו שטיינער אויף אַ ייִד? וואָס האָבן מיר דיר אַזוינס שלעכטס געטאָן? זאָג, בראָנעק, איך קען דאָך דיך ווען ביסט נאָך אַרומגעלאָפֿן מיטן נאַקעטן הינטן אין דרויסן.

בראָנעק האָט זייטיק געקוקט צום ייִד און געלאָזט זיך דערקענען ווי אַן אמתער ייִדן־שונא:

— אָ, אָ דערמאָנט מיך אין מיינע קינדער־יאָרן ווען מיין שׂכל האָט נאָך געשטעקט אין הינטן. געווען אַ צעלאָזענער, נישט געהערט מיין טאַטן, נישט פֿאַרשטאַנען מיין מאַטקעס שרעקוואָרט „זשיד". איך האָב נאָך נישט געהאַט באַנומען, וואָס עס באַדייטן די בלוטצייכנס אויף די הייליקע בילדער. היינט פֿאַרשטיי איך שוין דעם אונטערשייד פֿון אַ קאַטאָליק און אַ ייִד.

ווייסנדיק אַז עס שטייט פֿאַר אים אַן אַנדער בראָנעק ווי דער

פון די קינדער־יאָרן, האָט דער לאָמער יאָשע געוואָלט אים איינגעמען:

— בראָנעק, ביסט דאָך אַ פרומער קאַטאָליק, אויך אין אײַערע הייליקע ביכער שטייט געשריבן, אַז מ׳דאַרף נישט שלעכטס טאָן אַ מענטשן.

— דאָס אַלץ מיינט נישט קיין יידן — איז בראָנעק אַריין אין דעם יידנס רייד.

— וואָס, אַ ייד איז קיין מענטש נישט? ווער האָט דיך אַזוי געלערנט? מיינע זיידעס האָבן די יאָרן אויסגעלעבט אויף דער דאָרפישער ערד, און נישט געהערט אַזעלכע רייד. בראָנעק, באַקלער זיך, ביסט צו וויט פאַרקראָכן.

בראָנעק האָט זיך נישט איבערגענומען פון דעם יידנס מוסר און רויק געענטפערט:

— אַנדערע צייטן היינט. אונדזערע זיידעס האָבן געהאַט פאַרשטאָפּטע קרויטקעפּ. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז די יידן זענען שעדלעך, ברענגען קיינעם נישט קיין נוצן, נאָר זיך.

— דאָ כאָלעראָ! — האָט דער אַלטער יאָשע, אַ צעקאָכטער, אויסגערופן. — וויפל פאַר שטיוול פון מיין שוסטער־וואַרשטאַט האָסטו און דיין טאַטע שוין צעריסן, האָ? דיין טאַטע מוז אַוודאי נישט וויסן, אַז דו רעדסט אַזעלכע רייד. שעם זיך!

יאָשע האָט מיט עקל זיך אָפּגעקערט פון בראָנעקן, אָבער אַ פּחד האָט אויפגעצאַפּלט אין האַרץ, ווען ער האָט אויסגעשפּיגן אין דער זייט, ווו בראָנעק איז אַוועק און געלאָזט נאָך זיך אַ צעהירזשעט געלעכטער.

יאָשע האָט איבערגעחזרט פאַר זיינע יידישע שכנים די רייד פון שייגעץ. געוועזן אַזוינע וואָס האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען, געזען אַן ערנסטע סכנה שוועבן. אַנדערע, ווידער, האָבן עס נישט גענומען פאַר ערנסט.

— ס׳בילט אַ הונט. אַז ער בילט בייסט ער נישט.

— דווקא פאַר אַט דעם הונט האָב איך יאָ מורא.

— יידן, וואַרפט נישט אָן קיין פּחד!

מיט אַזאַ נוסח האָבן ייִדן געשמועסט צווישן מינחה און מעריב און געקומען צום אויספיר, אַז השם יתברך וועט העלפן...

אין איינער אַ נאַכט, דאָס דאָרף איז געווען אַרומגענומען מיט אַ חושכדיקער שטילקייט. אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן איבער די שטרויענע דעכער. פערד זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע, צע־שאָקלטע קעפּ אין זייער נאַכטיקער רו, פאַרמאַכט און געעפנט די אויגן אין פערדישן דרעמל; בהמות, די פיס איינגעלייגט אונטער די בייכער, האָבן מעלה־גירהדיק שווער געבלאָזן דורך די ברייטע נאָזלעכער, צוקלינגענדיק מיט די אײַזערנע קייטן אַרום די העלדזער. פון ביידע זייטן דאָרף האָבן צעקרייעטע העגער דערמאָנט אין האַלבער נאַכט. די דאָרפישע איינוווינערס, הינטער פאַרמאַכטע טיר־און־לאָדנס, איינגעשלעפערטע פון פייפנדיקן ווינט הינטער די ווענט, זענען גע־לעגן פאַרזונקענע אינעם ערשטן נאַכטשלאָף. פון דער שוואַרצער טיפקייט האָבן צעהאַווקעטע הינט זיך געריסן פון די קייטן, מיט די פאָדערשטע פיס געווענדט צו דער זייט, פון וואַנען זיי האָבן דערשפּירט פאַרגנבעטע טריט צו די ייִדישע הייזלעך.

פּלוצעם האָט צווישן צוויי ווענט פון ייִדישע הייזלעך אָנגעהויבן ברענען אַ קנויל שמאַטעס, באַגאָסענע מיט נאַפט. דאָס פייער האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דער הייך, דערגרייכנדיק צו די מיט שטרוי באַדעקטע דעכער. דער ווינט האָט די פייערפלאַמען צעטראָגן איבער די שכנותדיקע ייִדישע הייזלעך און דאָס גאַנצע דאָרף איז באַלויכטן געוואָרן פון דער קנאַקעדיקער שׂרפה, וואָס האָט באַלד פאַרשלונגען אין ייִדישע כאַטע נאָך דער צווייטער. פון די ברענענדיקע ווענט האָבן ייִדן קוים באַוויזן צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן, צוקוקנדיק מיט פאַרצווייפלונג ווי זייער ייִדיש לעבן אין דאָרף זינט דורות ווערט פאַר זייערע אויגן אויסגעברענט ביזן גרונט. פאַראָרעמט, דערשלאָ־גענע, האָבן די ייִדן זיך אַוועקגעלאָזט צו די שכנותדיקע שטעטלעך, וווּ מ׳האָט די דאָרפישע נישׂרפים אויפגענומען ווי קרבנות פון דער לאַנג דויערנדיקער ייִדן־שׂינאה.

*

אַברהם־הערשס קינדער זענען געפּאָרן אין דער גרויסער שטאָט זוכן אויסקומעניש. פאַר זיי איז דאָס לעבן אין דאָרף פאַרבליבן ווי אַ טרויעריקער עפּיזאָד. די קינדער־יאָרן האָבן אין זיי נישט געלאָזן ס׳געפיל, וואָס בינדט אַ מענטש צום אָרט פון זיין געבוירן. די שׂרפה האָט פאַרברענט אין זיי אַלע שפּורן פון יענער זאָרגלאָזער צייט. צווישן תּבואה־זאַנגען, גרינע לאָנקעס, בעזאַלעזן, פּרוכטביימער, פריילעך צעזונגענע שפּאַצירן אינעם געהיימנישפולן וואַלד מיט די כּל־המינים וואַלד־פּירות פאַר יעדער אויסגעשטרעקטער האַנט — דאָס אַלץ איז פאַר זיי פאַרבליבן ווי אַ טרויעריקע דערמאָנונג, באַזונדערש ביי יואלן, פאַר וועמען בראָנעקס נאָמען האָט אַרויסגעשיינט פון דער שׂרפה.

בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע, — ווען דער טאָטאַלער חורבן האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע יישובים אין פּוילן און האָט זיך דערנענטערט צו יואלס היימשטעטל, איז ער מיט זיינע ייִנגערע ברידער אַנטלאָפן אין וואַלד. אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט און געוועזענער דאָרף־איינוווינער, האָט ער מיט זיכערע טריט זיי געפירט צום שווערן וואַלד־לעבן: טעג פון הונגער, קעלט און טויט־סכּנות. יואל און זיינע ברידער האָבן געוואַנדערט פון איין וואַלד אין צווייטן, אויסגעטראָטן גרויסע שטחים, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעם וואַלד, נאָענט פון זייער פאַר־ברענטער היים.

יואל האָט געדענקט דאָס אָרט ביים וואַלדראַנד, נאָענט צום זאַמד־וועג, פון וואַנען מ׳האָט געקענט זען די פויערשע כאַטע, ווו ס׳האָט געלעבט די אַלטע כינדוסקאָווא. זי, מיטן ווייסן קאָפּ, איז פאַרבליבן אין זיין זכּרון נאָך פון די שוליאָרן. ער האָט געדענקט איר מענטש־לעכע באַציִונג נישט בלויז צו אים, נאָר צו אַלע יידישע קינדער אין דאָרף. מיט אַ שמייכל און מיט אַ גוט וואָרט פלעגט זי אים אָפּ־ענטפערן ביים גריסן זי מיטן אַראָפּנעמען ס׳היטל. צי האָבן זיך אין איר פאַרהיט אָט די גוטהאַרציקע געפילן אין אַזאַ וועלט פון הפקרות און רציחה? וועגן דעם האָט יואל געטראַכט ביים פּלאַנירן אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דער אַלטער פויערטע. און צי לעבט זי נאָך?

צו יואלס מזל האָט ער זי געפֿונען נישט קיין פֿאַרסמטע פֿון ייִדנפֿיינדלעכן סם. זייער ערשטער געהיימער צוזאַמענטרעף איז פֿאָרגעקומען אין האַלב־טונקל, ביים אָראָפּגעדרייטן נאַפּטלעמפּעלע:

— הערשקאָס זון... הערשקאָס זון... — האָט זי געמורמלט, איר ווייסער קאָפּ האָט זיך געוויגט און די הענט — געציטערט, איינקוקנדיק זיך אין יואלס באַוואָקסן פּנים מיט די צעשויבערטע האָר אויפֿן קאָפּ.

נאָך דער באַגעגעניש האָט די פֿויערטע אָפּט געהאָלפֿן יואלן שטילן דעם הונגער אויך פֿון זיינע ברידער אין וואַלד. אויף אַן אָפּגערעדט אָרט, צווישן ווילדע געוויקסן אין פֿעלד פֿלעגט ער געפֿינען אונטערגעוואָרפֿענע פּעקלעך עסנוואַרג. דאָס איז אָבער קנאַפּ געווען אויף צו דערהאַלטן דאָס חיות פֿון פֿיר יונגע לעבנס. האָבן די ברידער אָנגעהויבן זוכן אַנדערע מקורות. דערביי האָט זיך יואל דערמאָנט אין דער ברוטשענאָווע, די שבת־גויע אין ייִדישע שטובן. אַחוץ דעם איז זי אויך געווען די דאָרפֿס־אַקושערקע און אָפּגענומען קינדער אויך ביי ייִדישע קימפּעטאָרינס. ייִדישע קינדער וואָס זענען אויסגעוואָקסן פֿאַר אירע אויגן, האָט זי געקענט ביים נאָמען, מיט יעדערן באַזונדער געווען פֿאַרהיימישט. זיי אַלע האָבן געוווסט, אַז דעם ערשטן געשריי האָבן זיי געגעבן אין אירע הענט...

ווען יואל האָט דאָס ערשטע מאָל אין דער נאַכט־פֿינצטערניש, מיט האַרץ־קלאַפּעניש און שטילע טריט, זיך צוגעשאַרט צו דער טיר פֿונעם איינזאַמען חדרל און געלאָזט זיך פֿאַר איר דערקענען, האָט די גויע מיט די הענט דאָס פּנים פֿאַרדעקט, ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט דער חרפּה וואָס אירע שכנים האָבן אָפּגעטאָן די ייִדן, און בעיקר דאָס יונגוואַרג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אירע הענט מיט דער ברכה פֿון יעזוס־קריסטוס... שטיל האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט:

— לאַבוזי, לאַבוזי... אַן אַ גלויבן אין גאָט...

יואלן האָט געצויגן צו דעם וואַרעמען חדרל, ווו ער פֿלעגט זיך מחיה־נפֿש זיין מיט אַ ביסל געקעכטס. די גויע האָט אָפּגעשפּאָרט פֿון איר עסן, כּדי אָנצוזעטיקן דעם אויסגעהונגערטן בחור, און

פלעגט אויך נאָך מיטגעבן עפּעס פאַר זיינע ברידער אין וואַלד.

אַזוי האָבן זיך געצויגן לאַנגע וואָכן, ביז יואלס גאַנג אין די נעכט האָט אויפגעהערט זיין אַ סוד. דער ערשטער וואָס האָט דעם סוד אויפגעדעקט, איז געווען בראָנעק. ווי אַן אויסדרעסירטער שפּירהונט האָט ער אָנגעהויבן נאָכגיין יואלן ביז צו דער שוועל פונעם הייזל. ער האָט אַפילו געוווּסט, וועלכע טעג אין דער וואָך און אין וועלכער שעה פון דער נאַכט יואל טרעט איבער די שוועל פון דער גויעס הייזל. איצט ווען דאָס לעבן פון אַ ייִד איז הפקר, האָט ער געפונען די ריכטיקע צייט זיך אָפּצורעכענען מיטן פאַרהאַסטן שול־חבר זיינעם, וועמענס נאָמען האָט ביי אים אַרויסגערופן ציינקריצעניש. בראָנעק האָט אָנגעהויבן פאַרטראַכטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַנגען יואלן אַ לעבעדיקן און אים איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן. ער האָט גוט געוווּסט דעם לוין וואָס ער וועט באַקומען פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט: נאַפט, זאַלץ, פעטס, און אויב מ׳טרעפט נאָך אַן אויף אַ גוטן דייטש, באַקומט מען נאָך אַ פלאַש וואָדקאַ. מיט דעם חשבון האָט זיך בראָנעק אַרומגעטראָגן ביז צום טאָג, וואָס ער האָט באַשטימט דורכפירן זיין פּלאַן.

צו ערשט האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט עטלעכע פון זיינע נאָענטסטע חברים, וואָס האָבן מסכים געווען העלפן פאַנגען דעם זשיד. אין זאַך איז זיי שווער געווען צו פאַרשטיין, פאַר וואָס נאָר אים אַליין, בראָנעקן, קומט דער גאַנצער לוין. בראָנעק איז אָבער געווען פעסט ביי זיין מיינונג. ראשית, האָט נישט קיין אַנדערער, נאָר ער, דעם ייִדן אַנטדעקט. צווייטנס, האָט קיינער אַחוץ אים נישט אַזוי געליטן און באַליידיקט געוואָרן אין דער שקאָלע צוליב אָט דעם זשיד, וואָס צוליב אים האָט ער, בראָנעק, אויפגעהערט לערנען. און דער עיקר, האָט בראָנעק איינגערעדט זיינע חברים, איז וויכטיק צו ליקווידירן דעם לעצטן ייִד פונעם דאָרף. און דאָס איז מער ווערט, ווי דאָס ביסל נאַפט־שטינקעכץ. האָבן זיי געענטפערט, אין וועלכער נאַכט צו שטיין אויף דער וואַך.

צו דער באַשטימטער צייט האָט זיך בראָנעק באַהאַלטן הינטער

א וואַנט, פון מאָל צו מאָל דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צום ברענענדיקן פּאַפּיראָס וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער פויסט פאַרשטעקט אונטערן רעקל, נישט אַוועקבעמענדיק די אויגן צו דער זייט פון וואַנען יואל האָט געדאַרפט אָנקומען. בראָנעק האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען ער און זיינע חברים וועלן שטאָלץ אַריין אין שטעטל טרייבנדיק צו דער קאָמענדאַנטור דעם געפּאַנגענעם ייִד. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם אָנזען, וואָס ער וועט זיך פאַרשאַפן ביי די מענטשן. מען וועט אויף אים קוקן ווי אויף אַ העלד. ביי די פּאָליציי־לייט וועט ער אַ גוטן נאָמען זיך פאַרשאַפן. דערצו וועט ער הנאה האָבן ביים צוזען, ווי דער זשיד וועט קראַפּירן אַנטקעגן דער אויסגעשטרעקטער ביקס...

אָנקומענדיק דורך אַ זייטיק וועגל, האָט יואל אויסגעמיטן בראָ־נעקס פאַרפאַלגערישע אויגן, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט זייער קרבן. און ווען יואל איז נאָכן אָפּגעבן דעם אָפּגערעדטן צייכן אַריין אין שטיבל, האָט די גויע אים דערציילט, אַז זי האָט בראָנעקן וויפל מאָל געזען אין דער פענצטער זיך אַרומדרייען אַרום איר שטוב. זי וואָלט אפשר פון דעם נישט געוווסט, נאָר איין מאָל האָט זי פון פאָדער־צימער אַרויס־געגאָסן דאָס אומריינע וואַסער, האָט בראָנעק פּלוצעם זיך צעשריִען אויף איר פון הינטער דער וואַנט:

— פאַרבייגעגאַנגען און באַנעצט געוואָרן פון קאָפּ ביז פוס!

ס'איז נישט געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס זי האָט בראָנעקן געזען אויף דעם זעלבן אָרט. דערפאַר האָט עס איר אויסגעזען אַ ביסל חשודיק. אָבער זי האָט פון דעם נישט געמאַכט קיין ענין. איז ער דאָך אַ היימישער און מיינט נישט קיין שלעכטס...

יואלן האָט אָנגעהויבן האַקן דאָס האַרץ און דרייען אין בויך. ער האָט מותּר געווען אויפן עסן וואָס די זקנה האָט אים אַוועק־געשטעלט אויף אַ בענקל. ס'האָט אים געצויגן וואָס גיכער זיך אָפּ־צוטראָגן פון דאַנען. נאָר בראָנעקס אַריינשטעלן זיך מיטן פּנים אין דער שויב האָט יואלן פאַרשטעלט דעם וועג.

— פּאַני ברוטשעגאָווא — האָט יואל תּיכּף זיך געוואָנדן צו איר

— גייט אַרויס אין דרויסן און נעמט בראָנעקן אַוועק אין אַ זייט, וועל איך אַרויסלויפן פון שטוב.

די זקנה איז אַרויס. יואל האָט זיך איינגעהערט ווי זייער רעדן דערווייטערט זיך פון הינטער דער וואַנט. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך אַ ריס געטאָן אין דרויסן, געלאָפן, געשפּרונגען איבער פּלויטן און ריוון. ער האָט דערפילט אַז מ׳לויפט אים נאָך. די פאַרפאָלגערס נעמען אים אַרום אין אַ רינג. געשיצט פון דער פינצטערניש איז ער אַריין צווישן צוויי שפּייכלערוועגט. אויך דאָ האָט ער זיך געפילט באַדראָט. איז ער אַרויס צו די פעלדער. בראָנעק האָט געפּאָדערט פון זיינע מיטהעלפערס נישט אָפּצושטיין, נישט אַרויסלאָזן דעם ייד קיין לעבעדיקן פון זייערע הענט.

יואל האָט זיך דערפילט ווי אַ פאַרפאָלגטער פון ווילדע חיות. ער איז געלאָפן מיט זיינע לעצטע כוחות און געפילט, אַז אָט אָט דעריאָגט מען אים. טויטשרעק ביים לויפן האָט אַריינגעכאַפּט זיין האַרץ אין וויי־טוענדיקע קלעמען, געקוועטשט, געקוועטשט, ביז ס׳האָט נישט אויסגעהאַלטן און געפּלאַצט...

בראָנעק האָט אין ווילדן כעס געקריצט מיט די ציין, געקאָפּעט די ערד. דער טויט פון פאַרפאָלגטן ייד האָט צעשטערט זיינע פּלענער...

*

באַגינען האָבן זיך צונויפגעזאַמלט נייגעריקע פּאַראָבקעס, וואָס זענען געווען אַרויס צו דער אַרבעט. זיי האָבן נישט געקענט זיך אַן עצה געבן מיטן טויטן ייד, וואָס איז אין משך פון דער נאַכט געבליבן ליגן אַ נאַקעטער, אָן קליידער אויפן גוף. איינער פון זיי האָט אַראָפּגענומען די קאָסע פון אַקסל, און געלאָזט הערן צו די אַרומיקע:

— אויב דער יידישער גאָט האָט אים פאַרלאָזט, דאָס לעבן אַוועקגענומען, וועלן מיר, קאַטאָליקן, נעמען זיין טויטן קערפּער אונטער אונדזער געטלעכער שוץ. אויפן אָרט וווּ ער איז געפאַלן, דאַרף מען דעם טויטן באַערדיקן, אַוועקשטעלן אַ צלם אויפן אָרט וווּ זיין נשמה וועט רוען...

אַלע האָבן איינגעשטימט צו די אַ רייד, און עטלעכע פון צווישן זיי האָבן גלייך זיך גענומען צו דער אַרבעט. דעם זעלבן טאָג איז צו קאָפּנס פון פרישן בערגל ערד אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ נייער גרויסער צלם, אויבן באַפּוצט מיט אַ גלאַנציקן אייזערן יעזוס־בילדל...

פון דעם טאָג, אין די פאַרנאַכטן, קומען זיך די פּאַראַבקעס צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער און קניִען ביים קבר. דער עכאָ פון אומעטיק־צעצויגענע געזאַנגען צעגייט זיך אַרום דאָרף. די ווייטע דאָרף־איינוווינערס הערן זיך פּאָרכטיק איין צום אָפּהילך פון די געזאַנגען וואָס קומען פון אַרום צלם אויפן ייִדישן קבר.

#ביים אויסגעברענטן שייטער

ווען דער חורבן האָט דערגרייכט צום ייִדישן שטעטעלע סטערדין, זענען פּסח און משה, די צוויי ייִנגסטע פון רייזלס ניין קינדער, געווען קורץ נאָך זייער ענדיקן די פּוילישע פאָלקשול אין דאָרף לאָזעווע. יונג אין יאָרן און אין לעבנס־נסיון, האָט דער פּחד פאַרן קיום זיי אַרויסגעטריבן פון דער מאַמעס היים. צוזאַמען מיט יואלן און יאַנקלען, זייערע צוויי עלטערע ברידער און דער שוועסטער, העניע, זענען זיי אַנטלאָפן אין וואַלד.

ערשט מיט צוויי טעג פריִער זענען די פיר ברידער נאָך געשטאַנען דעם גאַנצן יום־כיפּור־טאָג אין בית־המדרש, דורכגענומענע פון די תּפילות אויף אָפּצושרייען די גזירה פון אומקום. די האַרצרייסנדיקע תּפילות זענען געבליבן הענגען אין חלל. אויסער די צום טויט פאַר־מישפּטע מתפּללים האָט זיי קיינער נישט דערהערט. אין אַ פאַרטאָג איז דאָס שטעטל אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע צוררים. די פיר ברידער מיט דער שוועסטער, האָבן באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון באַלאַגערטן שטעטל.

דאָס שרעקוואָרט — טרעבלינקע, דאָס נישט ווייטע אָרט מיט זיינע גאַזקאַמערן, הערצו די בייסיקע קעלט האָבן דורכגענומען מיט אַ שרעקלעכן ציטער די צוויי ייִנגסטע ברידערלעך, וואָס זענען פאַר־סאָפּעטע נאָכגעלאָפן די גיך שפּרייזנדיקע עלטערע ברידער און שוועס־טער. די דערגרייכטע וואַלדראַנדן האָבן זיי גענומען באַרויִקן. די וואַלד־געדיכטעניש האָט זיי אַנטקעגן געטראָגן אַ שטיקל האָפענונג. אַ ניי געפיל האָט זיי באַהערשט: נישטאָ די שיסעריי־אָפּהילכן, וואָס האָבן פון באַלאַגערטן שטעטל אַרויס זיך צעטראָגן איבער די פּוסטע פעל־דער און האָבן געהאַקט אין זייערע מוחות דעם גאַנצן וועג. דאָ, אין וואַלד, האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט, זענען זיי אויף דער פריי.

די מאַמע האָט אירע קינדער פון שטוב געיאָגט: „גייט זיך ראַטעווען”! און זי אַליין האָט נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. איצט קומט זי אום צוזאַמען מיטן שטעטל יידן, און זיי, די קינדער, האָט אַ ווילדער אימפּעט פאַרטראָגן אין רויִקן וואַלד אַריין. די פינף אַנטרונענע יידישע לעבנס פון אונטערגייענדיקן שטעטל, האָבן נאָך זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, מיט וויפל סכנות דער וואַלד איז פול, און זיי האָט דער וואַלד אויסגעזען, ווי קיין שום רוצחישע האַנט וועט אַהער נישט דערגרייכן. זיי האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן טראַכטן, וואָס וועט זיין נאָכן אויפעסן די לעצטע ברעקלעך ברויט, מיטגעבראַכטע אין די קעשענעס.

דעם ערשטן טאָג אין וואַלד האָבן זיי געלעבט אונטערן רושם פון אַרויסרייסן זיך פון די תּליניִשע הענט. צו מאָרגנס, מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג און מיטן שאָרך פון די פייגל אין זייערע נעסטן, האָט דער הונגער, צוזאַמען מיט אַ שטעכיקער קעלט, אַריינגעדרונגען אין דער קוסטעס־געדיכטעניש, ווו זיי זענען געלעגן צוזאַמענגעדרענגטע, צוגעטוליעטע, געוואַרעמט איינס דעם אַנדערן מיטן לעבעדיקן אָטעם.

העניע, די שוועסטער, האָט שטילער און איינגעהאַלטענער ווי אירע ברידער, אויפגענומען דעם ווייטיק פון באַפאַלענעם הונגער און אים געטראָגן אין זיך. זי האָט אָבער נישט געקענט קוקן אויף די פאַרקראַמפּטע גופים פון אירע ברידער, וואָס זענען געלעגן אויף דער מאָכיקער וואַלדערד. גאָר גרויס רחמנות האָט זי געהאַט אויף די צוויי יינגסטע ברידערלעך, וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערפילט דעם ביטערן טעם פון הונגערן, און שטיל געזיפצט. דאָס טרויעריקע בילד האָט העניען אַ הייב געטאָן פון דער ערד. זי האָט איר קאָפּ האָר אַרומגענומען מיט אַ קאָלירט טיכל, צוויי עקן פאַרבונדן אונטערן פּנים, פאַרוואָרפן אויף זיך אַ דערעלע, און אַרויס פון וואַלד. אָנגעקומען אינעם נאָענטסטן דאָרף, האָט זי אָנגעהויבן גיין פון טיר צו טיר, זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַן עלנטער, פאַריאָגטער יתומה פון די פוילישע מערב־געביטן. אַזוי האָט זי צוזאַמענגעקליבן שטיקער ברויט און אַ

פלאַש מילך. ערגעץ אין אַ כאַטע האָט אַן אַלטע פויערטע אַרויסגעוויזן צו איר מיטלייד און געגעבן איר אַ ביסל וואַרעם געקעכטס. אַ זאַטע, מיט געשטאַרקטע טריט איז זי אַוועק צו אירע ברידער אין וואַלד.

העניע האָט אירע ברידער געפונען פאַרחלשטע, מיט בלאַסע פּנימער. די שטיקער ברויט און די פלאַש מילך האָבן זיי מחיה־נפש געווען, צוריקגעגעבן דעם ווילן אויפצועפענען די אויגן און אָנהייבן טראַכטן וואָס ווייטער צו טאָן.

דער עלטסטער פון די ברידער, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט מיט שאַרפע אויגן אויף אַן ערנסט פּנים, האָט אויסגעדריקט עקשנות און אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן פאַרן לעבן ווי אַ נקמה אין די דייטשישע און פוילישע רוצחים, אַ נקמה פאַר זיינע נאָענטסטע וואָס ווערן פאַרטיליקט. פון אַ פאַרמישפּטן צום טויט איז ער דורך זיין אַנט־לויפן פאַרוואַנדלט געוואָרן, אויף צו להכעיס די מערדערס, אין אַ קעמפער.

צוזעענדיק ווי די צוויי יינגסטע ברידער, פּסח און משה, ליגן צונויפגעטוליעטע אין זייער פאַרלוירנקייט, האָט יואל זיך צוגעשאַרט צו זיי און געהייסן זיי זיך אויפזעצן. ער האָט געוווסט, אַז די ביידע יינגלעך זענען אַוועקגעריסן געוואָרן פון אַ פרומער היים, פון בית־המדרש, פון הייליקע ספרים און תפילות. יואל האָט זיי אויפגעקלערט, אַז אַ העכערע האַנט, אַ געטלעכע, פירט אים און גיט אַ באַשייד פאַר זיין קיום. דורך אַלע סכנות האָט אים די האַנט שוין דורכגעפירט, אָנהייבנדיק פון זיינע שווערע זעלנערישע יאָרן אין פוילישן מיליטער און דער נאַצישער געפאַנגענשאַפט מיט שקלאַפן־אַרבעט ביים טרי־קענען זומפּן. דערנאָך — אין טרעבלינקער גיהנום, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן, און איצט — ביזן דערגיין צום וואַלד. זיין וועג פון היימשטעטל סטערדין ביז אַהער איז געפּלאַסטערט מיט טויט־סכנות און נסים. ער האָט גוט געוווסט, אַז ער מיט זיינע ברידער און איינ־ציקער שוועסטער זענען פון אַ יידישער טראַדיציאָנעלער היים, אַז דער טאַטע, דער אַמאָליקער וואַרקער חסיד, האָט איינגעוואָרצלט אין זיי אַ גלויבן אין דער השגחה־עליונה, אָבער די געטלעכע האַנט האָט

זיך אָפּגעקערט פון דער ייִדישער עדה פון זייער שטעטל וואָס די פּוילישע פּאָליציי־לייט און דייטשישע זעלנער האָבן באַלאַגערט און מיט ווילדער אַכזריות אַרויסגעטריבן פון איר די ייִדישע איינוווינער׳ס. די קריסטלעכע שכנים האָבן מיט פֿרייד און מיט זעק אין די הענט געוואַרט, כּדי צו געניסן פֿונעם ייִדישן האָב־און־גוטס. געטריבן האָט מען די ייִדן צו די אָנגעגרייטע פֿויערשע וועגענער, זיי אַוועקצופֿירן קיין טרעבלינקע, צו די גאַזקאַמערן. פֿון דער ברייט פֿאַרצווייגטער משפּחה זענען נאָר זיי אַליין געבליבן. דער טאַטע איז געווען דער שמש אין שטעטל. זינט ס׳האָט אים אַ דייטשישער זעלנעריונג אָפּגעשוירן די באָרד, האָט ער פֿאַרלוירן זיין הדרת־פּנים. צוליב דעם און צוליב די זאָרגן פֿאַר זיינע קינדער און פֿאַרן שטעטל ייִדן, איז ער געווען צעבראָכן און איבערגענומען מיט אַלעמענס אומגליק. גע־זאָרגט האָט ער נישט בלויז פֿאַר זיך, נאָר אויך פֿאַר אַנדערע און מקריב געווען זיין לעבן ביים אַרומגיין און באַדינען די אָרטיקע ייִדן אין דער טיפֿוס־עפּידעמיע. איז שוין גלייכער וואָס דער טאַטע האָט זוכה געווען נישט צוצוזען, ווי דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן ווערט פֿאַר־שניטן. יואל האָט זיך דערמאָנט, ווי אין אַ פֿאַרנאַכט נאָך מינחה האָט דער טאַטע צו אים געזאָגט: „זון מיינער, וויפֿל דו זאָלסט נישט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם ייִדישן לבֿוש, זאָל ביי דיר תּמיד בלייבן דער ייִדישער תּוך״...

אויף אַלע ביטער שווערע וועגן זיינע האָט יואל נישט פֿאַרגעסן דעם טאַטנס רייד. דער פּחד פֿאַרן אָנקום פֿונעם אומקום האָט נישט אויסגעלאָשן אין אים די האָפֿענונג, זיין גלויבן, אַז גאָט וועט העלפֿן. און ער וועט בלייבן מיט די קינדער צוזאַמען. איצט האָט יואל געפֿילט, אַז ער, ווי דער עלטסטער פֿון אַלע קינדער, פֿאַרנעמט דאָס אָרט פֿון טאַטן. דער עיקר — ער מוז זיין אַ טאַטע פֿאַר די צוויי ייִנגסטע ברידערלעך, וואָס זענען שוין אַריינגעכאַפּט געוואָרן איבעם שווידער־לעכן געווירבל. זיי האָט ער געמוזט אַריינפֿירן אין דער ניי׳ער האַרבער ווירקלעכקייט.

*

ס׳האָט געהערשט אין וואַלד אַ שטילקייט ווי נאָכן אָפּרוישן פון אַ ווינט. יואל האָט אין פּסחס און משהס פּנימער גישט געפונען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זען. פּסחל איז געזעסן פאַרשטומט און אַבסאָלוט גלייכגילטיק צו אַלץ. אין משהלען, דערקעגן, האָט זיך געלאָזט דער־קענען אַן אינערלעכער אומרו, ווי זיינע צוגעשטיקטע ווייטיקן וואָלטן אויף אַ מאָל אָנגעהויבן זידן. דאָס האָט יואלן געצוווּנגען צו טראַכטן, אַז אפשר האָט ער צו פרי אַריינגעפירט די צוויי יינגלעך אין דעם עלנד פון וואַלדלעבן, און זיי אָנגעשטעקט מיט פּחד. דאָס איז דאָך געווען אין סתירה צו זיינע כּוונות. ס׳האָט אים אַדורכגענומען אַ רחמנות אויף די ברידער, כאָטש די איבערגעלעבטע טעג אינעם שטעטל ביזן דערגרייכן דעם וואַלד, האָבן זיי געדאַרפט אַ סך לערנען. יואל האָט זיי דאָס אויפגעקלערט.

יאַנקל האָט צו ערשט זיך בלויז איינגעהערט און נישט אָנטייל־גענומען אין שמועס. דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעמישט און אָנגע־הויבן מיט גאָר אַנדערע רייד, בכדי צו ענדערן די שטימונג. ער האָט אַרויסגערופן פון זכרון די פייערלעכע צייט אין דאָרף, אין שכנות מיטן וואַלד. יאַנקלס זכרונות האָבן געווירקט אויף די צוויי קלענערע ברידערלעך און זיי אַ ביסל אויפגעהייטערט, כאָטש דער וואַלד זעט איצט אויס אין גאַנצן אַנדערש ווי אין יענע טעג...

יאַנקל האָט זיך דערמאָנט ווי ער, אַ זיבנייאָריקער יינגל, איז אַנטלאָפן פון חדר. די ברייטע פעלדער, די גרינע לאָנקעס האָבן מער געצויגן ווי דער שטרענגער מלמד מיטן געפלאָכטענעם קאַנטשיק און מיטן שטעכיקן טײַטל אין האַנט. איז ער געלאָפן אין באַענטן וואַלד, וואָס איז פול געווען מיט געהיימענישן; געלאָפן אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווען די זון פלעגט זיך געזעגענען מיטן דאָרף, בענטשנדיק די מי פון אָוועקגייענדיקן טאָג. ער האָט ליב געהאַט די זיך לעשנדיקע הימל־בלויקייטן וואָס האָבן זיך געזעגנט פון דער וועלט מיט אַן אומעטיקער מעלאָדיע. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף די פול אָנגעפּאַשעטע סטאַדעס, וואָס האָבן פּאַמעלעך געשפּרייזט אַהיים, און

אויך אויף די פויערים וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייער אַרבעט־געצייג געטראָגן מיט זיך דעם פרישן ריח פון נאָר וואָס אָפּגעשניטענע היי אָדער תבואה־זאַנגען.

אין יאַנקלס דמיון זענען אויפגעקומען די ווינטערטעג, ווען ס׳האָט זיך געענדערט די גאַנצע דאָרפישע לאַנדשאַפט — אַלץ אַרום איז ווייס, דאָס שנעל פליסנדיקע טייכל האָט זיך באַדעקט מיט אַ דיקן אייז. ער פלעגט אויף אַ פאַרפרוירענער שויב אויסבלאָזן אַ שטיקל ריינע פלאַך און מיט קינדערשער בענקשאַפט אַרויסקוקן צו די פאַרשנייטע פליינען און צום נאָענטן וואַלד און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם פרילינג, ווען ער וועט ווידער קענען זיך לאָזן לויפן צווישן די בלומען אויף ברייטע, גרינע לאָנקעס, זיך יאָגן נאָך האָזן, וואָס פלעגן אַרויס־שפרינגען פון טיפן גראָז און פאַרשווינדן אינעם שכנותדיקן וואַלד. און געבענקט ווידער צו קענען בלאָנדזשען מיט אַ קוישעלע נאָך יאַגעדעס אָדער שוואָמען. דערנאָך זיך אַוועקזעצן אונטער אַ בוים, זיך איינהערן צום גערויש פון וואַלד, צום געזאַנג פון די פייגל. דער וואַלד פלעגט אים פאַרשיכורן, אים אויפהייבן צו די וואָלקנס, איינוויגן און פאַרשלעפערן, ביז אַ פויער מיט אַ פורל האָלץ אָדער אַ פאַרביי־לויפנדיק חיהלע האָט אים אויפגעוועקט און ממש געטריבן אַהיים, ווו מ׳האָט געוואַרט אויף אים מיט אומרו.

מיט אַ צעווייטיקט האַרץ האָט יאַנקל איצט געקוקט אויף יענע יונגע יאָרן, ווען ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דאָזיקן אויס־טערלישן קעניגרייך, וואָס איז פאַר אים פול געווען מיט כישוף... ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווו ער געפינט זיך איצט, האָבן יענע טעג אויסגעזען ווי אַ ווייטער חלום...

✶

אַ שטורעם האָט זיך אָנגעטראָגן איבערן וואַלד. די ביימער האָבן בייז געברומט, די קוסטעס האָבן אויפגעציטערט און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טראָפּנס מאַרגנטוי.

באַגינען, נאָך דער פאַרגייענדיקער נאַכט, איז דער וואַלד געווען

אַדורכגענומען מיט אַ שוואַרצער געהיימנישפולקייט, וואָס דער ווינט האָט געהאַט אָנגעטראָגן. פּסחן און משהן איז אַ פּחד באַפֿאַלן, כאָטש יינגלווייז זענען זיי נישט איין מאָל געפּרוווט געוואָרן מיט אַזעלכע פּרימאָרגנס אין וואַלד. ביידע, נישט צונויפגערעדט, האָבן געפּילט מאָדנע האַרץ־קלעמענישן פון דעם, וואָס זייערע עלטערע ברידער, יואל מיט יאַנקלען, האָבן פון ערגעץ באַזאָרגט צוויי גוייִשקע היטלען מיט לאַקירענע דאַשיקעס און געהייסן זיי אָנטאָן, בכדי צו פּילן זיך זיכערער ביי זייער ערשטן אַרויסגיי פון וואַלד אויף צו העלפן פאַר־שאַפן שפּייז. און אפשר זענען זיי געווען צעקלעמט צוליב דער לעצ־טער זעונג מיט דער שוועסטער העניע, ווען זי איז אין די פאַרנאַכט־שעהען צום לעצטן מאָל געקומען מיט אַ טאָרבע שפּייז, אַן איבער־געטוענע ווי אַ דאָרפישע שיקסע מיט אַן אַרישן דאָקומענט אין קעשענע. געקומען איז זי זיך געזעגענען מיט די ברידער פאַר איר אָפּפאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

די עלטערע צוויי ברידער, יואל און יאַנקל, האָבן געהאַט מער פאַרשטענדעניש פאַר דער טרויעריקער לאַגע פון זיי אַלעמען און גע־טראַכט, אַז די שוועסטער לאָזט זיך אויף אַ געפערלעכערן וועג, ווי זיי דאָ אין וואַלד. האָבן זיי איר אָנגעזאָגט נישט צו פאַרלירן דעם מוט, פּילן זיך דרייסט אין דער סביבה. העניע, די איינציקע פאַרבליבענע פון די פיר שוועסטער, איז געווען פאַרשטיינערט. דורך די פאַר־פּרעסטע ליפּן קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. ווען זי האָט אויפ־געהויבן איר בליק און געמאַכט עטלעכע טריט צו אירע יינגסטע צוויי ברידערלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ זייט הינטער אַ בוים, מיט פאַרוויינטע אויגן, האָט די פאַרקלעמטע שטומעניש אין איר זיך אַרויסגעריסן מט אַ ביטער געוויין. אין די לעצטע מינוטן מיט דער שוועסטער זענען ביידע קליינע יינגלעך געווען צעטומלט. יואל מיט יאַנקלען האָבן זיי צעשיידט און געוואָרנט נישט אַרויסצווייזן קיין שוואַכקייט, באַגראָבן טיף אין זיך די ווייכהאַרציקע געפילן און האַלטן זיי אויף נאָך דער מלחמה, אויב מען וועט לעבן בלייבן. העניע איז נאָך אַ ווילע שטיין געבליבן, אַן אָנגעשפּאַרטע אין אַ בוים, אויסגע־

ווישט די אויגן, און אַן אימפּעט האָט זי אַ ריס געטאָן פון אָרט. מ׳יט אַ צעוויטיקט האַרץ און צעבראָכן געמיט איז זי אַוועק דעם אומ־באַוווּסטן גורל אַנטקעגן.

✶

אויף מאָרגן נאָך העניעס צעשיידן זיך פון אירע ברידער, זענען נאָך פרי׳ער, פאַר יואלן און יאַנקלען, אַרויס פון אונטערערדישן לאָך פסח און משה. פון איבער די ביימערקרוינען האָט זיך שוין גוט געזען אַ שטיק פון אויסגעלייטערטן הימל נאָך דעם קאַלטן גאָסרעגן אין דער לאַנגער האַרבסטיקער נאַכט.

די זון, אַ קלאָרע, צערייטלטע, איז אַרויס פון הינטער די וואַלד־ראַנדן און זיך געהויבן אין מיזרח, פאַרטרייבנדיק די לעצטע נאַכט־נעפּלען פון די נאַקעטע פעלדער הינטערן וואַלד.

פסח און משה זענען שוין געשטאַנען גרייט אַרויסצוגיין פון וואַלד. אויפן קאָפּ די גראַנאַטענע היטלען מיט די גלאַנציקע דאַשיקעס טיף איבער די אויגן אַראָפּגעזעצט צוליב די צו גרויסע מאָסן. די רעקלעך אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך. די שיך — פאַרבלאָטיקט, ווי ביי אָפּגעלאָזענע דאָרפישע שקצימלעך. אָפּגערעדט איז געוואָרן, אַז דווקא זיי זאָלן גיין אין דאָרף ביי טאָגשיין מיט בייטשן און טאָרבעס אויף די אַקסלען, ווי פאַסטעכער, וואָס מ׳באַגעגנט אָפט. בײדע האָבן זיי זיך געלאָזט צום דאָרף פון זייער אַמאָליקער היים. צוזאַמען זענען זיי געגאַנגען ביז צום וואַלדראַנד. דאָ האָבן זיי זיך צעשיידט.

אויף די פעלדער האָבן סטאַדעס פי געצופּט די ערשטע גראָזן, אַנגעוואָקסענע נאָכן שניט. אונטער אַ בוים מיט קליינע פעלד־באַרנע־לעך איז געזעסן אַ שייגעצל. אַ הונט איז געווען אויסגעצויגן ביי זיינע פיס. בײדע, דער שייגעץ מיטן הונט, האָבן פון דער ווייטן דערשפּירט די טריט פונעם „שייגעצל״ מיט דער בייטש אויפן אַקסל. דער הונט האָט בייז זיך צעוואָרטשעט און האַסטיק געשטעלט זיך אויף די פיס, אויסגעצויגן דעם האַלדז, גרייט צו לויפן. נאָר דאָס שייגעצל האָט דעם הונטס עק אַ צי געטאָן צו זיך.

— געלויבט זאָל זיין יעזוס קריסטוס! — האָט פּסח געזאָגט צום שייגעצל.

יענער האָט געענטפערט פריינדלעך.

האָט פּסח געפרעגט:

— האָסטו געזען דאָ אַדורכלויפן אַ גראָע קאָבילע מיט אַ קורץ געשוירענעם ווידל? זי איז מיר אַנטלאָפן פון דער לאָנקע מיט אַ פּענטע אויף איין פוס.

— ווי גאָט איז מיר ליב, איך האָב נישט געזען. פון וואַנען קומסטו זוכן?

— פון פאַדערעווקער פאַשעפּעלדער — האָט פּסח געענטפערט.

— געוועזן שוין אין עטלעכע דערפער, האָט מען מיר אָנגעוויזן כ׳זאָל גיין אויף דעם וועג...

— גיי אַריין אין דאָרף, פרעג די כלאָפּעס.

— איך בין שוין מיד פון אַרומשלעפּן זיך. נאָך אין מיין מויל נישט געהאַט...

— ביסט הונגעריק? נעם דיר מיין עסן.

— און דו וואָס׳טו עסן?

— מיך פאַרבייט באַלד מיין ברודער, כ׳וועל עסן אין דער כאַלופּע.

פּסח האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, אויסגעטאָן דאָס היטל, זיך איבערגעצלמט און גיריק זיך צוגעכאַפּט צום גראָבן שטיק ברויט מיטן לאַנגן שפּיץ פעטן קעז. דער שייגעץ האָט אַרויסגעצויגן פון זיין טאָרבע אַ פלעשל מיט מילך.

— נעם, כלאָפּעק, מיט זיך די פלאַש, אויב וועסט וועלן אַ זופּ טאָן.

— וואָס מאַכסטו מיט די באַרנעלעך אויף די צווייגן און אָנגע־פאַלענע אויף דער ערד?

— דאָס געהער נישט בלויז צו מיר, נאָר צו אַלע פאַסטעכער וואָס גייען דאָ פאַרביי מיט זייערע סטאַדעס.

— אויף די פעלדער ווו איך פאַשע, געפין איך נישט אַזאַ שיינעם בוים, אַזוי געדיכט באַוואָקסן.

— נעם דיר וויפל דו ווילסט.

נאָכן עסן האָט פּסח געגומען צונויפקלייבן צעשאָטענע, געלע, צייטיקע באַרנעלעך. די טאָרבע איז נאָך נישט פול געוואָרן, איז ער אַרויף אויפן בוים, צעשאָקלט עטלעכע צווייגן, און אויף דער ערד האָבן באַרנעלעך געגומען זיך שיטן ווי אַ האָגל. פּסח האָט פול געמאַכט די טאָרבע מיט זיי.

דערווײַלע איז אָנגעקומען דער עלטערער ברודער פאַרבייטן דעם יינגערן.

— ווער איז דער מיט דער פולער טאָרבע?

פּסח האָט פאַרן דערוואָקסענעם שייגעץ איבערגעחזרט דאָס זעלבע...

— דאַ, כלאָפּעק, וועסטו גאָרנישט זיך דערוויסן. איך דאַרף אפשר וויסט עמעצער, ווו דיין קאָבילע.

— איך נעם אים מיט זיך אין דאָרף אַריין. ווי רופט מען דיך, כלאָפּעק?

— טאַדעק.

— און דיין נאָמען?

דאָס שייגעצל האָט זיך צעשמייכלט:

— אַ פאַדאַבנער נאָמען — טאַדעוש...

— אָ, אָ, טשיקאַווע, מיין נאָמען איז טאַקע דער זעלבער, נאָר די מאַמע רופט מיך פאַרקירצט — טאַדעק — האָט פּסח דערקלערט, נאָכהאַלטנדיק די אייליקע טריט פון שייגעצל, וואָס האָט זיך פאַר־קערעוועט צו זייער כאַטע.

ווען אַ פויער איז צו אים, דעם פרעמדן, אַרויס פון שייער, ווו ער האָט געדראָשן סנאָפּעס תבואה, האָט פּסח דערפילט אַן אינערלעכן ציטער, ווייל דער פויער האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. דער פויער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געדרייט מיטן קאָפּ:

— נישט געזען און נישט געהערט פון קיין גרויער קאָבילע.

דאָס פריערדיקע שייגעצל איז אַרויסגעקומען צו פּסחן און אים גערופן אַריינגיין אין שטוב. דער פויער איז צוריק אַריין אין שייער, צו זיין אַרבעט. טאַדעק־פּסח איז אַריין אין שטוב. די פויערטע האָט אים געהייסן זיך זעצן, געפרעגט פון וואַנען ער קומט. האָט ער

דערציילט וועגן זיין שלעכט לעבן מיטן פאָטער אין אַ דאָרף. די זענען פּאַריאַגטע פּליטים פון די פוילישע מערב־געביטן. זיינע עלטערן זענען אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטוב און ווערן ביי יענעם אַ פּאַסטעך. און איצט איז אים געשען אַזאַ אומ־גליק מיטן אַנטלאָפענעם פערד... די פויערטע האָט זיך איבערגענומען מיט דעם יינגלס עגמת־נפש, געוואָלט אים געבן עסן, נאָר ער איז נאָך זאַט געווען פון ברויט מיטן קעז. פּסח האָט אָנגעשטעלט אַ נעבעכדיק פּנים, געבעטן די פויערטע זאָל אים עפּעס מיטגעבן, ווייל ער וויל ווייטער גיין זוכן... די פויערטע האָט אַריינגעברענגט אַ ווייסן קעז, צוזאַמען מיט דער טאָרבע; פון באַקאָויוון אַרויסגעשלעפּט אַ קיילעכ־דיק שוואַרצברויט, צעשניטן עס אויף דער העלפט, אַלץ צוזאַמען אַריינגעלייגט אין אַ געלעכערטן זאַק און דערלאַנגט עס פּסחן.

— זאָל איך גאָט באַצאָלן... — האָט פּסח זיך פאַרנויגט פאַרן אַרויסגיין.

— גיי מיט גאָט.

דורך זייטיקע וועגלעך הינטערן דאָרף האָט פּסח איצט געשפּאַנט צום וואַלד. ווען ער איז דערגאַנגען צו דער באַהעלטעניש, איז משה שוין געווען צוריקגעקומען. צוזאַמען מיט די צוויי עלטערע ברי־דער האָט אויך ער צוגעלייגט אַן אויער צו פּסחס דערציילן וועגן זיינע פאַרלויפענישן. אויך משה האָט לאַכנדיק געמאַכט זיינע ברידער מיט זיין דערציילונג, ווי ברייט און שיין מ׳האָט צעעפנט פאַר אים די טירן, געגעבן אים וואַרעם געקעכטס. ער האָט געוויזן די קאַרטאָפל אין זאַק מיטן קריגל זויערמילך און שטיקער שוואַרצברויט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט.

הנאה האָבנדיק פון אָנגעברענגטן עסנוואַרג, האָבן זיך די ברידער געקאַטשעט פון געלעכטער אויסהערנדיק משהס מעשה, ווי אַזוי עט־לעכע פויערטעס האָבן אים געהאָלפן זוכן דאָס יינגל וואָס גייט אַרום און פרעגט וועגן אַנטלאָפענעם פערד, בעת דאָס פערד איז שוין לאַנג געווען צוריקגעקומען צו זיינע פערד אויף דער לאָנקע...

*

דערפילנדיק אַ שאַרפע קעלט האָבן די ברידער פאַרשטאַנען, אַז נאָך די לעצטע האַרבסטטעג מיט די גאָסרעגנס און ווינטן וועט זיך שטעלן דער ווינטער. זענען זיי אַראָפּ אין זייער אונטערערדישער באַ־העלטעניש, וואָס האָט זיי פאַרהיט פון בייזע קעלטן און בייזע אויגן.

שנייען האָבן אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן איבערן וואַלד. אין די נאַכט־שעהען האָט דער שניי געלויכטן מיט אַן אינעווייניקסטן ליכט. אַפילו די שוועבנדיקע שניי־פּלאַטערלעך האָבן אין דער פינצטער געפלעמלט ווי גליווערעם און מידע זיך געזעצט אויף די ברייט צע־וואַקסענע צווייגן פון יאָדלעס ווי אויסגעשטרעקטע הענט.

ביי נאַכט האָט דער פראָסט זיך געשטאַרקט. דער הימל האָט זיך ווי אַראָפּגעלאָזט צו די פאַרשנייטעביימער. וואָלקנס האָבן זיך גע־וויקלט אַרום וואַלד און אַרום די אָנגעשאָטענע פוכיקע שנייבערג, אויף די פעלדער ביי די וואַלדראַנדן. באַגינען האָט דער הימל זיך אויפגעהויבן איבערן באַשנייטן וואַלד, און צווישן וואַלד און הימל איז געבליבן אַ ליידיקער העלער חלל. פון די נעסטן האָבן שוואַרצע וואָראָנעס זיך אַ הייב געטאָן אין ליכטיקן חלל מיט אַ קראַקען, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבערן וואַלד.

אַז די ברידער האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון זייער אונטער־ערדישן לאָך, האָט זיך דער אויפגעוואַכטער, ווייס־בלענדיקער וואַלד אָנגעפילט מיט פחד. זיי, די געפלאָגטע און אָנגעשראָקענע פון בלוטיקן אומקום, זיי, מיטן דערדריקטן יידישן געמיט, האָבן שווער געקענט זיך צוגעווינען צו דעם אין ווייסן שימער אָפּגעטונקטן וואַלד. טאָגליכט האָט זיי געשראָקן, דערמאָנט בלוט און טרערן. יואל מיט יאַנקלען זענען צוריק אַריין אין גרוב. געבליבן אויף דער אייבערפלאַך זענען פסח און משה. די טאָגליכט האָט זיי ווי גערופן צו ווייטערדיקע געוואָגטע שריט.

אויף זייער גאַנג צום דאָרף סעראָצין האָבן ביידע זיך דערמאָנט, אַז דאָס דאָרף האָט נאָך אין די פרידלעכע צייטן געשמט ווי אַ נעסט פון יידנהאָס. דאָ האָט געהאַט זיין נחלה דער ענדעקישער דעפּוטאַט

פון פוילישן סיים — ווילק, די רעכטע האַנט פון טרויעריק באַרימטן אַנטיסעמיט קאָוואַלסקי. פון דעסטוועגן האָט עס די ייִנגלעך נישט אָפּגעהאַלטן פון גיין אַהין. אין דער ווייסער ווייט האָט געטונקלט אַ מענטשלעך געשטאַלט, וואָס האָט געשלעפּט אַ שליטעלע, הויך באַ־לאָדן מיט צווייגן. משהלע האָט פאַרשנעלערט זיינע טריט, אונטער־געיאָגט די פיס, ביז ער האָט זיך דערנענטערט צו אַן איינגעטוליעטער פויערטע אין אַ לאַנגן שעפּסנפּעלץ. דער שניי האָט געסקריפּעט אונ־טער אירע שווערע טריט, און דאָס אָנגעלאָדענע שליטעלע האָט אַרויסגעבראַכט אונטער זיך אַ צעצויגענעם קלאַנג פון געבראָכן גלאָז. דעריבער האָט די פויערטע נישט געהערט ווי משה האָט זיך דער־נענטערט צו איר. און אַז אירע אַרומגעבונדענע אויערן האָבן דערהערט משהס „פּאָכוואַלאָני יעזוס קריסטוס", האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַרויס־געקוקט מיט איין אויג פון שמאָלן שפּאַלט אין דער טוך וואָס אויפן פנים און אָפּגעענטפערט מיטן טראַדיציאָנעלן „ניעך בענדזשע פּאָ־כוואַלאָני". דערנאָך ברייטער געעפנט דעם שפּאַלט, אָנגעקוקט משהן שוין מיט בידע רויט פאַרגאָסענע אויגן:

— וואָס פאַרלאַנגסטו, ייִנגל?

— כ'האָב געוואָלט פרעגן, צי די באַבקאַ האָט געזען דאָ ערגעץ אַרומבלאָנדזשען אַ יונגע יאַלישקע. זי איז אַרויסגעלאָפן פון שטאַל.

— דו נאַר, האָסט שוין נישט וועמען צו פרעגן, נאָר מיך מיט מיינע קראַנקע אויגן? גיי אין דאָרף אַריין און פרעג.

— איר זענט גערעכט, באַבקאַ, אויב איר ווילט, קען איך אייך העלפן דערשלעפּן דעם שליטן ביז אייער כאַטע.

משה האָט געוואָלט זיך איינשפּאַנען אין די שטריק, נאָר די פויערטע האָט נישט איינגעשטימט. איר וועט קאַלט ווערן, אויב זי וועט נישט שלעפּן דעם שליטן.

— ווען איך אונטערשטופּן, איך זאָל לייכטער ווערן.

— דאָס, כלאָפּאַק, קענסטו טאָן.

משה האָט גענומען שטופּן דאָס שליטל, און די אַלטיטשקע האָט דערפילט אַ לייכטערן גאַנג, זיך יעדע ווילע אומגעקוקט צום שליטל,

עס זאָל נישט אָנקלאַפּן אירע באַשטיוולטע פּיס. גאָר גיך זענען זיי פּאַרפּאָרן צום דאָרף און צום שטיבל פון דער פּויערטע. פון פאָדער־הייזל איז צו איר אַרויסגעקומען אַ יונג שיקסל, אַן אייניקל אירס, אַ קוק געטאָן אויף ביידן און געבליבן מיטן בליק אויפן „שייגעצל", וואָס האָט געהאָלפן איר באַבקע קומען מיטן שליטעלע האָלץ.

— קום אַריין כלאָפּעק, וועסט זיך אָנוואַרעמען.

משהלע האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן.

משהן, וואָס האָט זיך פאַר איר פאַרגעשטעלט מיטן נאָמען טאַדעק, האָט דאָס שיקסל דערלאַנגט אַ בענקל און געפרעגט, פון וועלכן דאָרף ער קומט זוכן די יאַלישקע. משהלע האָט אָנגערופן אַ שכנותדיק דאָרף און איינצייטיק דערציילט, אַז ער איז נישט קיין דאָרטיקער נאָר פון אַ פּוילישער פּליטים־משפּחה, אַ פּאַריאָגטער פון די מערב־געביטן. שוין שעהען, ווי ער זוכט אַרום דאָס יונגע בהמהלע און האָט קיין זאַך אין זיין מויל נישט געהאַט...

אין שטיבל איז אַריינגעקומען, אַן איינגעהילטע אין אַ פּאַטשיילע, די מאַמע פונעם שיקסל און געבליבן שטיין מיט אַ רויט צעפלאַמט פּנים פון פראָסט. דאָס שיקסל האָט איר עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער, און די מאַמע האָט שטום אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אויך זי האָט געוואָלט וויסן, פון וואַנען דאָס פרעמדע שייגעצל איז אַהער מגולגל געוואָרן. דערווייל האָט דאָס שיקסל אַרויפגעשטעלט אויפן בענקל אַן ערדענע שיסל מיט הייסע קאַרטאָפל און פון אַ קריגל אָנגעגאָסן מילך.

אָפּגעצלמט זיך פאַר און נאָכן עסן, האָט משה — „טאַדעק", אַ זאַטער און דערוואַרעמטער, גענומען אויסדערציילן, ווי פאַראָרעמט איז זיין משפּחה געוואָרן נאָכן דייטשישן באַרויבן זייער האָב־און־גוטס אין פּויזנער געגנט. איצט, אין דער פרעמד, ליידן זיי הונגער. דער טאַטע ברענגט ווייניק אַריין אין שטוב. די נויט צעיאָגט די קינדער. ער אַרבעט ביי אַ דאָרפישן פּויער און וואָס ער קען ברענגט ער פאַר דער מאַמען מיט די יינגערע קינדער...

די גויע האָט געהייסן „טאַדעקן" צווואַרטן. איז גיך צוריקגעקומען

פון בוידעם מיט אַ שטיק וורשט און אַ ווייסן קעז. צו דעם צוגעגעבן אַ רונד שוואַרץ ברויט, וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן פון באַקאויון. דאָס אַלץ אַריינגעוואָרפן אין אַ תבואה־זעקל. זי האָט אַריינגערופן אירע אַ שכנה אָנקוקן דאָס פּוילישע ייִנגל, וואָס איז דורך די גער־מאַנצעס געפּרוּווט געוואָרן מיט נויט און הונגער. אויך די שכנה איז נישט געקומען מיט ליידיקן. דאָס שיקסל האָט איר אונטערגעטראָגן דאָס זעקל, ווו זי האָט אַריינגעוואָרפן דאָס וואָס זי האָט מיט זיך מיט־געבּרענגט, און צו דעם נאָך צוגעלייגט אַ גראָב לייוונטן העמד פאַרן ייִנגל איבערצוטאָן.

„טאַדעק" האָט פאַר אַלץ געדאַנקט מיט אַ „גאָט זאָל אייך באַצאָלן" און דערגעבן ווי זיין מאַמע וועט זיך דערפרייען, ווען ער וועט פאַר איר דערציילן וועגן די גוטע מענטשן און אויסלייגן פאַר איר די מתנות... אוי, וועט זי לויבן און בענטשן זיי. „טאַדעק" האָט פאַר־וואָרפן אויף זיך דאָס זעקל און אַרויס ווייטער זיך נאָכפרעגן אויף דער יאַלישקע...

די דאָרפגאַס האָט זיך געצויגן אין אַ גלייכער ליניע ביז צו אַ ווינטמיל, וואָס איז אין שטילן פראָסט געשטאַנען מיט די אומבאַוועג־לעכע פליגל. משה איז געגאַנגען דרייסט מיטן זעקל אויף די פּלייצעס, ווי ער וואָלט געטראָגן עפּעס צו מאָלן. הינטער דער מיל האָט ער זיך פאַרהאַלטן. ס'איז שוין געווען אַ שטיק אויף טאָג. דער פאַרצויגענער הימל מיט די אָנגעיאָגטע כמאַרעס האָט פאַרטונקלט די וועלט. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרנאַכט אין מיטן טאָג, און משה האָט געפילט, אַז דער פלוצעם שטילער דרויסן מיט דעם נאָכגעלאָזטן פראָסט וועט ברענגען אַ שניי. ער האָט געדאַרפט מיטן זעקל שפּייז דערגרייכן דעם וואַלד ביי טאָגליכט. אין דרויסן האָט טאַקע אָנגעהויבן פאַלן אַ געדיכ־טער שניי וואָס האָט נאָך מער אַלץ פאַרטונקלט. די שניי־פלאַטערלעך האָבן געשווינדלט פאַר די אויגן, שטיל געפאַלן און אַלץ באַדעקט. משה איז געווען אַליין אויפן ווייסן פעלד, אַ באַדעקטן מיט שניימעל. זיינע מלבושים, דאָס פּנים, די ברעמען, די וויעס, דאָס זעקל אויפן רוקן — אַלץ באַדעקט מיט ווייסקייט. נישט נאָר דער אָנגעשטרענגטער

גאַנג האָט אים מיד געמאַכט, אויך דער שניי, זיין ווייסקייט, זיין כסדרדיקייט. ס׳האָט אים געצויגן צו דער ערד — זיך לייגן, פאַרשטעלן ס׳פּנים, פאַרמאַכן די אויגן, אָבער די מורא פאַרשאָטן צו ווערן האָט אים געגעבן כּוח אויסצוהאַלטן און דערגרייכן דעם וואַלד. אונטער אַ בוים מיט ברייט צענומענע צווייגן האָט ער דעם זאַק פון זיך אַראָפּגעלאָזן, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי, אָפּגעכאַפּט אָטעם און ווייטער גענומען שפּאַנען. דער וועג איז שוין נישט געווען דער זעלבער, אויף וועלכן ער איז פון וואַלד אַרויס. ער האָט אים פּשוט נישט דערקענט. דיביימער — אַנדערע. די פייגל האָבן אויסגעקוקט אַנדערש און דאָס האָט פאַרגרעסערט משהס מידקייט. מיט אָנגעשטרענגטע אויגן האָט ער געוואָלט עפּעס דערקענען. ווו זענען אַהינגעקומען אַלע וועג־סימנים? אָט דאַכט זיך אים, אַז דאָ דאַרף שטיין דער פרוכטבעוואַטער בוים, וואָס אין דער נאַכט איז ער פאַר די ברידער ווי אַ לייכטנדיקער טורעם צו ווייזן די ריכטונג צו זייער באַהעלטעניש. נאָכן אָפּקראַצן פון בוים דעם שניישיכט, האָט משה געפונען אַ פאַרהאַרטעוועטע קאָרע. ווי שוין אַן אַלט דערפאַרענער וואַלד־תּושב האָט משה זיך ווייטער געלאָזט פירן פון אינסטינקט. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז ער שטייט מיטן פּנים צו דער זייט, וווהין ער דאַרף גיין. געגאַנגען, אַרויסגעשלעפּט די פיס פון אָנגעהויפטן שניי, וואָס האָט נישט אויפגעהערט פאַלן. און אָט האָט ער דערזען דעם פויגל וואָס קומט אָפּט צופליען צו די ביימער אַרום זייער באַהעלטעניש. דער פויגל האָט מיט די פליגל אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי. צו אָט דעם פויגל זענען משהס אויגן צוגעפאַלן ווי צו עפּעס באַקאַנטס, היימישס און זיך דערפרייט מיטן פאַרהיימישטן בעל־חי, וואָס קומט אָפּט צו פליען, ווען משה גייט פון זיך אַרויס די זעלבע פויגלקלאַנגען. זענען זיינע טריט געוואָרן זיכערער, דער זאַק אויפן רוקן — לייכטער, כאָטש אין קאָפּ האָט זיך געדרייט די ווייסע שיכּרות. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ געוואָי ווי פון אַ בלעכענעם מעכאַניזם. דאָס געוואָי האָט זיך דורכגעשניטן דורך דער ביימער־געדיכטעניש און דערגרייכט צו אים. משהלע האָט אָפּגעענטפערט מיט פויגלקלאַנגען. ער און פּסח האָבן זיך אָפּגעפונען.

אויף די סכּנותפולע וועגן זענען בײדע ברידערלעך וואָס אַ מאָל אַלץ דרייסטער געוואָרן און עקשנותדיק געראַנגלט זיך פאַרן וויטער־דיקן לעבן.

*

אין אַ לינדער נאַכט זענען יואל און יאַנקל אַרויס פון וואַלד, יעדערער באַזונדער און געגאַנגען צו פויערים, וואָס אין די שפּעטע נאַכט־שעהען האָט מען געקענט אָנקלאַפּן אין זייערע טירן. יאַנקל איז פון דעם וועג בשלום צוריק געקומען. יואלן האָבן די ברידער אָפּגע־וואַרט, און די נאַכט איז אַריבער אָן אים...

צו מאָרגנס איז פּסחל אַרויס זיך עפּעס דערוויסן וועגן עלטסטן ברודער. מיט זיין פאַסטעכבייטש איבערן אַקסל איז ער אַוועק צום דאָרף. ס'איז געווען אַ העלער, זוניקער טאָג. גרופּקעלעך פויערטעס זענען געשטאַנען לעבן די כאַטעס און זיך איינגעהערט, וואָס מען דערציילט: בעכטן אין דער נאַכט האָבן הויפישע פאַראַבקעס דער־הרגעט אַ ייִד, וואָס האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן אין וואַלד...

פּסח איז געשטאַנען מיטן אַראָפּגערוקטן דאַשיק איבער די אויגן און מער שוין נישט געקענט הערן דאָס גערייד. ער איז אַוועק מיט דער דאָרפגאַס צו די היפישע הייזער. דאָרטן האָט ער געזען שקצימ־לעך זיך זאַמלען אַרום אַ פרישן בערגל ערד. זיי האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז דאָ ליגט באַגראָבן אַ „זשיד”, אָבער איצט, אונטערן צלם, איז ער שוין מער נישט קיין ייִד...

פּסחל האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף. ער האָט איצט נישט געוואָלט אָנקוקן אַ מענטשלעך פּנים. געגאַנגען איז ער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, פאַרטראָגן אין טרויעריקע מחשבות. פּלוצעם האָט ער זיך אומגעקוקט און געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער: הינטער אים איז מיט ווייכע טריט אויף דעם שניי נאָכגעגאַנגען אַ הונט. ביידע זענען שטיין גע־בליבן אין דער אַרומיקער ווייסער שטילקייט. פּסח האָט זיך אָנגעבויגן, אַ גלעט געטאָן איבערן הונטס רוקן, ווי דאַנקענדיק פאַר באַגלייטן אים אין זיין טרויעריקער איינזאַמקייט. אין אָט דער רגע איז דער הונט אים נענטער געווען ווי אַ מענטש. האָט ער צו אים געמורמלט:

„קום, פריינד, באַגלייט מיך ביז צום וואַלד. דאָרטן וואַרטן אויף מיר מיינע צוויי ברידער, און דו וועסט צוריקגיין אַהין ווו דיין לעבן איז געזיכערט. די רוצחים וואָס האָבן נעכטן מיין ברודער דערהרגעט, וועלן דיין לעבן שאַנעווען, ווייל ביסט אַ הונט. און איך מוז גיין צו מיין פינצטערן לאַך אין וואַלד".

✶

נאָך די פראָסטיקע ווינטערטעג איז דער וועטער מיט אַ מאָל געוואָרן לינד, דאָס אייז אויפן בוג, פון דער מיזרח־זייט וואַלד, האָט זיך גערירט. די אייז־קריזעס האָבן מיטגעשלעפט שנייבערג, און אַ סטיכיע האָט צעריסן און צעשטערט אַלץ, וואָס איר איז געשטאַנען אין וועג, אַנגעיאָגט אַ פחד אויף מענטשן און חיות. די פאַרפלייצונג האָט אויך דערגרייכט דעם וואַלד. דער וואַסערשטראָם האָט מיטגעשלעפט די אָנגעהויפטע פאַרטריקנטע בלעטער און צווייגן, און אויך יונגע ביימלעך און קוסטעס. אין גיכן האָט פון דער ערד אָנגעהויבן אַרויסקוקן אַ מאָכיקע גרינקייט, וואָס האָט אויסגעהיט איר פריש אויסזען אונטערן שניי און אייז.

די הויכע בערג שניי האָבן פון שעה צו שעה זיך איינגעשרומפּן, געוואָרן גרוי מיט שוואַרצע פלעקן. אויך די שנייפאַסן לענג־אויס די וועגן זענען צו ביסלעך צעגאַנגען פון דער וואַרעמקייט פון דער זון, וואָס האָט מיט יעדן טאָג זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער אויפן הימל.

די ענדערונג אין וועטער וואָס איז אָנגעקומען אומגעריכט, האָט אָפּגעריסן די ברידער פון די ערטער, פון וואַנען ס'איז מעגלעך געווען עפּעס צו ברענגען אין וואַלד אַריין. די איינציקע רעטונג איז געווען דער קאַרגער שפּייז־רעזערוו, וואָס די ייִנגלעך האָבן זיך געהאַט פאַרשאַפט. אָפט האָבן זיי איצט געקוקט אין הימל אַריין, מיט פחד, געמישט מיט האָפענונג, אַז גאָר גיך וועט זיך אויסלייטערן און דער פרילינג וועט קומען.

ס'איז געפאַלן דער ערשטער מײַ־רעגן. נאָך די מוטנע וואַסערן פון דער פאַרפלייצונג האָט דער לויטערער, פריש שמעקעדיקער רעגן

אָפּגעשווענקט די פֿאַרבלאָטיקטע לאָנקעס און פעלדער. ס׳האָט מילד געוואָרעמט די זון. אָבער נישט די גאָלדיקע זונשטראַלן, נישט דער אָנגעקומענער פרילינג האָבן געקענט טרייסטן די ברידער.

ס׳זענען אַריבער אַ טאָג, צוויי, ממש פאַר די אויגן האָט מען געזען ווי עס הייבן אָן בליִען די קוסטעס ווילדע רויזן, די ביימלעך מיט וואַלד־יאַגעדעס. די בעריאָזעס, סאָסנעס און דעמבן זענען באַדעקט געוואָרן מיט פרישע גרינע בלעטער. ווידער האָבן די וואָרצלען צעפּירט איבער די ביימערשטאַמען און צוויגן די זאַפטן פון דער פעטער פוילישער ערד.

ס׳האָט אויפגעלעבט דער וואַלד. די נאָדלען אויף די סאָסנעס און יאָדלעס האָבן באַקומען אַ גלאַנץ. אויך די פייגל האָבן דערפילט דעם פרילינג און אין טשאַטעס זיך געלאָזט אין הויכן פלי אין הימל און צוריק צו די ביימערשפּיצן. דאָס געזאַנג פון די פייגל האָט זיך איבער־געררופן פון איין עק וואַלד צום צווייטן.

לענג־אויס די דאָרפישע וועגן האָבן זיך מיט מילך־ווייסקייט צע־בליט די ביימער און אָנגעפילט די לופט מיט זאַפטיקע ריחות. די גרינע לאָנקעס האָט דער פרילינג באַמאָלן מיט פאַרשיידנפאַרביקע בלימלעך. שיין און פאַרכישופנדיק איז געוועזן די וועלט. דער צעשיינטער פרילינג, די ליכטיקע טעג, דער צעשטערנטער נאַכטהימל זענען פאַר די ברידער געבליבן פאַרפינצטערט. דער צונויפטרעף פון יואלס טויט מיטן פרי־לינג האָט פאַרשאַפט די געבליבענע דריי ברידער נאָך אַ גרעסערן ווייטיק. יואל, זייער וועגווייזער, זייער ראָש איז אויף שטענדיק פון זיי אָפּגעריסן געוואָרן...

יאַנקל, דער איבערגעבליבענער עלטערער פון די דריי, האָט גע־מוזט פאַרנעמען יואלס אָרט. די צוויי קליינע יינגלעך, משה און פסח, האָבן געדאַרפט אים אָנערקענען פאַר זייער אָנפירער, און ער אַליין האָט געמוזט זיך צואייגענען יואלס שטאַרקן כאַראַקטער, זיינע דורכ־געטראַכטע גענג.

איין טבע האָט יאַנקל געהאַט איבערגענומען פון יואלן — נישט פאַרצווייפלען און האָפן, אַז אין סאַמע ערגסטן מאָמענט קאָן אויפשיי־

נען אַ שטראַל פון האָפענונג. אַזוי איז עס געווען, ווען ער האָט אין אײנעם אַ פאַרנאַכט, אין דער וואַלד־טונקלקייט, געטראָפן אַ באַקאַנטן ייִד פון אַ שכנותדיק דאָרף, וואָס זיינע באַקאַנטע פויערים האָבן אים געשטיצט מיט שפּייז מער, ווי ער קען פאַרברויכן. דער ייִד, הערצקע האָט ער געהייסן, איז גרייט געווען זיך טיילן מיט די ברידער, אַרויס־העלפן זיי אין דער נויט.

די דאָזיקע בשורה האָט יאַנקל אָנגעזאָגט די צוויי ברידערלעך. הערצקעס אָפטע וויזיטן צו זיי און זיין מיטגעבראַכטע שפּייז איז גע־וואָרן אַ דערלייזונג פאַר די ברידער. פון אים האָבן זיי אויך באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן דער מלחמה. אים זענען באַוווסט געווען אַלע פאַרלויפענישן אין לאַנד און אין דער וועלט. געוווּסט האָט ער פון די געהיימע בלעטלעך, וואָס פּוילישע פאַרטיזאַנער האָבן אים באַזאָרגט. די ברידער, אַליין, שטאַרק געליטענע פון זייערע אַמאָליקע דאָרפישע שכנים, האָבן מיט אומצוטרוי זיך באַצויגן צו דעם ייִדס צוטרוי און גלויבן אין די פּוילישע פאַרטיזאַנער.

— וווּנדערסט זיך וואָס מיר צווייפלען אין די פּוילישע פאַרטי־זאַנער? — האָט יאַנקל אים געפרעגט.

— טאַקע יאָ! — האָט הערצקע מיט פאַרדראָס אָפּגעענטפערט.

— ווייסט דאָך, וואָס זייערע שכנים אין דאָרף האָבן געמאַכט מיט די לאָזעווער ייִדן. קען מען אַזוינס פאַרגעסן? — האָט יאַנקל נישט נאָכגעגעבן.

הערצקען האָבן ווי געטאָן יאַנקלס רייד און ער האָט זיך צערעדט:

— לאָזעווע איז נישט וויעסק... מיט מיינע גויִים בין איך זיכער. מיט זיי בין איך אויפגעוואַקסן, געלעבט צוזאַמען אַלע מיינע יאָרן, געקעמפט צוזאַמען אין דער אַרמיי. זיי באַזאָרגן מיך מיט עסן און טרינקען, טאָ פאַר וואָס זאָל איך פאַרלירן דעם גלויבן אין מיינע שכנים? האָב איך דען וווּ אַנדערש צו גיין? אָן מיינע גויִים וואָלט איך שוין לאַנג געפגרט ווי אַ הונט. זיי האָבן מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט די פאַרטיזאַנער פון דער אַ־קאַ, היימישע כלאַפּעס, יונגען איינס אין איינס, אמתע פּוילישע פאַטריאָטן. מיט עטלעכע פון זיי האָב איך

געדינט אין דער פּוילישער קאַוואַלעריע, אַקסל ביי אַקסל. צוזאַמען מיט די פערד געשפּרונגען איבער סכּנותדיקע שטערונגען, צוזאַמען געליטן און צוזאַמען געהוליעט אויף זאַבאַוועס. איז מיר גוט וואָס איך האָב געהאַט און האָב וויטער, ווער עס זאָל מיר געבן הילף.

— אַז מ׳טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אין אַ שטרוי — האָט יאַנקל נאָך מיט רעזערוו צוגעוואָרפן.

— איר טרינקט זיך, נישט איך! — האָט דער ברייטפּלייציקער דאַרפסיונג אויסגערופן מיט זיין גראָבער שטים. — אָבער איך וועל פאַר איך נישט זיין קיין שטרוי אויפן וואַסער, נאָר אַ זיכערע רעטונג. פאַרלירט נישט דעם מוט! איך האָב זיך טאַקע געכאַוועט מיט דאָרפישע גויים, אָבער מיין האַרץ איז ייִדיש... איך וועל איך העלפן, מיט וואָס איך וועל נאָר קענען, אַזוי זאָלן מיר דערלעבן דעם טאָג פון באַפרייונג.

אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט איז הערצקע געווען באַשטימט אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ גרופּע פּוילישע „אַקאָוצעס״, וואָס אין שפּיץ פון זיי איז געשטאַנען איינער אין אַ דריישפּיציקן היטל, וועלכן מען האָט טיטולירט: „פּאַניע פּולקאָווניקו״. דער איז צו הערצקען געקומען בראָש פון אַן אָפּטיילונג באַוואָפנטע לייט, וואָס האָבן צו אים סאַלוטירט ביי יעדן וואָרט און ביי יעדן זיין אומדריי אין זייער ריכטונג. עפּעס אַ משונהדיקע, געהאַרכיק־הכנעהדיקע דיסציפּלין פון אַ באַנדע באַוואָפנטע פּויערשע יונגען צו איינעם, וואָס האָט געפּראַוועט פּוילישע אָפּיצירסקע שטיק. אויך דער ייִד, הערצקע, האָט געדאַרפט זיך איבערצייגן, אַז ער שטייט פאַר איינעם מיט אַ העכערן אָפּיצירן־ראַנג. דאָך האָט דער „פּאַן פּולקאָווניק״ זיך באַמיט נישט רעדן צום ייִד מיט זיין שטייפער אַנגעצויגנקייט, נאָר געבן אים צו פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ צייט ווען אַלע שמאַכטן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, דאַרפן אַלע, ווער ס׳איז נאָר פעיִק צו נעמען אין דער האַנט אַ ביקס, זיך באַטייליקן אין קאַמף קעגן די גערמאַנצעס. און בפרט דאַרפן עס די ייִדן, די צו מערסט פאַרפאָלגטע און געליטענע, איז דער פּאַרטיזאַנער־אָנפירער געקומען הערצקען פאַרלייגן, ער זאָל צונויפזאַמלען אַלע רעשטלעך ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס באַהאַלטן זיך אין די

וועלדער, און ער, מיט זיינע מיליטערישע קענטעגישן, וועט די ייִדן אָרגאַניזירן אין אַ באַזונדערער פּאַרטיזאַנער־איינהייט אונטער זיין, הערצקעס, אָנפירונג.

הערצקען, דעם אויסגעדינטן קאַוואַלעריסט, דעם דאָרשטיקן נקמה צו נעמען אינעם דייטשישן רוצח, האָט דער פּלאַן פון דעם פּוילישן אָפיציר ממש באַגייסטערט. ער האָט געבעטן עטלעכע טעג אויף צו־גרייטונגען.

אין דער באַשטימטער צייט איז דער זעלבער מיט זיין קאָמפּאַניע געקומען צו הערצקעס באַהעלטעניש אין פעלד, און הערצקע האָט זיי אַלע מיטגענומען אין וואַלד אַריין. הערצקע איז געגאַנגען אין דער שפּיץ פון דער מיליטערישער גרופּע, אויסגעשטעלט אין רייען, ביי דער זייט פון „פּאַן פּולקאָווניק”. זייער מאַרש מיט שטילע טריט איבערן גרינעם מאָך, האָט געפירט אין דער ריכטונג צו די ברידער, וווּ הערצקע האָט שוין געהאַט צונויפגעברענגט נאָך אַ פּאָר ייִדן, וואָס נאָר ער, דער הילף־צוטיילער, האָט געוווּסט פון זייערע אונטערערדישע לעכער.

די באַוואָפנטע לייט מיט הערצקען בראָש האָבן אומגעריכט זיך באַוויזן פאַר די זיבן ייִדן, וואָס זענען געזעסן ביי אַ צעברענטן פייער, געבראָטן קאַרטאָפל און ווייסע בורעקעס, וואָס הערצקע אַליין האָט זיי געברענגט צו טראָגן. אָנקוקנדיק די פרעמדע פּנימער מיט די אָנגע־האָנגענע ביקסן אויף די אַקסלען, זענען די ייִדן מיט דערשראָקענע אויגן אויפגעשפּרונגען, ווי גלייך צום אַנטלויפן... הערצקע מיט זיינע באַגלייטערס האָבן די ייִדן באַרויקט. דער פאַרגעשטעלטער קאָמענ־דאַנט, האָט די ייִדן געהייסן צוריק זיך אַוועקזעצן, פאַרגרעסערן דאָס פייער, ס׳זאָל ווערן ליכטיקער אַרום. מיט אַ שטילן טאָן, ווי אַ שול־לערער צו זיינע תּלמידים, האָט ער אָנגעהויבן וועגן ציל פון זייער וויזיט און פאַרענדיקט מיט שאַרף אַקצענטירטע ווערטער וועגן די קאַמף־אויפגאַבעס פון פּאַרטיזאַנער...

הערצקע האָט צוגעטאַקעוועט מיטן קאָפּ און מיט זיינע צע־שטראָלטע אויגן. אויך די ייִדן, מיט צערויטלטע פּנימער פון פייער

און פון זייערע צעצונדענע דמיונות, האָבן זיך שוין געזען באַוואָפנט מיט ביקסן, גרייט צום קאַמף, צו נקמה...

נאָר איינער פון די ייִדן איז געזעסן אַ צעציטערטער. ער האָט געוואָלט, אַז אויך זיינע ברידער זאָלן דערשפּירן דעם באַפאַלענעם אויף אים אומרו. די אַנדערע ייִדן זענען אָבער געזעסן באַרוישטע פון דעם אָפּיצירס רייד, נישט פילנדיק, אַז זיי זענען שוין געפאַנגענע אין אַן אַרומרינגלונג... אויך יאַנקל איז אַנגעצונדן געוואָרן פון געדאַנק, אַז ער וועט קענען אָפּצאָלן די רוצחים פאַרן טויט פון זיינע אַלע אייגענע און אַלע ייִדן. איז ער אַרויס מיט אַ פאָרשלאָג צום קאָמענ־דאַנט, גלייך ברענגען נאָך עטלעכע ייִדן, אויסגעבאַהאַלטענע נישט ווייט פון דאַנען. זיי האָבן אַן אוצר, וואָס פאַר דעם וועט מען קענען איינקויפן געווער. צו יאַנקלס פאָרשלאָג האָט דער קאָמענדאַנט איינגע־שטימט, אָבער נישט צו זיין בקשה מיטצונעמען מיט זיך די צוויי ברידערלעך, זיי זאָלן אים העלפן ברענגען אַהער יענע ייִדן. אַנשטאָט די ברידער האָט דער קאָמענדאַנט פאַראָרדנט, איינער פון זיינע לייט זאָל יאַנקלען באַגלייטן.

גלייך האָט אַ באַוואָפנטער שומר זיך אַוועקגעשטעלט לעבן יאַנק־לען. בײדע זענען אַוועק אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד אַריין. יאַנקלס אויגן, ווי ביי אַ נאַכטיקער וואַלד־חיה, האָבן געקוקט פאַרויס. יאַנקל האָט זיין שומר פאַרפירט אין אַ פינצטערער ביימער־געדיכטע־ניש, און דאָ האָט ער זיך אַ ריס געטאָן, געלאָזט הינטער זיך דעם צעטומלטן יונג מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס. יאַנקל איז זיג־זאַגיק געלאָפן, ביז ער איז אַוועקגעפאַלן צווישן געדיכטע קוסטעס... צו זיין געהער איז דערגאַנגען אַ קנאַלערייַ פון ביקסנשאָסן און גע־שרייען פון דעם אָרט, וווּ איבער די וויטע ביימער־שפּיצן, האָט זיך צום נאַכטיקן הימל געריסן דער אָפּשיין פון פייער, אין וועלכן מ׳האָט געבראָטן קאַרטאָפל... די געשרייען זענען באַלד פאַרשטומט געוואָרן. דאָס שיסערייַ האָט אויפגעהערט און דאָס פייער איז צו ביסלעך אויס־געגאַנגען. אַ פינצטערניש האָט פאַרשלונגען די וועלט.

באַגינען איז יאַנקל צוריקגעגאַנגען צו יענעם אָרט און געפונען

פאַרקוילטע רעשטלעך פון אויסגעברענטן שייטער, אַרום וועלכן עס זענען געלעגן די דורכגעלעכערטע גופים פון די ייִדן. טייל פון זיי — שוין צעביסן פון ווילדע נאַכט־חיות. אויך הערצקע איז געלעגן אין אַ זייט מיט פאַרשטייפטע פויסטן, ווי אַ געפאַלענער אינעם געראַנגל מיט די פוילישע רוצחים...

מיט ווילד אַרויסגעזעצטע אויגן, ווי אַ דולער, איז יאַנקל אַריינ־געלאָפן אין נאָענטן פישערדאָרף, לעבן בוג. מיט כּוח אַרויסגעשלעפּט פון אַ כאַטע איינעם מיט אַ לאָפּעטע, און ביידע האָבן באַערדיקט די דערמאָרדעטע ייִדן. אַ פאַרשטיינערטער האָט יאַנקל דערנאָך אַ לעצטן קוק געגעבן אויף דעם בערגל ערד און אַוועק אין דער וואַלד־וויסטע־ניש, נישט וויסנדיק וווהין זיינע אויגן וועלן אים פאַרפירן.

איין גורל

צווישן געדיכטע ביימערשטאַמען, איבער וואַלדישער ערד, אַ באַדעקטער מיט פאַרוועלקטע בלעטער און דאַרע צווייגלעך, האָט יאַנקל זיך געטראָגן מיט אַ ווילדן אימפּעט. דערהערט האָט ער שאָסן־אָפּהילכן פון אָרט, פון וואַנען אים איז נאָר וואָס געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פון דער אַרומרינגלונג פון אַ באַנדע פּוילישע פּאַרטיזאַנער־רוצחים, וואָס זענען באַפאַלן אַ גרופּע געראַטעוועטע יידן פון חרובן שטעטל. מיט אַלע זיינע פאַרבליבענע כוחות האָט יאַנקל זיך געטראָגן אין דער וואַלד־טונקלקייט, ביז ער איז אַוועקגעפאַלן צווישן געדיכטע קוסטעס.

ווען יאַנקל איז צו זיך געקומען, האָט ער ערשט אָנגעהויבן באַנעמען וואָס מיט אים און זיינע צוויי פאַרבליבענע ברידער, אַריינגעפאַלענע אין רוצחישע הענט, האָט פּאַסירט. אין דעם מאָמענט איז ער נישט בכוח געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער איז דאָ פאַרטראָגן געוואָרן. בלויז איין געדאַנק האָט אים אין מוח אַ זעץ געטאָן: פון איצט איז ער אַליין געבליבן, אַליין מיט זיינע פאַריתומטע יינגלשע יאָרן. שוין קיינעם נישט געהאַט, ווער ס׳זאָל צו אים אַ וואָרט אַרויסרעדן, ווער ס׳זאָל אים אַ טרייסט ברענגען, ווער ס׳זאָל אין אים וועקן מוט זיך אַנטקעגן צו שטעלן אַלע סכנות אינעם וואַלד. אַ דורכגענומענער פון אַנגסטן, האָט ער אַליין די מורא אין זיך אָנגעיאָגט, קיין אויסוועג צום וויטערדיקן לעבן מער פאַר זיך נישט געזען. אַזוי ליגנדיק מיט פאַרשטאַרטע בליקן צום שטיקל הימל איבער די הויכע ביימערשפּיצן, האָבן אים אַלץ שטאַרקער באַהערשט שלעכטע פאָרגעפילן. זיין פאַרנעפּלטער בליק האָט זיך געשפּרייט איבער אַ פּחד־פולער זעונג: זיין גרויסע אויסגעהרגעטע משפּחה. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אָנגעשפּיצט ס׳געהער, ווי אַן אַנטלאָפענער האָז פון עם

יעגער; קוים זיך אויף די פיס געשטעלט, גענומען שפּאַנען מיט װאַקלדיקע טריט װאָס האָבן געלאָזט נאָך זיך אַ שטיל געשאָרך פון די אָנגעשאָטענע טרוקענע בלעטער. ביימער מיט צעװיגטע צװײַגן האָבן געשװינדלט פאַר זײַנע אויגן. אַ װינטגעפּייף האָט אים באַגלייט איבערן לאַנגן װעג, װאָס האָט אויסגעזען אָן אַ סוף. געהאַלטן האָט ער אין די הענט דעם שטריק, װאָס ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זײַנע לענדן, געקוקט אויפן שטריק און געטראַכט אַ סוף צו מאַכן צו זײַן לעבן.

פון מאָל צו מאָל האָבן דורכלויפנדיקע װאַלד־חיהלעך אַ שװינדל געטאָן פאַרבײַ אים, אויף אַ װײַלע איבערגעריסן זײַן גאַנג. אַ דער־ציטערטער איז ער שטיין געבליבן, אַרומגעקוקט זיך און װײַטער גענומען שפּאַנען. געגאַנגען איז ער אָן אַ ציל. דער איבערפאַל האָט אים געיאָגט אַלץ װײַטער און װײַטער אין װאַלד אַרײַן, ביז ער האָט דערזען עפּעס, װאָס האָט פאַרהאַלטן זײַנע טריט. יאַנקלען איז אויס־געקומען, אַז ער האָט דערזען אַ סילועט פון אַ מענטשן. זיך דערנענ־טערט, ביז ער האָט דערזען טאַקע אַ מענטש מיט אַ באַװאַקסן פּנים, אַ צוגעבונדענער צו אַ בוים. זײַנע הענט — פאַרצויגן מיט שטריק, די פיס אײנער איבערן צװײטן צונויפגעבונדן. דער צעשױבערטער קאָפּ מיטן פאַרחלשטן פּנים אַראָפּגעבויגן אויף אַ זײַט: אַ יעזוס־בילד אויף אַ צלם... יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ ייִדישן קרבן פון װילדער רציחה. אויף גיך האָט ער צעבונדן די שטריק. מיטן װאַסער פון זײַן פלאַש האָט ער דעם ייִד, אָן אויסגעצויגענעם אויף דער ערד, צוריקגעקערט אַ ביסעלע חיות. צעעפנט די אויגן, האָט דער אָפּגעראַטעװעטער אָנגעהויבן זיך דערמאָנען, װאָס מיט אים איז געשען:

— פרעגסט מיך, ייִנגל, פון װאַנען איך קום? נישט פון הימלישן גאַר פון ערדישן גיהנום — טרעבלינקע. אַרויסגעריסן זיך פון יענעם רציחה־אָרט, בין איך אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון אַ גוי מיט אַ צלמל אויף דער ברוסט. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מער װי מײַן אָרעם לעבן פאַרמאָג איך נישט. האָט ער נישט געגלייבט און פאַרלאַנגט דאָס גאָלד װאָס איך האָב מיטגעבראַכט פון טרעבלינקע, אָדער ער װעט

אויף מיר ברענגען דעם זעלבן טויט, וואָס יידן האָבן געבראַכט אויף יעזוסן. עטלעכע שעה שפּעטער איז דער גוי ווידער געשטאַנען אַנט־קעגן מיר, ער איז געקומען זיך דערוויסן, צי איך האַלט זיך נאָך ביי מיין עקשנות מיטן „סוד". ס'האָבן נישט געהאָלפן מיינע אויסגע־קרעכצטע רייד, אַז נאָכן טרעבלינקער אויפשטאַנד, ווען ס'איז געלונגען צו אַנטלויפן, האָט מיטגענומען נאָר דעם אויסגעפּייניקטן גוף. נישט מיין וויינענדיק געבעט און נישט מיין פאַרחלשט פּנים האָט גערירט זיין גזלניש האַרץ. געקוקט האָט ער אויף מיר מיט בייזע, שטעכיקע אויגן, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן מיין נאָך לעבע־דיקן אָטעם. ביים אַוועקגיין האָט זיין אויסגעקרימט מויל מיר אָנגע־זאָגט אַ שווערן טויט: פריִער וועלן די פייגל מיינע אויגן אויספּיקן, די נשמה זאָל דורך די לעכער אַרויס... איך געדענק נישט, ווי לאַנג האָט געדויערט ביז אַ מלאך האָט דיך אַהער געבראַכט. איך געדענק נאָר, אַז מיט מיינע לעצטע כּוחות האָב איך פון זיך אַרויסגעבריגעגט סימנים פון אַ לעבעדיקן, אויף צו פאַריאָגן די שוואַרצע וואָראָנעס מיט די שפּיציקע שנאָבלען, וואָס האָבן געקרייזט אַרום בוים...

נאָך די רייד האָט דער ייִד דעם קאָפּ צוריק אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און טיף געאָטעמט.

רחמנות־געפילן צום אויסגעצויגענעם ייִד אויף דער מאָכיקער ערד זענען אָנגעקוואָלן אין יאַנקלס האַרץ. דער ייִד איז אים אַזוי נאָענט געוואָרן, און מיט מינוטן פריִער איז אַלץ פאַר אים און אויך פאַר יאַנקלען געווען פאַרלוירן. מיט שרעק איז ער דאָך ווי אַ דולער געלאָפן און געזוכט אַ בוים, אויף וועלכן ער זאָל קענען פאַרוואַרפן דעם שטריק און מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. און דאָ — לעבן אָפּגע־ראַטעוועטן ייִד... יאַנקל האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— אַברהם־הערש.

יאַנקל האָט אַ ציטער געטאָן.

— פאַר וואָס, ייִנגל, האָסטו זיך דערשראָקן?

— מיין טאַטן האָט מען גערופן מיטן זעלבן נאָמען.

— און ווי הייסטו?

— יאַנקל.

אַברהם־הערש האָט זיך שווערלעך אויפגעהויבן, אונטערגעשפּאַרט די הענט און אַנגעשטעלט דעם בליק אויף יאַנקלס פּנים. ביידע האָבן זיך פאַרחידושט אָנגעקוקט, ווי איינער דעם צווייטן וואָלט פּלוצעם דערקענט...

— אויך מיין נאָמען דערמאָנט דיר אין וועמען?

— יאָ — האָט אַברהם־הערש אַרויסגעקרעכצט — דער עלטסטער פון מיינע קינדער האָט געהייסן יאַנקל... יאַנקעלע... איך האָב אים מיט מיינע הענט איבערגעטראָגן צוזאַמען מיט מיין ווייב און קינדער פון גאַזקאַמער צום מאַסן־קבר, וווּ איך האָב אין טרעבלינקע געאַרבעט ביים אויסלייגן די טויטע. איך האָב אַפילו אַ טרער פון זיך נישט געקענט אַרויסברענגען. מער ווי זאָגן קדיש איבער זיי האָב איך נישט געקענט...

ביידע זענען געבליבן זיצן מיט איינגעבויגענע קעפּ און געשוויגן. אַברהם־הערש, שוין ווייסנדיק פון וואַנען יאַנקל איז אַנטלאָפן, האָט אַוועקגענומען דעם שטריק פון זיינע הענט:

— קום יאַנקל, מיר וועלן באַגראָבן די שטריק, זיי זאָלן אונדז נישט דערמאָנען אין טויט... דער גורל האָט אונדז ביידע צונויפגעפירט, ווי לאַנג אונדז איז באַשערט ווייטער צו לעבן. מיר מוזן פון דאַנען וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן. דער גוי קען ווידער זיך באַווייזן און אונדז טרעפן לעבעדיקע...

יאַנקל האָט זיך איינגעהערט צו די רייד און געלאָזט זיך פירן פונעם ייִד טיפער אין וואַלד אַריין.

די זון האָט אָנגעהויבן זיך אַרונטערלאָזן צום האָריזאָנט. טונקל־גראָע כמאַרעס האָבן זיך געיאָגט איבער די ביימערשפּיצן. טשאַטעס פייגל מיט צעפּאַכעטע פליגל האָבן שווער געשוועבט אַנטקעגן דעם ווינט, פאַרשוווּנדן איבער די וואָלקנס און ווידער זיך באַוויזן מיט אַראָפּגעלאָזענע שנאָבלען ביים נידערן צו זייערע נעסטן. די שקיעה־צייט אין וואַלד האָט אַרומגעהילט, געשיצט די צוויי ייִדן. די ערב־

באַכט־שעה איז פּאַר זיי אַ טונקעלע היֵיל געוואָרן, ווו זיי קענען זיך פאַרשטעקן און פילן זיך זיכער פון סכנות. אין איר קענען זיי זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט זייערע יסורים. צו דעם אַלעם וואָס האָט זיך באַוועגט פאַר זייערע אויגן, האָבן זיי זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. אין פאַרלאַנג האָט זיי געפירט ערגעץ ווו צו געפינען אַ מקום, וואָס זאָל זיין ווייט פון דעם אָרט, פון וואַנען זיי זענען באַר וואָס אַוועק. די מורא, אַז דער גוי קען זיי טרעפן לעבעדיקע האָט פאַרשנעלערט זייערע טריט, ביז זיי זענען דערגאַנגען צו אַ שטח מיט אַן אימהפולער שטילקייט, ווי קיין שום בעל־חי וואָלט דאָ די ערד נאָך נישט געהאַט באַטראָטן.

✱

אַ גאַנצע נאַכט האָט ווילק זיך אומגעדולדיק געדרייט אויפן שטרויענעם זאַק, ביז ער האָט זיך דערוואַרט ס׳זאָל אָנהייבן טאָגן. לויט דער אָפּגעלאָפּענער צייט האָט ער געגלייבט צו געפינען דעם ייִד אַ טויטן און אים ערגעץ באַגראָבן, דערנאָך אָנהייבן דורכאַקערן די ערד צווישן דיביימער, ווו דער ייִד האָט זיך פריִער אויפגעהאַלטן. אויף קיין אַנדער אָרט, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, איז דאָך נישט מעגלעך דאָס גאָלד זאָל ליגן באַגראָבן.

צו גלייך מיטן טאָג האָט ווילק אַוועקגעריטן צום וואַלד, מיט איין האַנט געטריבן דאָס פערד, אין דער צווייטער געהאַלטן אַ לאָפּעטע, די לענדן אַרומגענומען מיט אַ זאַק. דאָס צעכראַסטשעטע העמד איז געווען אָנגעבלאָזן מיט ווינט. אַזוי האָט דאָס גאַלאָפּירנדיקע פערד אים געטראָגן איבערן זאַמדוועג, לאָזנדיק הינטער זיך אַ וואָלקן שטויב.

צוגעבונדן דאָס פערד צו אַ בוים, איז ווילק אַוועק צום אָרט, ווו ער האָט דעם ייִד געלאָזן אין די אָרעמס פון טויט, און איז שטיין געבליבן לעבן בוים מיט אַ פּאָר אַרויסגעזעצטע אויגן. צו ערשט האָט ער געמיינט, אַז זיינע פיס האָבן אים פאַרפירט, געבראַכט נישט צום ריכטיקן אָרט. אָבער די סימנים אַרום בוים האָבן אים אַרויסגעפירט פון צווייפל. ווו, צום טייוול, איז דער ייִד אַהינגעקומען? אַליין אין וואַלד, ווי מיט שרויפן צוגעפעסטיקט צום בוים, און קיין צייכן פון

זיך נישט געלאָזט! וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? ווילק איז געשטאַנען מיט אַ צעצונדן פּנים, געקראַצט דעם קאָפּ, אַרויסגעלאָזט קולות פון אַ ווילדער חיה; געשטאָכן די ערד מיטן שפּיץ פון דער לאָפּעטע, געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין; געשפּיגן צום בוים וואָס האָט אים אַזוי אַנטוישט... אויף אַזאַ דורכפאַל האָט ער זיך נישט גערעכנט! „טפו!" האָט ווילק אויסגעסיקעט פון צווישן די ציין, זיך אומגעדרייט, אַ ווילדע שטיין געבליבן און ווידער מיט אַ פאַרקרימט מויל געזידלט און געשאָלטן. צום טיוול, אַזעלכע טעג מיט אַזאַ נאַכט! און אפשר גאָר האָט דער זשיד פאַרן באַפרייען אים פון די שטריק עמעצן דעם סוד אויסגעזאָגט? ווער קומט דען דאָ אין זיין חלק וואַלד אַחוץ אים? האָבן אפשר די וואָראָנעס, אַנשטאָט דעם ייִדנס אויגן, די שטריק צעפּיקט? קען דען אַזוינס פּאַסירן? האָט דאָך דער ייִד מיט די צע־שפּרייטע הענט אויסגעזען ווי אַ סטראַשידלע אין פעלד, וואָס שרעקט די פייגל... קען אויך זיין, דער ייִדישער טייוול האָט דעם ייִד באַפרייט פון די שטריק און מיטגענומען אים מיט זיך ערגעץ, ווו אַ מענטש קען נישט דערגרייכן? ווען ער איז נאָך אַ ייִנגל געווען, האָט ווילק געהערט אַזוינס דערציילן. ייִדן, ווען זיי געפינען זיך אין אַ צרה...

מיט שווערע טריט פון בוים צו בוים, אַ פאַרטראַגענער אין זיינע טראַכטעכישן, האָט ווילק פּלוצעם אָנגעטראָטן אויף שטיקעלעך צע־גראָבענע ערד. באַלד האָט זיין אויסזען זיך געביטן. ווילי־ונגעריש האָט ער אַ פייף געטאָן: אַהאַ! דאָ איז דאָס גאָלד באַגראָבן! אַזוי פיל מאָל אויף דעם פּיצל ערד געטראָטן און נישט באַמערקט! זענען אים די גאַנצע צייט די אויגן פאַרשטעלט געווען? כּדי אונטערצוהאַלטן די גוטע שטימונג האָט ער אַ פּאַפּיראָס פאַרדרייט און גיך זיך גענומען גראָבן די ערד. אַ ביסל טיפער האָט די לאָפּעטע זיך אָנגעשטויסן אין אַ ווייכן קעגנשטאַנד. יאָ, דאָס איז עס! אָוודאי איז דאָס גאָלד פאַר־וויקלט אין שמאַטעס. ווילק האָט זיך אָנגעבויגן, אַריינגעשטעקט די האַנט אינעם גריבל און פון דאָרטן אַרויסגעצויגן אַ ביגטל שטריק — זיינע אייגענע שטריק, מיט וועלכע ער האָט דעם ייִד צום בוים צוגע־בונדן. און נאָך עפּעס, איין שטריק — נישט זיינער, אַ פרעמדער...

דאָס האָט דעם גוי נאָך מער צעטומלט. אין קאָפּ האָט זיך ביי אים געמישט. „ניע מאָם שטשענשציאַ" (איך האָב נישט קיין מזל) — האָט ער אַ מרוקע געטאָן, אויסגעשפּיגן דעם נישט אויסגערייכערטן פּאַפּי־ראָס. מיט די אויגן צו דער ערד און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז ער אַרויס פון צווישן די ביימער, אָנגעהאָנגען אויף זיך דאָס בינטל שטריק. מיט פּאַמעלעכע טריט האָט דאָס פערד אים צוריק געבראַכט צו דער שטאַל. אין שטוב האָט ווילק אין אַזאַ פּאַסקודנער שטימונג נישט געוואָלט אַריינגיין. האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום הויכן לייטער אין דער סטאָדאָלע, אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם מיט היי און פון אונטערן דאָך אַרויסגעצויגן דאָס פאַרשטעקטע פלעשל מיט וואָדקאָ, וואָס ער האָט איינגעקויפט מיט אַ טאָג פריִער אויף צו פייערן זיין צוריקקומען פון וואַלד...

— אין זיין מאַמען אַריין, דעם זשיד! — האָט ווילק אַ זעץ געטאָן מיט דער האַנט די פלאַש פון אונטן, און דער קאָריק האָט אַ שפּרונג געטאָן אַזש צום שטרויענעם דאַך.

ווילק איז געלעגן אַן איינגעגראָבענער אין היי. אין אים האָט געזידט אַ ווילדע רציחה, וואָס ער האָט נישט געהאַט צו וועמען אויס־צולאָדן. האָט ער אַלע ווילע אונטערגעטראָגן די פלאַש צום מויל, געזשליאָקעט, ביז ער האָט דעם שווער געוואָרענעם קאָפּ אַנידער־געשליידערט אויפן היי און מער אים נישט געקענט אויפהייבן. דער אָנגעשטאָפּטער שייער מיט היי, בונטן שטרוי און פולע זעק מיט תבואה האָט זיך געדרייט פאַר זיינע פאַרגלאָסענע אויגן. אָט דאַכט זיך אים, אַז דער שייער, צוזאַמען מיט אים, קערט זיך איבער מיטן שטרויענעם דאַך אַראָפּ, און ער ליגט אַ פאַרשאָטענער, דערשטיקט צו ווערן. פאַרשיכורט פונעם בראָנפן און פרישן היי־ריח, איז ווילק פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

צעכראָפּעט, ווי אַ טעמפּע זעג ביים שניידן, האָט ווילק זיך ווידער געזען אין וואַלד ביי אַ בערגל גאָלדענע מטבעות. דער געלער שימער אויף זיינע האַנטפלאַכן... ער האָט געפילט די וואָג פון יעדן גאָלד־שטיקל. פון הינטער אַ בוים איז אַרויסגעקומען דער ייִד... ווילק האָט

געוואָלט זיך אַ הייב טאָן, לויפן, אָנכאַפּן דעם ייִד פאַרן האַלדז. האָט ער מיט קיין אָבער נישט געקענט רירן. אַרום זיין האַלדז האָט ער דערפילט אַ פאַרצויגענעם שטריק, וואָס האָט אים געשלעפּט צום בוים, ווו ער האָט דעם ייִד געבונדן. האָט ער בקולי־קולות געגרופן נאָך הילף. אַז ער האָט די אויגן אויפגעריסן, איז אָן איינגעבויגענע איבער אים גע־שטאַנען זיין ווייב מיט אַ בייז פּנים:

— דו שיכּור, ליגסט ווי אַ פּגר מיט דער פלאַש אויפן בוידעם, און די פערד, בהמות, חזירים הונגעריקע קוויטשען פון די אָפענע שטאַלן אַרויס! אַזאַ גאָספּאָדאַרזש ביסטו געוואָרן!

— מאַטקאַ, דער זשיד אין וואַלד... דער זשיד...

— ביסט משוגע געוואָרן!? ווו זעסטו היינט אַ ייִד?

— אין וואַלד, מאַטקאַ... ווי גאָט איז דיר ליב... יאָ, דער זשיד אין וואַלד...

— פאַרדריי נישט קיין קאָפּ מיט דיינע שיכּורע אויסטראַכטענישן. קריך אַראָפּ פון בוידעם און נעם זיך צו דער אַרבעט!

ווילק האָט פויל זיך אויפגעזעצט, געריבן דאָס פּנים מיט די הענט, געגענעצט און געשפּיגן מיט ביטערן שפּייעכץ. אָן אַ ווילן זיך צוגע־שאַרט צום לייטער ביים אַראָפּגאַנג פון בוידעם.

✶

די נאַכט האָט זיך געשטעלט איבערן וואַלד מיט אַ פולער קילעכ־דיקער לבנה. דאָס אָרט ביים ראַנד פון אַ בוים, וווביידע ייִדן האָבן זיך אויסגעלייגט רוען נאָך זייער לאַנגן און שווערן וועג, איז געווען באַלויכטן מיט אַ פאַרנעפּלטער שיין, וואָס דורך דעם צווייגנגעץ האָט זי זיך דורכבאַקומען און געפאַלן אויף זייערע טויט־בלאַסע, איינגע־פאַלענע פּנימער.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען יאַנקל מיט אַברהם־הערשן האָבן שוין עפּעס איבערגעקייט פון די פאַרטריקנטע ברעקלעך אין זייערע קע־שענעס, האָבן ביידע אָנגעהויבן פּלאַנירן וועגן מאַכן אַ באַהעלטעניש אונטער דער ערד. דעם פאַרצויגענעם שמועס האָט יאַנקל איבער־געהאַקט מיט זיינע פּראַקטישע עצות, וואָס ער האָט געדענקט פון די

יינגלשע יאָרן אין דאָרף. קודם־כּל האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין זיין עלטערן וואָלד־חבֿר, אַז מען דאַרף וויסן ווו מען געפֿינט זיך. צי דער וואָלד געהערט צו פּריוואַטע פּויערים, וואָס נישט אַלע טאָג קומען זיי אַהער שנײַדן ביימער, אָדער ס'איז אַ הויפֿישער וואַלד. כאָטש זעלטן זעט מען די פֿאַראַבקעס ביי וואַלדאַרבעט, קומט אָבער אַהער, יעדן טאָג, פֿון באַגינען ביז די זון פֿאַרגייט, דער וואַלדוועכטער מיט אַ ביקס אויפֿן אַקסל אָפּצוהיטן דעם פּריצס פֿאַרמעגן. זיינע בייזע הינט לויפֿן פֿאַרויס אויסצושמעקן פֿאַר אים דעם וועג. באַגינען וועט ער, יאַנקל, אַרויסגיין זיך אַרומקוקן, אפֿשר וועט ער קענען זיך אָריענטירן, אין וואָס פֿאַר אַ וואַלד זיי געפֿינען זיך.

צוליב דער שאַרפֿער קעלט וואָס האָט זיי אַדורכגענומען, זענען ביידע אַוועק זוכן אַ מער פּאַסיק אָרט אויף איבערצוקומען די נאַכט. זיי האָבן זיך פֿאַרהאַלטן לעבן געדיכטע קוסטעס און באַשטימט דאָ זיך אויסצולייגן. צווישן די ברייט צעוואַקסענע יונגע צווייגלעך וועלן זיי נישט אַזוי שטאַרק פֿילן די קעלט. מיט פֿלינקע באַוועגונגען האָט יאַנקל פֿון זיך אַראָפּגעצויגן דעם איבערשטן בגד און געוואָלט אים אויסלייגן. האָט ער זיך אַ דערשראָקענער צוריקגעצויגן. צוויי לייכטנדיקע אויגן האָבן אויף אים אַ קוק געטאָן און גלייך מיט אַ שפּרונג פֿאַרשוווּנדן אויף דער צווייטער זייט פֿונעם קוסט. אויך אַבֿרהם־הערש האָט אַ צאַפּל געטאָן, כאָטש אים האָט שוין נישט איין מאָל אַזוינס דאָ געטראָפֿן. האָט ער יאַנקלען באַרויִקט, אַז ס'איז אַ חיהלע, גרויס ווי אַ קאַץ, וואָס שרעקט זיך פֿאַר מענטשן. ער האָט געריבן די הענט, געוואָלט מיט עפּעס לייכטער מאַכן יאַנקלס דערשרעק און פֿאַרגעלייגט דאָ, ווו דאָס אָרט איז אויסגעוואָרעמט, איבערנעכטיקן.

יאַנקל האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט, אַ צי געטאָן אַבֿרהם־הערשן פֿאַרן אַרבל, און ביידע זענען אַוועק. זיי האָבן באַלד געפֿונען אַ צווייטן קוסט מיט נאָך מער אַרומנעמיקע צווייגלעך. דאָ האָבן ביידע זיך אַראָפּגעלאָזט, איינגעצויגן די קעפּ צווישן די אַקסלען. איינער האָט דעם אַנדערן געוואָרעמט מיטן הייסן אָטעם און אַזוי זענען ביידע איבערגעקומען די נאַכט.

באַגינען, װען גראָער נעפּל האָט געניִדערט צו דער מאָכיקער ערד, האָבן בײדע, באַדעקטע מיט פּײכטן מאָרגן־טױ, זיך אױפגעװעקט. איבער זײ איז געהאָנגען אַ שטיק טונקל גראָער הימל, גרױס װי די שפּאַרע צװישן די צװײגן איבער זײערע קעפּ. דער װאַלד האָט זיך געװעקט מיטן געטשװיטשער פון פײגל אין זײערע נעסטן, גרײטע צום אױפגײיענדיקן טאָג. פאַרציטערטע פון קעלט, האָבן יאַנקל און אַבֿרהם־הערש זיך געשטעלט אױף די פיס, צענומען די פאַרשלאָפענע אבֿרים, געקלאַפּט מיט די הענט איבער זײער גוף, ביז די בלוטן אין די אָדערן האָבן זיך צעװאַרעמט.

יאַנקל האָט באַשלאָסן אַלײן אַרױסצוגײן באַקוקן דעם שטח. טיפער אין װאַלד האָט ער אָנגעטראָפן קוסטעס מיט שװאַרצע יאַגע־דעס. די גלאַנציקע, צײטיק אױסגעשטאַנענע װאַלד־פּרוכט האָבן װי אים גערופן צו זיך. אַ דערפרײטער האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט און גענומען צופּן יאַגעדעס און לײגן זײ גלײך אין מויל אַרײן. אָנגעגעסן זיך, האָט ער גענומען רײסן יאַגעדעס פאַר זײן װאַלד־חבֿר, אױך ער זאָל זיך מחיה־נפש זײן. פּלוצעם האָט ער דערהערט נאָענטע שאָסן און דערפילט, אַז יעדער װעג צו אַנטלױפן איז פאַרצוימט. גיך האָט ער זיך אױסגעצױגן אױף דער ערד און זיך איבערגעדעקט מיט אָנגעריסענע צװײגן. װי נאָר ער האָט באַװיזן זיך אױסלײגן, האָבן איבער אים גענומען פּײפן קױלן און זיך אָנגעהאַקט אין די בײמער. שװערע סאָלדאַטסקע טריט האָבן װי האַמערס גענומען קלאַפּן אין זײן געהער. פון צװישן די בײמער איז אַרױס אַ דײטשישער זעלנער מיט אַן אױסגעשטרעקטער ביקס און באַװעגט דעם קאָפּ אױף רעכטס און לינקס. די טריט פון סאָלדאַטסקע שטיװל האָבן זיך דערנענטערט צו אים, און יאַנקל האָט זײ דערפילט ממש דערנעבן. אײן אױגנבליק — און זײן יונג לעבן איז געענדיקט...

פּלוצעם האָבן די שטיװל זיך פאַרנומען אין אַ זײט, אַרײן טיפער צװישן די בײמער און פאַרשװוּנדן. יאַנקל איז געלעגן אַ פאַרגליװער־טער, נישט געקענט מיט קײן אײבר רירן. דער מוח און דאָס האַרץ האָבן נאָך אַלץ געדריקט, זיך געצאַפּלט װי װעלנדיק זיך אַרױס־

באַקומען פון גוף. אין דער לופט האָט ער ווי געשפּירט די דריקנדיקע טריט פון דעם טויט־אַנזאָגנדיקן זעלנערישן געשטאַלט. אין דמיון האָט ער געזען דעם גרינעם זעלנערישן מונדיר מיטן שטאָלענעם העלם איבערן ברייטן פּנים, וואָס האָט נישט געוואָלט פון אים זיך אָפּטאָן. אָבער זיין לעבנס־אינסטינקט האָט אָנגעהויבן ברענגען צום לעבן זיינע פּאַראַליזירטע אברים, און ווי גערעדט צו אים: „שטיי אויף, דו אויסגעפּרוווטער מיט שווערע נסיונות. פּאַרלאָז דאָס אָרט וווּ דער רוצח האָט געטראָטן". דער דראַנג צו לעבן האָט אים צוריקגעפירט צו די יאַגעדע־קוסטעס. דער זיסער טעם אין מויל האָט אים דער־וויטערט פון די אָקערשט איבערגעלעבטע טויטאַנגסטן. נאָר יעדער שאָרך פון אַ בלעטל, יעדער שפּרונג פון אַ פייגעלע אויף אַ צווייג האָט אין אים אַרויסגערופן דעם זעלבן ציטער, ווי פריער די זעלנע־רישע טריט. ביים צונויפקלייבן די אָנגעריסענע יאַגעדעס, ביים שטעלן אַ טראָט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער דייטש פאַרפאָלגט אים. פּאַמע־לעך האָט די מהומה אין זיין געמיט זיך איינגעשטילט. אָנגעפּילט זיינע קעשענעס מיט יאַגדעס, האָט יאַנקל זיך אומגעקערט צום וואַלד־חבר.

אַברהם־הערש איז געזעסן אָנגעלענט אין אַ בוים, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן ווי אַן אָבל. זינט ער האָט געהערט דאָס ווייטע שיסעריי האָבן אים באַהערשט פיינלעכע געדאַנקען: וווּ איז איצט דאָס בחורל, זיין גואל, וואָס איז אים ווי פון הימל אַראָפּגעקומען? און איצט, ווידער אַליין אין אַ פיינדלעכער וויסטעניש. אוי ער וויל נישט מער טראַכטן... מיט דער האַנט האָט ער פאַרדעקט דעם קאַלטגעזוואַטן קאָפּ האָר און שטיל געמורמלט: „אין זכות פון מיינע אויסגעוויינטע תפילות צו דיר, גאָט, באַשיץ יאַנקלען, ער זאָל זיך אומקערן צו מיר אַ לע־בעדיקער"...

פּלוצעם האָט אַברהם־הערש אַ צאַפּל געטאָן דערהערנדיק אַ לאַנג צעצויגענעם פייף — יאַנקלס צייכן... ווי עס וואָלט מיט אים גאָרנישט נישט פּאַסירט, האָט יאַנקל זיך אַראָפּגעזעצט צו אַברהם־הערשן און גענומען אויסליידיקן זיינע קעשענעס. מיט אַ פאַרריסן פּנים צום הימל

האָט אַברהם־הערש אויסגעדריקט זיין פריידפון יאַנקלס צוריקקומען בשלום. ערשט ווען ער האָט אויסגעהערט יאַנקלען וועגן זיין איבער־געלעבטער טויטשרעק, האָט אַברהם־הערש איין אים אַריינגערעדט:

— נישט קיין צוייגן האָבן דיך פאַרשטעלט, נאָר די מלאכים וואָס באַגלייטן דיך אין אַלע געפאַרן...

צווישן געדיכטע קוסטעס אַרום גראָבע פּיעניעס פון אָפּגעשני־טענע דעמבעס האָבן בײדע געגומען גראָבן אַן אונטערערדישע באַ־העלטעניש. דאָ, ווו קיין ביימער זענען מער צום שנידן נישטאָ, און די ערד איז באַדעקט מיט אָנגעיאָגטע בלעטער, האָט קיינער נישט מער וואָס צו זוכן. אַברהם־הערש און יאַנקל זענען נאָך אַ שווערער האַרעוואָניע אַראָפּ אין זייער אויסגעגראָבענער באַהעלטעניש. אין דעם חושך האָבן זיי פאַרלוירן דעם חוש פאַר צייט. סוף טאָג זענען זיי אַהין אַריין, און צוריק אַרויס, בעת דער וואַלד איז געשטאַנען איינגעהילט אין חושך. די שוואַרצע נאַכט־פינצטערניש איז געוואָרן פאַר זיי דער נאָענטסטער פריינד, געגעבן ממש לופט צום אָטעמען, און געעפנט פאַר זיי דעם וועג צו זוכן מיט וואָס דאָס לעבן אויפצוהאַלטן.

✱

ווילקן האָט דער פאַרשווונדענער ייד פון בוים צעשטערט דאָס געמיטלעך פויעריש לעבן. ווו נאָר ער האָט געמאַכט אַ טראָט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער ייד פאַרשטעלט אים דעם וועג. אין די שטאַלן ביי די פערד און בהמות, מיטן אַקער אין פעלד — אומעטום איז דער ייד מיט די שטריק אים נאָכגעגאַנגען. סיי ביים יאָגעניש אין דער אַרבעט, סיי ביים שלינגען די צעפּאַרעטע שיסלען געקעכטס, סיי ביים קניען מיט צונויפגענומענע הענט אַנטקעגן פּנים — אומעטום איז דער ייד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן מיט צעשפּרייטע הענט. פּונקט ווי אויף די הייליקע בילדער אויף דער וואַנט...

אויב דער טאָג איז ווי עס איז מיט מאַטערניש אַדורך, זענען אָבער די נעכט פאַר ווילקן געוואָרן אַ שווער אָפּקומעניש. דאָס האַלטן אין איין יאָגן פון זיך דעם ייד האָט אים צוגענומען דעם שלאָף.

ווען נאָר ער האָט די אויגן פאַרמאַכט און אַרויסגעלאָזט די ערשטע כראָפּעס, האָבן זיינע פאַרשטיקטע אָמפּערייען מיטן ייִד, דאָס דריגען מיט די הענט און פיס — אויפגעוועקט אַלע שלאָפנדיקע אין שטוב. האָט ווילק קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי אַריבערטראָגן זיך אויפן בוידעם מיטן היי, און אַפילו פון דאַנען האָבן די שטוביקע געהערט זיין רעווען. איז ער אַריבער נעכטיקן אויפן בוידעם מיט שטרוי אין שײַער. נאָך אַזעלכע נעכט האָט ווילק קוים זיך געקענט האַלטן אויף די פיס. אַראָפּקריכן פון בוידעם פלעגט ער אַ שטיק אויפן טאָג און פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט. נישט געוווּסט צו וואָס פרײַער זיך נעמען. די ווילקאָווע, זיין ווייב, האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און פּרובירט רעדן צו אים מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן, כאָטש אין איר האָט געברענט אַ כּעס אויפן מאַן. מיט גוטן געוואָלט פון אים דערגיין די סיבה פון זיין מצב. זי האָט אים צוגערעדט פאָרן אין שטאָט צום דאָקטער, קריגן עפּעס איינצונעמען. די אַ רייד האָבן ווילקן ווייכער געמאַכט און ער האָט זיין ווייב דערציילט אַלץ, וואָס אים האָט געדריקט אויפן האַרץ.

די ווילקאָווע האָט זיך איבערגענומען סיי פון איר מאַנס אויסזען און סיי פון דער גאַנצער געשיכטע, וואָס האָט אויך אויף איר אָנגעוואָרפן אַן אימה.

— פּאָטער, זעסטו, דאָס געפעלט מיר אויך נישט... דאַרפסט גיין צום קשאָנדז און זיך מתוודה זיין. בלויז דער הייליקער פּאָטער קען דיר העלפן.

— האָסט רעכט, נאָר זאָג מיר צו, אַז די קינדער וועלן פון דעם נישט וויסן. זיי וועלן דאָס צעטראָגן איבערן דאָרף, און אַלע וועלן מיך באַרעדן... זאָג, דער מאַן דייַנער איז קראַנק און שוין.

ווילק האָט איינגעשפּאַנט דאָס פערד־און־וואָגן מיט די הויכע דראַבינעס, ווי צו דער אַרבעט אין פעלד, זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ זעקל מיט מעל און אַ יאָג געטאָן דאָס פערד צום פּאָדלאַזופּקער קאָשטשאָל.

אַז דער קשאָנדז מיטן ווייסן קאָפּ אין שוואַרצן, לאַנגן בגד, האָט

דורכן פענצטער דערזען אָנקומען ווילקן מיטן זעקל אויף די פּלייצעס, האָט אָפּגעהאַלטן זיין גאַנג צו דער בריטשקע, וואָס האָט פאַרן הויז געוואַרט צו נעמען אים צו אַ שווער קראַנקן אין שכנותדיקן דאָרף. דער קשאָנדז האָט פאַר ווילקן געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט אין אַ זייטיק צימערל. צו ערשט גוט זיך איינגעקוקט אין דעם זעקל מעל, וואָס ווילק האָט אַראָפּגעלאָזן פון זיך און פאַררוקט עס אין אַ ווינקל, ווו דער קשאָנדז האָט אָנגעוויזן. דערנאָך האָט ווילק אַ קוש געטאָן דעם קשאָנדזס האַנט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. באַלד האָבן ביידע פאַרפירט אַ שמועס. ווילק האָט געדרייט אין די הענט דאָס זונטיקדיק גראַנאַט־היטל מיטן לאַקירענעם דאַשיק. ווען ער האָט פאַרן קשאָנדז זיך מתוודה געווען, און נישט געקענט באַהערשן זיין ציטערנדיק קול. ער האָט אויסגעדערציילט די גאַנצע געשיכטע מיטן ייִד אין וואַלד און געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויפן גלח, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אַוועקגענומען די אויגן פון דער טיר, ווי אויף דער צווייטער זייט וואָלט מען געוואַרט אויף זיין אַרויסקומען. ווילק האָט אַ וויש געגעבן די וואָנצעס ווי אַ צייכן, אַז ער האָט געענדיקט רעדן.

דער קשאָנדז האָט גוט געקענט דעם קאַרגן ווילק, וואָס איז אַגב געווען פון די רייכסטע אין דאָרף. קוים האָט ער זיך דערלויבט אין מיטן טאָג ברענגען אַזאַ אָנגעזעענע מתּנה, איז עס אַ סימן, אַז די מעשׂה מיטן ייִד דערקוטשעט אים גאָר שטאַרק. דאַרף ער זיך ערנסט פאַר־טראַכטן, דער קשאָנדז, אויף צו געבן אַ געהעריקע תּשובֿה. איז ער געבליבן זיצן אַ פאַרקלערטער, דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף ווילקן:

— מיט די ייִדן... ס'איז דאָ ווער ס'זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען, און מיר, פּאָליאַקן, דאַרפן אין דעם נישט נעמען קיין אָנטייל. קען טאָקע זיין, אַ געטלעכע האַנט האָט דעם ייִד פון בוים באַפרייט. האָסטו גוט געטאָן וואָס ביסט געקומען זיך מתוודה זיין. דאַרפסט דיינע זינד אויסלייזן מיט תּשובֿה טאָן, מאָדליען זיך לענגער. זיי גוט צו מענטשן און שניַיד אָפּ דעם בוים, צו וועלכן דער ייִד איז געווען געבונדן. צעהאַק דעם בוים אויף ברענהאָלץ און צעטייל עס פאַר נויטבאַדערפ־טיקע... דערמיט וועסטו פּטור ווערן פון דיין ביידע.

דער קשאַנדז האָט ווילקן באַשפּריצט מיט טראָפּנס „הייליק וואַ־סער", אונטערגעטראָגן צו זיין פּנים אַ פיגורל מיט אַ צלמל, געהייסן דריי מאָל קושן און צוגעוווּנטשן, גאָט זאָל העלפן...

דערמיט איז ווילק צוריקגעפאָרן אַהיים.

זיין ווייב, די ווילקאָווע, איז געווען שטאַרק צופרידן פון איר מאַנס באַזוך ביים קשאַנדז, נאָר דאָס אויסהאַקן דעם בוים און צעטיילן דאָס האָלץ אומזיסט, האָט זי אָנגענומען פאַר זייער אַ שווערע שטראָף. ביידע האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווען מען שענקען דאָס האָלץ. די שכנים אין דאָרף וועלן אויף זיי קוקן מיט חשד, זיי באַרעדן, אַרומ־טראָגן אין די מיילער. נישט נעמען אויף זיך דעם קשאַנדזס שטראָף, וועט הייסן לייקענען אין גאָט. האָבן ביידע זיך דערעדט דעם בוים אויף שטיקער צעשניידן, אים איבערפירן טאַקע צו אים אַליין — צום קשאַנדז.

אַ צייט האָט גענומען, ביז די צעפּערטלטע שטיקער פון בוים האָבן דערגרייכט צום באַשטימטן אָרט. די גאַנצע צייט וואָס ווילק איז געווען פאַרנומען מיטן שניידן דאָס האָלץ, האָט ער געמיינט, אַז זיינע פּיינלעכע חלומות וועלן געדויערן ביזן אַריבערפירן דאָס לעצטע שטיקל צום קשאַנדז. ווען אָבער די שלאָפלאָזע נעכט האָבן אויך נאָך דעם אָנגעהאַלטן, און שטענדיק דער זעלבער חלום מיטן ייִד, האָט ווילק אָנגעהויבן איינגיין. געלאָזט זיך וואַקסן אַ באָרד, אויפגעהערט באַדינען זיינע בהמות, אָפּגעזאָגט זיך עסן צוזאַמען מיט דער משפּחה, געלעבט נאָר פון דעם וואָס ער האָט אָנגעשלעפּט אויפן בוידעם. ער האָט באַקומען דעם אויסזען פון אַ היימלאָזן בעטלער. דאָס דאָרף האָט געוווּסט, אַז ווילק באַהאַלט זיך אויס מיט זיינע משוגעתן, און קיינער האָט מיט אים נישט געהאַט קיין מיטלייד... מען האָט אים פיינט געהאַט פאַר זיינע כיטרע שטיק ביים אויפשטעלן זיין בעלי־בתּישקייט. קיינעם האָט ער קיין טובה נישט געטאָן. אַז מ׳האָט ווילקן געפונען אין וואַלד, אָן אָנגעלענטן מיטן קאָפּ אינעם פּניאַק פון אָפּגעשניטענעם בוים, אין אַ צושטאַנד פון גסיסה, האָט קיינער אים נישט באַדויערט...

*

פון זיין פריִערדיקן לעבן אין וואַלד ביז אַברהם־הערשן האָט יאַנקל שוין געהאַט אַ סך געלערנט, בעיקר פון זיינע סכנותפולע גענג אויף צו פאַרשאַפן זיך אויסקומעניש. אין איינער אַ פינצטערער האַרבסט־נאַכט, נאָך עטלעכע טעג כסדרדיקע רעגנס, איז ער געטריבן פון הונגער, אַרויס פון דער באַהעלטעניש. אין זיינע געלעכערטע שיך, אַרומגעוויקלטע מיט שמאַטעס, האָט ער אַוועקגעשפאַנט איבער צע־וויקטע פעלדער. געשלעפּט די פיס פון דער בלאָטע אויף פאַרגאָסענע לאַנקעס, ביז ער איז מיט מאַטערניש דערגאַנגען צו אַ פויערישער כאַטע. פון דאָרטן האָט זיך נישט געהערט קיין בילן פון אַ הונט. נאָכן צערודערן די קלאַמקע האָט אין דער אָפּגעלענטער טיר זיך באַוויזן אַ הויכער פויער. דערזען יאַנקלען, האָט ער מיט אַ בייז פּנים צוגעקלאַפּט די טיר. יאַנקל האָט נישט געקענט זיך רירן פון אָרט, איז גלייכגילטיק געווען צו אַלע געפאַרן און ווידער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר מיט אַ בעטנדיק קול:

— האָט רחמנות...

דאָס צווייטע מאָל האָט פון דער געעפנטער טיר זיך אַרויסגע־שטעקט אַ קאָפּ העלע האָר.

— ווער ביסטו, כלאָפּאַק? האָט אַ דין מיידלש קול געפרעגט.

— יאַנקעל, הערשקאָס זון.

דאָס שיקסל האָט אים אָנגעקוקט. ס'האָט אויסגעזען אַז זי האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט. זי האָט יאַנקלען געהייסן צוװאַרטן און צו־געלענט די טיר. יאַנקל האָט אין איר גליך דערקענט זיין געוועזענע מיטשילערין פון דער שקאָלע. מיט אַן אויער צו דער טיר, האָט ער זיך איינגעהערט אין אָנגעצויגענעם געשפּרעך צווישן די שטוביקע. דער פויער, דער הויפּט־דעה־זאָגער האָט זיך בייז צעשריִען:

— פאַרמאַכט די פּיסקעס! וואָס ווילט איר, מ'זאָל אונדז ווי די הינט צעשיסן צוליב אַ פאַרלייזיקט ייִדיש ייִנגל?

— קיינער וועט נישט זען און נישט וויסן, אַז ער וועט צו אונדז אַריין, וועט זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען און עפּעס אָפּעסן... איך האָב מיט

אים צוזאַמען געלערנט, געווען דער בעסטער שילער. פּאַטער, האָב רחמנות, אַזאַ דרויסן, אַ לעבעדיקער מענטש...

און אין דער כאַטע: דערזעענדיק איר מאַן מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט צו זייער טאָכטער, איז די מוטער אַריין צווישן ביידן. אויך זי, ווי איר טאָכטער, האָט געגלעט זיין אַקסל און ווייך גערעדט:

— האָב גאָט אין האַרצן, ביסט דאָך אַ געטרייער טאַטע, טו אונדז צו ליב און לאָז אַריין הערשקאָס יינגל...

— איר, צעקראַכענע באַבעס! אייערע שוואַכע קעפּ פאַרשטייען נישט, אַז גאָט האָט אויף „זיי״ נישט רחמנות געהאַט, זאָלן מיר, קאַטאָליקן, רחמנות האָבן אויף אַ זשיד? ווי קענט איר דאָס פאַרלאַנגען פון מיר?

— ביסט גערעכט, — האָט די פויערטע אים איינגענומען — אָבער איצט שטייט הינטער דער טיר נישט קיין ייִד נאָר אַליידנדיקער, אָרעמער מענטש, אַ הונגעריקער און געפרוירענער מענטש...

יאַנקל איז נאָך אַלץ געשטאַנען הינטער דער טיר, געציטערט פון קעלט און פון דער דערוואַרטונג, די טיר זאָל זיך פאַר אים עפענען. אינעווייניק אין שטוב האָט נאָכגעלאָזט די צערייצטע שטימונג. דער פריזער פויער, אַן איינגענומענער און געצוימטער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקעלע, אָנגעלענט דעם שטערן אין די הענט, איינגעשפּאַרטע אין די קני, אַריינגעקוקט אין שויס און געשוויגן. די שטוביקע האָבן אין דעם געזען זיין שטומע הסכמה. די פויערטע איז מיט גיכע טריט צו צו דער טיר און אַריינגערופן יאַנקלען.

אין דער וואַרעמער קיך האָט יאַנקל אָנגעהויבן אָטעמען מיט דער לופט, אָן אָנגעזאַפּטע מיט ריחות פון געקאָכטע עסנס. מיט שטומע צייכנס האָט די פויערטע יאַנקלען אָנגעוויזן ווו זיך אָוועקצוזעצן, דערלאַנגט אים אַ שיסל מיט וואַרעמע קליסקעס, באַגאָסענע מיט מילך.

מיט רחמנות האָבן די שטוביקע זיך צוגעקוקט צו יאַנקלס אויסגעהונגערט עסן. נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעקראַצט די שיסל, האָט דער פויער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט אַ זייטיקן בליק צו יאַנקלען

אים אויסגעפרעגט, ווו און מיט וועמען האַלט ער זיך אויף אין וואַלד, און פאַרענדיקט:

— אין דאַרף דערציילט מען, אַז אַלע ייִדן אין די וועלדער האָט מען אויסגערייניקט... און דאָך קריכן זיי אַרויס ווי די ווערעם פון אונטער דער ערד...

— מער קיין ייִדן האָב איך אין וואַלד נישט אָנגעטראָפן.

— הייסט עס, דו איינער ווילסט בלייבן ווי אַ געדעכעניש נאָך דיינע ייִדן...

— איך האָב דאָס נישט געוואָלט, נאָר אַזוי איז געשען...

— היט זיך אויס, כלאָפּעק, אפשר וועט דיר דאָס מזל צושפּילן. אָבער שווער אין דעם צו גלייבן. די מלחמה וועט זיך נאָך פאַרציִען.

דער פּויער וואָס האָט ביז איצט, ווי אַ זייטיקער, צוגעוואָרפן צו יאַנקלען שטעכיקע ווערטלעך, האָט אויף דעם איינגעקאַרטשעטן ייִנגל אָנגעשטעלט אַ פּאָר שאַרפע אויגן און מיט אַ גראָבן קול זיך צערעדט:

— זעסטו, זשידעק, ווי גוט איך, ייִדן, איז פריִער געווען אין פּוילן. צווישן אונדזערע מלוכה־פירערס האָט זיך קיין איינער נישט געפונען, וואָס זאָל קענען מיט אייך מאַכן אַזאַ חשבון, ווי די דייטשן. היטלער האָט פריִער געמוזט אָקופּירן פּוילן, כדי אייך אַריינצובאַקומען אין זיינע הענט. פאַרשטייסטו דאָס?

יאַנקל, אַ געטראָפענער פון דעם פּויערס רייד, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט אָפּצוענטפערן:

— פּאַניע, איר האָט אַ טעות, אויב איר מיינט, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן צוליב די ייִדן. דאָס איז דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַזעלכע, וואָס ווילן נישט פאַרשטיין, אַז מיר, ייִדן, זענען נאָר די ערשטע קרבנות צו דעם וואָס היטלער צילט. אין דייטשישע הענט געפינען זיך אויך די פּאָליאַקן...

— ריכטיק, ריכטיק — האָט דער פּויער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — אָבער הינטער אונדז שטייט די וועלט, וואָס וועט נאָך דערלאַנגען פעסטע קלעפּ די „שוואָבן". און וועמען האָט איר, ייִדן? נישט קיין לאַנד און נישט קיין פאָלק.

יאַנקל האָט פּרובירט זוכן ביים פּויער אַ שפּור פון מענטשלעך געוויסן:

— איבער טויזנט יאָר האָבן מיר געלעבט אויף דער פּוילישער ערד. מיטגעהאָלפן אַנטוויקלען דאָס לאַנד, קומט אונדז, אַז אויך פּאַליאַקן זאָלן אַנטיילנעמען אין אויסהרגענען די ייִדן? פּרומע קאַטאָ־ליקן גלייבן אין גאָט. אין אייערע הייליקע ביכער שטייט דאָך געשריבן, אַז איין מענטש דאַרף העלפן אַ צווייטן בעת אַ צרה...

— אָ־אָ־אָ — האָט דער פּויער צעצויגן זיין טרוקענע שטים — מיר האָבן מיט אייך געהאַט אַ לאַנגן חשבון. נו, איז געקומען די צייט זיך אָפּצורעכענען פאַר אַלע אייערע זינד...

יאַנקלען האָבן אַ ברי געטאָן די אַ רייד:

— פאַר וועלכע זינד? האָבן מיר וועמען פון אייך געמאָרדעט? באַראַבעוועט? ס'הייסט זינד, פאַר וועלכע גאָט באַשטראָפט...

דעם פּויערס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן:

— גאָט אַליין האָט אייך, ייִדן פאַרשאָלטן. דעריבער זענט איר אומגעקומען.

— דאָס האָבן אייך שלעכטע מענטשן איינגערעדט, אַזעלכע וואָס גלייבן נישט אין גאָט... די וואָס האָבן אויף פּוילישער ערד טרעבלינקע אויפגעשטעלט... גאָט שעלט נישט, ער בענטשט, הייסט דעם מענטשן גוט זיין. איר גייט אין קאָשטשאָל, פרעגט דעם קסיאָנדז.

די שטוביקע האָבן מיט נייגער זיך איינגעהערט צום שמועס. זייערע ערנסטע פּנימער האָבן באַקומען אַ מילדערן אויסדרוק, ווען זיי האָבן דערהערט דעם פּאַטערס נאָכגעלאָזענעם טאָן:

— ביסט נישט קיין נאַריש ייִנגל, האָסט אַ ייִדיש קעפּל אויף זיך. אפשר טאַקע וועלן די מענטשן בעסער ווערן, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן. ווען? ווייסט גאָט...

יאַנקלס געוועזענע שול־חברטע האָט פון אַ ווינקל אַרויס זיך איינגעהערט צו די רייד, נישט געוואָלט זיך לאָזן דערקענען. אויך יאַנקל האָט זיך געמאַכט נישט זען. ער האָט זי פאַרשטאַנען. און זי האָט זיך דערמאָנט אינעם פריִער פריילעכן שילער, וואָס זיינע קענטע־

נישן האָבן אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי די פֿויערשע קינדער.

פֿאַרן אַוועקגיין האָט יאַנקל זיך געשלאָגן מיט דער דעה — יאָ אָדער נישט בעטן עפּעס מיטצונעמען. צו זיין באַוווּנדערונג האָט אים דער פֿויער געהייסן צוואַרטן. פֿון אַ קיילעכדיק שוואַרץ ברויט האָט ער אָפּגעשניטן אַ שטיק און דערלאַנגט יאַנקלען, אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

צוריקקומענדיק אין וואַלד האָט יאַנקל געטראָפֿן אַבֿרהם־הערשן אין מיטן זיך שאָקלען ביים תּפֿילה טאָן. דערזעענדיק די פּאַרציע ברויט וואָס יאַנקל האָט צעטיילט אויף צוויי גלייכע חלקים, האָבן אבֿרהם־הערשס אויגן אויפֿגעלויכטן מיטן ביסל ליכט וואָס האָט נאָך אין זייערע טיפֿקייטן זיך אויפֿגעהאַלטן.

*

שאַרפֿע ווינטן האָבן געהוליעט איבערן וואַלד מיט וויענדיקע קול־לות, געוויגט און געבויגן די ביימער איינער צום אַנדערן. צווייגן, וואָס האָבן קיין מאָל זיך נישט באַרירט, האָבן זיך באַגריסט, צוזאַמענגע־פֿלאָכטן און זיך צוריקגעצויגן; זיך פֿאַרווילט אין ווינטיקן שפּיל אַזוי לאַנג, ביז אַ פֿראָסטיק וועטער האָט זיי באַרוּיקט. די שניידיקע קעלט האָט פֿאַרהאַרטעוועט אַלץ וואָס איז פֿרי׳ער געווען אָנגעזאַפּט מיט רעגן־פֿייכטקייט. אַזאַ וועטער האָבן יאַנקל און אַבֿרהם־הערש איבערגעלאָזט אויף דער ערד־איבערפֿלאַך, ווען ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין פֿינצטערן אונטערערדישן לאָך.

איבערן וואַלד איז געפֿאַלן אַ שניי. דורכזיכטיקע ווייסע פֿלאָטער־לעך מיט אַ בלויען שימער זענען געפֿאַלן געדיכט און שטיל איבערן שטח צווישן הימל און וואַלד.

דער שניי איז געפֿאַלן אָן אַן איבעררייס. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וועט קיין מאָל נישט אויפֿהערן. די צווייגן, די ערד, די ביימער — פֿון אויבן ביז אונטן — אַלץ איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ בלענדיקער ווייסקייט. צווישן די ביימער זענען אויסגעוואַקסן ווייסע בערגלעך, ווי הענט פֿון מענטשן וואָלטן זיי צונויפֿגעשאַרט.

ווען דער הונגער איז זיי ביידע באַפֿאַלן און ממש איינגעקלעמט

אין וויטיקן, איז דער ערשטער אַרויס אין וואַלד יאַנקל. פאַר זיינע אויגן האָט געשווינדלט אַ בלענדיקע ווייסקייט. אָן אָנגעזאַפּטער מיט דער טוכלער דומפּיקייט, האָט אים די טרוקענע פּראָסטיקע לופט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ער איז געפאַלן אַ פאַרחלשטער. אַברהם־הערש האָט מיט שניי אים געריבן דאָס פּנים. ווען יאַנקל האָט שוין מיט אַ קלאָרן בליק זיך אַרומגעקוקט, האָט ער דערזען אַברהם־הערשן, אָן אויסגעצויגענעם אויפן שניי, ווי ער אַליין איז עס געווען מיט מינוטן פריער. אַזוי האָבן זיך ביידע מיט זייערע אָפּגעשוואַכטע הענט געראַטעוועט איינס דעם צווייטן. שוין געקענט זיך האַלטן אויף די פיס, איז יאַנקל מיט דער לייזדיקער טאָרבע אויף דער פּלייצע אַוועק צו די פאַרשנייטע פעלדער און דורך זומוועגלעך זיך דערשלאָגן צו אַן איינזאַם הייזל, אָפּגערוקט פון דאָרף. ער האָט זיך איינגעבעטן, מ׳זאָל אים אַריינלאָזן. דער אָרעמער פּויער האָט נישט געהאַט מיט וואָס יאַנקלען אָנצוזעטיקן. די עטלעכע קאַלטע קאַרטאָפל מיטן ביסל זויערע מילך האָט אין אים נאָך מער צעוועקט דעם הונגער. דער פּויער האָט אים דערלאַנגט אַ גראָבן פּענעץ ברויט און געראָטן דאָס מאָל נישט אַריינצוגיין אין דאָרף, ווו די דייטשן האָבן דורכגעפירט מאַסן־רעוויזיעס.

אויפן וועג צוריק צום וואַלד האָט יאַנקל דאָס שטיק ברויט צעטיילט אויף צוויי. זיין טייל האָט ער מיט גיריקייט אויסגעצופּט ביזן לעצטן ברעקל. די קעשענע איז געבליבן ליידיק ווי זיין אויסגעהונגערטער מאָגן, וואָס האָט די צווייטע האַנט זיינע געשטויסן צו דער קעשענע מיט דער צווייטער העלפט, וואָס ער האָט געטראָגן פאַר אַברהם־הערשן. עטלעכע מאָל האָבן זיינע פינגערשפּיצן באַרירט דאָס שטיקל ברויט, און די האַנט האָט זיך צוריקגעצויגן, ווי פון אַ גלִיִיק אייזן. אויפן גאַנצן וועג צום וואַלד האָבן געקעמפּט אין אים צוויי כּוחות. ער אַליין האָט זיך געפילט ווי אַ שוואַכלינג צווישן דעם ביז באַפאַלענעם הונגער און זיין געוויסן, וואָס האָט איבערגעשריען דעם הונגער: האָסט געלאָזט דיין וואַלד־חבר אַ פאַרחלשטן פון הונגער און קעלט! ווי מיט אַ מאַגישער קראַפט האָט ער צוריקגעצויגן זיין האַנט פון דער קעשענע...

יאַנקל איז געבליבן שטיין, דעם קאָפּ אָנגעלענט אין אַ בוים. ער

האָט געוואָלט באַרויִקן זיינע צעשרויפטע נערוון. אָט לויפט אים דורך אַ געדאַנק: איינצוימען דעם הונגער מיט ווייך בעטנדיקע ווערטער. אָבער צו וועמען זאָל ער רעדן, וועמען איינבעמען? דער הונגער וויל־דעוועט, שרייט, שלעפט די האַנט צום רעפטל ברויט, און זיין האַרץ שטעלט זיך אַנטקעגן, שלעפט די האַנט צוריק. יאַנקלען האָט דער אומרו אַ שטויס אָפּ געטאָן פון בוים, און ער׳ט גענומען לויפן, געוואָלט אַנטלויפן פון זיך. פאַר וואָס געדויערט אַזוי לאַנג דער וועג צו זיין וואַלד־חבר? פאַר וואָס קומט ער אים נישט אַנטקעגן, העלפן אַ סוף מאַכן צום יסורימדיקן נסיון? אַ סוף צום ווילדן הונגער וואָס דרייט די געדערעם? פאַר וואָס איז ער אַליין, און דאָס מאָל נישט מיטגענומען אַברהם־הערשן ווי אין אַנדערע נעכט? אפשר האָט די השגחה, צו וועמען יאַנקל ווענדט זיך נאָך הילף אין סכּנותדיקע מינוטן, געוואָלט אים אויספּרובירן, שטעלן פאַר אַ נסיון? גוט וואָס די נאַכט־סימנים אויפן וועג צו דער באַהעלטעניש — די לייכטנדיקע פרוכנעוואַט־צעפוילטע שטיקלעך האָלץ — האָבן אַ שווינדל געטאָן פאַר זיינע אויגן און איבערגעריסן די שווערע געדאַנקען...

אַנקוקנדיק אַברהם הערשן מיטן שטיקל ברויט אין זיינע צעצי־טערטע הענט, האָט יאַנקל זיך געפילט שולדיק, פאַר די פריִער אים באַפאַלענע שוואַכקייטן און הנאה געהאַט פון אויסגעהאַלטענעם נסיון...

✶

יסורימפולע טעג און נעכט האָבן זיך געצויגן פאַר די צוויי וואַלד־יידן ביז דער רוסישער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו זיי און צע־טרייסלט די ערד. די אונטערערדישע באַהעלטעניש האָט געציטערט פון די האַרמאַטן־שאָסן צוזאַמען מיט די צוויי זיך אַרומנעמענדיקע יידן. די אַנטלויפנדיקע דייטשן האָבן דורכגעשניטן דעם וואַלד אויף מערב.

דער פייער־שטורעם האָט זיך איינגעשטילט. פאַרגליווערט זענען געשטאַנען די פריִער צעציטערטע ביימער, אָן אַ ריר זיך צו געבן. די פייגל האָבן נישט געלאָזט הערן קיין לעבעדיקן שאָרך, ווי אַלע פליִענדיקע וואַלד־באַשעפענישן וואָלטן פאַרברענט געוואָרן אין דער צעגליטער לופט. יאַנקל און אַברהם־הערש האָבן דערפילט אַז זיי זענען

לעבן געבליבן. דער הונגער האָט זיי אַרויסגעטריבן פון לאַך. זיי האָבן נישט געוווסט, ביז וואַנען דער פּראָגנאָז האָט זיך פאַרויסגערוקט. אַברהם־הערש האָט זיך דערשראָקן פאַר דער אַנגעלאָדענער וואַלד־שטילקייט, האָבן אים די מורא פאַר דער שטילקייט און דער דראַנג צו לעבן צוריק אַריינגעטריבן אין דער באַהעלטעניש.

דער יוגנטלעכער אימפּעט האָט יאַנקלען געשטויסן צו זוכן אַ ביסעלע מזל אויך אין די סכּנותפולע לעצטע שעהען, ערב דער באַ־פרייונג. איז ער אַריין טיפער אין וואַלד. די אָקערשט דערפילטע באַ־פרייונג סיגנאַלן האָבן אים געטראָגן פאָרויס. ווּהין, האָט ער אַליין נישט געוווסט. אַ צונויפמיש פון נישט קיין דורכגעטראַכטע מחשבות האָט אים באַגלייט און גרינג געמאַכט דעם וועג. ער האָט אָנגעטראָפן אַ גרופּע פויערטעס, אַנטלאָפענע פון זייערע ברענענדיקע כאַטעס. זיי זענען געזעסן אומעטיקע, פאַרזאָרגטע פון דער נאָר וואָס איבער־געלעבטער שרעק און גרויסן אָנווער. זיי האָבן אין יאַנקלען דערקענט אַ פאַרבלאָנדזשעט יידיש בחורל און אַפילו אַרויסגעוויזן צו אים רחמנות, געגעבן עסן. יאַנקל האָט געשטילט זיין הונגער און אים איז נאָך געבליבן אין די קעשענעס פאַר אַברהם־הערשן. די פויערטעס האָבן געעצהט, ער זאָל נאָך בלייבן לעבן זיי, ביז די רוסן וועלן אַריין. צווישן די פויערטעס האָבן זיך אָפּגעפונען עטלעכע, וואָס האָבן גוט געקענט זיין טאַטן, דעם שניטקרעמער אין דאָרף, און דאָס האָט אים מיט זיי נאָך מער פאַרהיימישט. יאַנקל, אַ באַרויִקטער און זאַטער האָט זיך צוגע־לייגט אָפּרוען. פּלוצעם זענען אָנגעלאָפן עטלעכע שקצים, וואָס האָבן פון די פויערטעס געוואָלט זיך דערוויסן וועגן דעם ייִד, וואָס האָט פריִער זיך אַרומגעדרייט צווישן דיביימער.

אָנקוקנדיק די בייזע יונגען, באַוואָפנטע מיט מעסערס, האָבן די פויערטעס זיך גלייך געכאַפּט וואָס עס דערוואַרט יאַנקלען, און אַלע, ווי צונויפגערעדט, האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אים, געבעטן מיט גוטן אים צו רו לאָזן. מיט רציחה האָבן די שקצים זיך צעשריִען:

— קיין איין ייִד טאָרן די רוסן נישט געפינען אַ לעבעדיקן! — און גענומען אַרומבישטערן איבעם וואַלד.

יאַנקל איז אין טויטשרעק געלעגן צווישן די ביימלעך. ווי זייער איגן לעבן וואָלט געווען אין סכּנה, האָבן אַלע פויערטעס זיך אַ לאָז געטאָן און פאַרשטעלט די כוליגאַנעס דעם וועג; געאַמפּערט זיך מיט זיי. עטלעכע פויערטעס זענען צוגעלאָפן צו יאַנקלען, אים אַרויסגערופן פון די קוסטעס און אַוועקגעפירט טיפער צווישן די ביימער, ווו ער איז טאַקע נעלם געוואָרן...

אַברהם־הערשן האָט יאַנקל געפונען ליגן אויסגעשעפּט, מיט פאַרהאַקטע ציין. אַ גלייכגילטיקער, האָט ער נישט רעאַגירט אויף קיין זאַך. יאַנקל האָט געשטופּט אין זיין מויל ברעקלעך פון דעם עסן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. לסוף האָבן די זאַפּטן פון ברויט מיט ווייסן קעז, באַנעצט מיט וואַסער, אַברהם־הערשן מחיה געווען.

אויסגעצויגענע אויף דער ערד, זענען ביידע געלעגן און גע־טראַכט וועגן זייערע לעצטע שעהען אין וואַלד. זיי זענען נישט בכּוח געווען וועגן עפּעס אַנדערש צו טראַכטן. אַברהם־הערש האָט געקוקט, געקוקט אויף יאַנקלס אָנגעשטרענגט פּנים, וואָס האָט אין אים אַרויס־גערופן דעם כּוח צו לעבן און אויסצוהאַלטן. יאַנקלען זענען אין דער זעלבער צייט געשטאַנען פאַר די אויגן די צעפלאַמטע פּנימער פון די פויערטעס מיט די צעפּאַכעטע הענט, ווי פליגל פון מלאכים... נאָך דעם ווי אַברהם־הערש האָט זיך דערוווּסט וועגן יאַנקלס לעצטע איבערלעבונגען, האָט ער מיט אַ שוואַך קול קוים אַרויסגערעדט:

— מיר ביידע — מיטן זעלבן גורל...

דעם אָנדענק פון מיין פאָטער
אַברהם־הערש, הי״ד.

דאָס בינטעלע האָר

ר׳ אַברהם־הערש האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפּחה תּלמידי־חכמים, אַנטלאָפֿענע פון די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד. שוין אין די יונגע יאָרן זיינע האָט ער געליטן פון די רדיפות אויף ייִדן, איז געווען געפּלאָגט און געיאָגט פון אָרט צו אָרט, ביז ער האָט געפונען זיין מקום־מנוחה אויף דער ערד פון אַמאָליקן פּוילן אונטער דער צאַרישער הערשאַפט. ער האָט געלערנט אין ישיבות, מיט זיין חריפות באַקאַנט געוואָרן אין חסידישע קרייזן ווי אַ גרויסער תּורה־קענער, וואָס פאַרקערפּערט פרומקייט און וויסן. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס ער איז אָנגעקומען צום אַלטן וואָרקער רבין, ר׳ שמחה־בינעם, און געוואָרן זיין הויף־פירער, די רעכטע האַנט ביים רבינישן שטול אין וואָרקע. געווען דער הויפּט־דעה־זאָגער איבער אַלע שמשים, געטיילט קוויטלעך און איינגענומען פּדיונות. אָנקומען צום רבין האָבן חסידים געקענט נאָר מיט דער הסכּמה פון יונגן בחור מיט דער זיידענער זשופּיצע, וואָס האָט דעם רבין באַגלייט ביי יעדן טראָט.

חסידים, וואָס האָבן אים געדענקט פון יענע צייטן, האָבן מיט יאָרן שפּעטער אויף אַברהם־הערשן געזאָגט, אַז אין אים איז פאַרבליבן אַ ניצוץ פונעם גרויסן צדיק, דעם באַגרינדער און באַזינגער פון דער חסידישער באַוועגונג אין ייִדישן לעבן אין אַמאָליקן פּוילן. דער אַ פונק האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין הדרת־פּנימדיקן אויסזען און טאָלעראַנץ צו יעדן בן־אָדם, און דאָס האָט אים אויך אויסגעטיילט פון דער סביבה. אַ ייִד, אַ חכם נישט בלויז אין תּורה־ענינים, נאָר אויך אין ייִדישן לעבן בכלל. אַ מבין אויף מענטשן, האָט ער געקענט טיפער אַריינבליקן אין דער נשמה פון יעדן איינעם, און דעם וואָס פלעגט קומען זיך האַלטן אַן עצה, האָט ער שוין מיטן ערשטן בליק

דערקענט, צי ער רעדט מיט אַן ערלעכן, אָדער מיט אַזאַ וואָס פֿאַר־שטעלט פֿאַר אים דעם אמת.

דער גורל האָט אים אָבער נישט געשאַנעוועט. אַברהם־הערש איז געבליבן אַן אַלמן מיט פֿינף קינדער. זוכנדיק פּרנסה פֿאַר דער משפּחה, איז ער מיט זיין צווייט ווייב און קינדער אַריין ווױנען אין אַ דאָרף מיט אַ גרויסער פּויערים־באַפעלקערונג און מיט אַ קליינעם יידישן יישוב. דער תּורה־לערנער, אַן אָוועקגעריסענער פֿון וואָרקער רבינס טיש, איז מגולגל געוואָרן אין אַ דאָרפֿס־הענדלער מיט שניט־סחורה אויפֿן אַרשין. מיט אַ פֿערד־און־וואָגן איז ער אַרומגעפֿאָרן איבער די דערפֿער. מיט דער הדרת־פּנימדיקער שוואַרצער באָרד און פּיאות און מיט זיינע פֿאַרחלומטע אויגן, האָט ער אויסגעזען ווי אַן עקזאָטיש געשטאַלט. פֿון אָנהייב האָבן די פּויערים אויף אים געקוקט פֿאַר־וווּנדערט: ווי קומט אַזאַ יידישער „ראַבין" צו אַ פֿערד־און־וואָגן, אָנגעלאָדן מיט די געבלימטע סחורות פֿאַר די פּויערטעס אויף אויס־צאָלעכץ? דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, זיי זאָלן זיך צו אים צוגעוווינען, אים אויפֿנעמען מיט רעספּעקט, און אַלט און יונג זאָלן פֿאַר דעם יידן ציִען די היטלען. מיט זיין שטיל רעדן און ערלעכקייט האָט אַברהם־הערש זיך דערוואָרבן אַ סך אָנזען און לויב צווישן דער פּויערשער באַפעלקערונג.

אַברהם הערשס געזינדל איז געוואָקסן צוזאַמען מיט זיין אייגנע־פּירטער פּרנסה, און אויך צוזאַמען מיטן כּבֿוד וואָס די דאָרפֿיִדן האָבן אַרויסגעוויזן צו זייער בעל־תּפֿילה און גייסטיקן שפּייזער. אים האָבן זיי געפּילט ביי אַן אָפֿענעם ספֿר אין בית־המדרש, ביים לערנען זיי אָפּגעהיטענע יידישקייט, ביים אויסגלייכן סיכסוכים וואָס האָט זיי איינגעשפּאָרט די טירחה פֿון פֿאָרן אין שטאָט אַריין צו אַ דין־תּורה. זיי האָבן הנאה געהאַט פֿון זיין פֿריינדלעך צעשמייכלט פּנים, פֿון זיינע קלוגע עצות. אַברהם־הערשס רבנישע מעשׂיות, דערציילט מיט אַ סך הומאָר און פּאָרכטיקער געשפּאַנטקייט, זענען נאָכגעדערציילט געוואָרן אין אַלע יידישע שטובן. דאָס שטילע יידישע לעבן אין דאָרף וואָלט זיך נאָך לאַנג געצויגן, ווען נישט די יידן־פֿיינדלעכע מגיפֿה וואָס האָט

אַרומגענומען דאָס פּוילישע דאָרף. דאָס פייער פון די אונטערגעצונ־דענע יידישע הייזלעך האָט פאַריאָגט די יידישע דאָרף־איינוווינערס. פאַראָרעמטע נישׂרפים, האָבן זיי זיך באַזעצט אין די אַרומיקע שטעט־לעך. אַברהם־הערש האָט געפונען אַן אָרט צווישן די יידן אין נאָענטן שטעטעלע סטערדין, ווו מ׳האָט אים שוין געקענט פון זיין ראָלע אינעם יידישן לעבן אין דאָרף. אויפן נייעם אָרט האָט ער געגאָסן פון זעלבן כבוד וואָס אים האָבן צוגעטיילט די דאָרפיידן. כדי ער זאָל זיך נישט פילן אַ געפאַלענער צוליב זיין פאַראָרעמטן מעמד, איז ער געוואָרן דער שמש אין שטעטל.

אַברהם־הערשס לעבן איז געווען אָנגעפילט מיט פּאָגראָמען, נגישות אין צאַרישן רוסלאַנד און אַנטיסעמיטישע רדיפות אין פּוילן, ביז צום אָנפאַל פון די היטלעריסטישע חיילות, ווען די יידן זענען אַריינגעפאַלן אינעם מוראַדיקן קלעם פון דער רוצחישער נאַצי־הערשאַפט.

אַ טרויער האָט געהויערט איבער די פאַרחושכטע שמאָלע געס־לעך אינעם שטעטל. דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט געדריקט די הייזלעך. אַ רעגן האָט פון צייט צו צייט דערלאַנגט אַ גאָס.

מיט שווערע טריט איז פון מאַרקפּלאַץ אָנגעקומען דער דייטשי־שער מושל האַנס. דאָס מאָל איז ער געגאַנגען אַליין — פויל, איינגע־האַלטן, ווי דאָס כמורע, קאַלטע וועטער וואָלט זיך איינגעפרעסן אין זיינע ביינער. שטענדיק ווען ער פלעגט זיך באַווייזן אין די יידישע געסלעך אין געיעג נאָך יידן, האָבן אויף דעם ברוק געקריצט די טשוועקעס פון זיינע שטיוול. אין די יידישע הייזקעס האָט מען גע־ציטערט פאַר זיין דונערדיקער שטים. יידן פלעגן דעמאָלט פאַרשווינדן אין די בוידעם־שטיבלעך און קעלערן.

איצט הערט אים קיינער נישט און קיינער ווייסט נישט, אַז האַנס געפינט זיך אין שטעטל און גייט אין מיטן גאַס, ווי עס וואָלט אים ווער געפירט, אַ געצוימטן אויף אַ שטריקל.

גייענדיק וואַרפט האַנס בייזע בליקן אויף ביידע זייטן יידישע הייזלעך. מיט אַן אַרויסגעשטרעקטן קאָפּ פון אויפגעשטעלטן שינעל־

קאָלנער, דרייט ער זיין מגושמדיק פּנים אויף רעכטס און לינקס און זעט נישט אויף דער גאַס קיין צורה פון אַ ייִד.

האָבן די ייִדן באַמערקט זיין אָנקומען און זיך אויסגעבאַהאַלטן? מ׳הערט דאָך אַפילו נישט זייער טריט — טראַכט דער דייטש.

האַנסן געפעלט וואָס ער, אַ דייטש, קאָן אָנוואַרפן אַ פּחד, אַפילו ווען מ׳זעט אים נישט. פאַר אים אַליין ציטערט אַ גאַנץ שטעטל ייִדן. אין דייטשלאַנד איז ער געווען אַ פויערים־יונג, וואָס אַפילו זיין פערד אין שפּאַן איז אים נישט שטענדיק געהאָרכיק געווען. דאָ, אין פּוילישן שטעטל, ציִען אַפילו די נישט־ייִדן פאַר אים דאָס היטל.

שטענדיק, ווען האַנס קומט אַריין אין שטעטל, האָבן די ייִדן אים צו געדענקען. אַ מאָל פלעגט ער שלאָגן פאַר נישט ציִען דאָס היטל, אַ מאָל — פאַר יאָ ציִען דאָס היטל. האַנס האָט ליב געהאַט שלאָגן, און דווקא אַזעלכע, וואָס האָבן געציטערט פאַר זייער לעבן. דאָס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין היסטעריש געלעכטער. ווער וואָלט אים איצט געשטערט אויפצורייסן אַ טיר פון אַ ייִדיש הייזל און אַרויסשלעפּן אַ פאַר צעשראָקענע ייִדן און געבן זיי צו דערפילן, אַז האַנס איז דורכגעגאַנגען די גאַס? אָבער צו אַזאַ שפּיל מוז מען האָבן שטימונג. איצט, אין פאַסקודנעם וועטער, איז זיין שווערער גוף פויל צו אָנהייבן אַרומיאָגן זיך נאָך צעשראָקענע ייִדן.

האַנסן פאַרדריסט אָבער, וואָס איבער דער גאַנצער לענג פון שטעטל באַגעגנט ער נישט קיין איין ייִדיש פּנים. ער וואָלט איצט נישט געשלאָגן, אָבער אַ כאַפּ געטאָן אַ ייִד, וואָס זאָל אים אַריינפאַלן אין די הענט, און געמאַכט אים צו שאַנד. דאָס וואָלט ער יאָ געטאָן. אַזאַ שפּיל וואָלט אים אויפגעמונטערט, געמאַכט לעבנס־לוסטיקער.

האַנס האָט פּלוצעם פאַרריסן זיין קאָפּ. ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ צוגעמאַכטער טיר. איבער די טרעפּ פון אַ בוידעם־שטיבל האָט ער דערזען אַראָפּגיין אַן עלטערן ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט אַ צעקנייטשט פּנים און אַ ייִדיש־געבערגלטער נאָז. ער איז צו צום הייזל און געבליבן שטיין מיט אַ שמייכעלע אויף די איינגעצויגענע ליפּן.

דער ייִד האָט אויפגעצאַפּלט, אַנקוקנדיק מיט ברייט צעעפנטע אויגן דעם דייטש.

— קאָם הער, יודע!

דער ייִד האָט אונטערטעניק געצויגן דאָס היטל און זיך דער־נענטערט צום דייטש.

— זאָג מיר, יודע, ווו איזט איין האַר־שניידער?

דער ייִד האָט מיטן פינגער אַ וויַיז געטאָן אויפן שכנותדיקן הייזל.

— קאָם צייג מיר!

דער דערשראָקענער ייִד האָט צוגעפירט האַנסן צו דער שוועל פון פריזירער און געבליבן שטיין.

האַנס האָט אַ קוק געטאָן אויפן אַלטן און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ ווילד געלעכטער:

— דאָס בראַוך איך דעם האַרשניידער פאַר דיר, יודע!

אַ צעטומלטער האָט דער ייִד געבעטן דעם דייטש, ער זאָל אים לאָזן צו רו.

פון האַנס פאַרקרימטן פּרצוף האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שפּיזיקע אויגן. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט מיט אַ שטייפן פינגער און ווילד אַ געשריי געטאָן:

— אַריין!

ביים פריזירער איז האַנס שטיין געבליבן מיט צעשפּרייטע פיס, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, דעם ייִד באַפוילן זיך זעצן אויף דער שטול וואָס אַנטקעגן שפּיגל און דעם שערער אַ רוף געטאָן:

— הער מאַל, שנייד אַרונטער די באָרד ביי דיזעם יודע, זיין געזיכט זאָל בלייבן גלאַט ווי ביי מיר, פאַרשטאַנען? צום טייוול! איר, יודן, מוזט דאָך לערנען די דויטשע קולטור! וואָצו זינד וויר היר געקאָמען?! יודן מיט בערד אויף דער שטראַסע?! איך וועל דאָס נישט דולדן!

דאָס געלע פּנים פונעם ייִד האָט אַ ציטער געטאָן, ווי מען וואָלט עס מיט אַ מעסער איינגעשניטן. אויך דעם שערערס הענט האָבן געציטערט, צי פון פּחד פאַרן דייטש, צי פון שניידן די באָרד ביים

שמש פון שטעטל. ווי וועלנדיק זיך אויסקויפן פון דער אויפגעצווונגע־נער זינד, האָט דער שערער מיט פאַרשטעלטע ווערטער געטרייסט זיך און דעם שמש:

— ר׳ אַברהם־הערש, אַ צייט אַזאַ. דער איבערשטער וועט אונדז נאָך העלפן...

ווען דער דייטש איז אַרויס פון פריזירער מיט אַ שפּאַטיש גע־לעכטערל, האָט ר׳ אַברהם־הערש צוזאַמענגעקליבן די צעוואָרפענע האָר פון זיין אָפּגעשניטענער באָרד, אַזוי ווי מען קלייבט צונויף צעפלויגענע בלעטלעך פון אַ היילקן ספר. און ווען ער איז געקומען אַהיים, איז ער לכתחילה געבליבן שטיין אָן לשון ביי דער טיר. די שטוביקע האָבן פון אָנהייב דערקענט אויף אים בלויז די מלבושים און זיין קול, וואָס האָט מיט עקל און צאָרן אַרויסגעברומט:

— י־מ־ח ש־מ־ם!..

ר׳ אַברהם־הערשס ווייב, אַ מאַמע פון קינדער, האָט פאַרבראָכן די הענט. מיט רחמנות האָט זי געקוקט אויף איר מאַן, וואָס זי האָט אים נאָך קיין מאָל אַזוי נישט געזען.

די קינדער האָבן זיך באַמיט דעם טאַטן לייכטער מאַכן דעם צער.

— האָר זענען דאָך נישט ווי, חלילה, אָפּגעשניטענע אֵברים. אַ באָרד טוט ווידער אָנוואַקסן...

נאָר דעם טאַטן האָבן אין האַלדז געשטיקט נישט קיין אויסגע־וויינטע טרערן. אין זיין וויסטן צער האָט ער געהאַלטן פאַרשלאָסן דאָס האַרץ. נישט געענטפערט גאָרנישט. אַ פאַראַבלטער, איז ער געבליבן זיצן ביים טיש אין אַ שטומען וויי און נישט צוגעלאָזן צו זיך טרייסט־ווערטער. זיין בליק — איינגעגראָבן אין דעם בינטעלע האָר...

די לעצטע ליכטשטראַלן פון פאַרגייענדיקן האַרבסטטאָג האָבן געצייטערט אויף די ווענט און מאָדנע באַלויכטן דאָס געפייניקטע פּנים פונעם אַלטן. אַ פאַרטראַכטער איז ער געזעסן אין דער טונקל געוואָ־רענער שטוב. זיין פאַרגאַנגען פרום לעבן וואָס האָט ווי אַ רצועה אַרומגעוויקלט זיין צעפייניקטע נשמה, האָט פאַר אים איצט אויפגע־טויכט. אַט דאַכט זיך אים, אַז ער זיצט אין בית־המדרש, צווישן מינחה

און מעריב, אונטערהאַלטנדיק מיט איין האַנט די גמרא און מיט דער צווייטער האַנט פאַרבייגט ער די שפּיצן פון זיין באָרד צום מויל און ציט אונטערן נאָז דעם גמרא־ניגון. אָט איז אַ שבת־פאַרנאַכט, און יידן זינגען זמירות. אָפּגעגעסן שלש־סעודות און מיטן אַרבל פון דער ניידענער זשופּיצע גלעט ער די באָרד און וואָנצעס, באַזייטיקנדיק די קרישקעס וואָס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער האָר־געדיכטעניש.

פאַרטראָגן אין די זכרונות פון זיין פאַרגאַנגען לעבן, האָט ר׳ אַברהם־הערש פאַרלוירן דאָס געפיל פאַר צייט. ווי לאַנג זיצט ער אַזוי מיטן בליק צוגעשמידט צום בינטעלע האָר פון דער אָפּגעשניטענער באָרד? די טונקלקייט האָט פאַרשלונגען דאָס צימער, און דער אַלטער שמש איז מיט אַ בלאַס, פאַרענדערט פּנים און מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק נאָך אַלץ געזעסן, איינגעהילט אין טיפן שווייגן.

עמעצער אין שטוב האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. אַברהם־הערש האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ קאָשמאַר־שלאָף און גענומען פאַרשטיין די שטאַמלענדיקע רייד פון די שטוביקע, וואָס זענען נישט אָפּגעטראָטן פון אים. אַ מידער, פול מיט צער, האָט ער עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דער טיף אַדורכגעלעבטער ווייטיק האָט פאַרשלאָסן זיינע ליפּן. די אָפּגעשוירענע האָר פון זיין באָרד, אַרומגעבונדן מיט אַ פאָדעם, האָט ער אַריינגעלייגט אין זיין טלית־זאַק צווישן בײדע תפילין־זעקעלעך.

ווי אַן אָבער נאָך אַ געשטאָרבענעם נאָענטן מענטש, אַזוי האָט אויסגעזען ר׳ אַברהם־הערש נאָכן אָפּשערן אים די באָרד. אַ טיפער טרויער האָט אַוועקגענומען זיין רו. זיין פריערדיקער קלאָרער שכל, זיין פעיקייט צו פירן אַ געלאַסענעם שמועס האָט פאַרטוישט אַ שווייגעניש, און שטענדיק — אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין די הענט, ווי זיך געשעמט ווייזן זיין גלאַט פּנים. די אויגן — פאַרזונקען אין אַ צעעפנטן ספר. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט פאַרלוירן אַ טייל פון זיין שיינער וועלט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים וואָרקער רבין...

*

נאָך פאַרן איינפירן די געטאָ האָבן זיך באַוויזן ביי די ייִדן סימנים פון טיפוס־קראַנקייט. נאָכן דייטשישן אָנפאַל אויף די סאָוועטן האָט זיך דער עלנט נאָך מער פאַרגרעסערט. די טיפוס־קראַנקייט איז געוואָרן אַ פּלאָג און נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן פּעלקער...

די דייטשישע מאַכט האָט אָנגעהויבן אַ ברייט־פאַרמאָסטענע „אויפ־קלערונגס"־אַקציע צו באַווייזן, אַז די טיפוס־באַצילן קומען נאָר פון די ייִדן. דאָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַלע מינים אַנטיסעמיטן און מיטגעווירקט, אַז גרעסערע טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג זאָלן זיך אָפּגרענעצן פון זייערע ייִדישע שכנים.

מיטן איינפירן די געטאָ האָבן די דייטשן געוואָרנט די פּאָליאַקן, מער נישט צו קומען אין באַריר מיט ייִדן, ווייל דער טיפוס קומט פון געטאָ. די טאָגצייטונגען און אילוסטרירטע זשורנאַלן זענען געווען פול מיט קאַריקאַטורן פון ווילד־באַוואָקסענע ייִדן, מיט קאָלטענעס אין די בערד און פּיאות, די קעפּ — באַזעצט מיט לייז... איבער די בילדער איז מיט אַ דיקער שריפט געווען געדרוקט: „אויסמיידן ייִדן — טיפוס!"

די דייטשן האָבן פּלאַנירט, אַז דער אויסגעוויילטער ווין־שטח פאַר ייִדן זאָל זיין וואָס קלענער. די כוונה איז געווען: וואָס ענגער ייִדן וועלן זיין צוזאַמענגעפּאַקט, אַלץ מער וועלן זיך פאַרשפּרייטן עפּידע־מישע קרענק, און אַלץ מער וועלן ווערן די טויטפאַלן. די שטעטלשע ייִדן און די פּליטים, שפּעטער אויך די אַריינגעטריבענע ייִדן פון די אַרומיקע דערפער, זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ קליינעם טייל פונעם שטעטל. צוליב דעם האָט די טיפוס קראַנקייט געטראָפן אַלץ מער ייִדן.

די איזאָלירטע ייִדן אין געטאָ זענען געבליבן אָן מעדיציניש הילף. אַ פּוילישער דאָקטער האָט נישט געטאָרט באַהאַנדלען אַ ייִדישן קראַנקן, און די פּוילישע אַפּטייקן איז געווען שטרענג פאַרווערט צו פאַרקויפן ייִדן רפואות. איז דער מצב פון די ייִדישע קראַנקע געווען טראַגיש און ס'האָבן זיך געמערט די טויטפאַלן.

ר' אַברהם־הערש האָט נישט געקענט מער איינזיצן אין שטוב.

אַרומגעבונדן ס׳גלאַטע פּנים, איז ער אַרויס באַדינען די קראַנקע ייִדן, וואָס האָבן קיין ברירה נישט געהאַט און געלעגן אין די בעטן צוזאַמען מיט די שטוביקע. ער האָט געווירקט מיט זיין שטאַרקן גלויבן, אַז ייִדן זאָלן נישט פאַרלירן זייער האָפענונג, ווייל גאָטס הילף וועט זיכער קומען.

פון די ייִנגסטע יאָרן האָט ר׳ אַברהם־הערש געשעפּט זיין וואָרט פון חסידישן פּאָלקסקוואַל. אַ דאַנק זיינע הייסע תּפילות און תּורה־לערנען האָט ער געקאָנט רעדן מיט גאָט און בעטן רחמים פאַר זיך און פאַר כּלל־ישׂראל. ביי וועמען זאָל ער זוכן טרייסט אין אַזאַ שרעקלעכער צייט מיט אַלע אירע גרוילן און רציחות, אויב נישט ביים גאָט פון ישׂראל? נאָכן אויסטענהן זיך מיט אים איז ער געגאַנגען צו די שטעטל־שע קראַנקע — וועמען אַרומוואַשן, בייטן אַ העמד, זוכן אַ וועג צום קריסטלעכן דאָקטער, ער זאָל פאַרשרייבן אַ רעצעפּט פאַר אַ קראַנקן וואָס האָט געגליט אין הויכן פיבער. אַלץ באַזאָרגט, פלעגט ער שטייענ־דיק אָדער שפּרייזנדיק הין און צוריק אַרום קראַנקנס בעט, מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, ווי ער איז געוווינט געווען ביי די חסידים, נעמען דערציילן וווּנדערלעכע חסידישע מעשׂיות. צוגעקליבן פאַרן קראַנקן אַ מעשׂה וואָס זאָל וועקן זיין אמונה אין דעם השם־יתברך, האָט אַברהם־הערש געפונען אין זיך כּוח און איינפאַלערישקייט אויפ־צוּוועקן אין קראַנקן אַ ווילן זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם מלאך־המוות. דער שטעטלשער שמש האָט ווי פאַרכישופט מיט זיינע מעשׂיות די קראַנקע, און זיי האָבן ווי פאַרגעסן די קרענק, די געטאָ־גזירות, דעם אומרו און שרעק פאַרן מאָרגן. ווען ער האָט זיך באַוויזן און געשטעלט זיך ביים קראַנקנס בעט אויספרעגן ווי ער פילט זיך, געטאַפּט זיין שטערן, דעם פּולס, איז זיין קלוגער און האַרציקער שמייכל געווען פאַרן קראַנקן אַן אמתע רפואה.

אַ צעבראָכענער, פול מיט ווייטיק איז ר׳ אַברהם־הערש געקומען אַהיים פון באַדינען די קראַנקע. פאַריאָגן פון זיך די טרויעריקע שטי־מונג האָט ער געקענט נאָר ביים אָפענעם ספר אין זיין בוידעמשטיבל. באַזונדערש שווער איז פאַר אים געווען מספּיד צו זיין אַ נפטר פון דער

עפּידעמיע. אין יעדן מת האָט ר׳ אַברהם־הערש געזען אַ ייִדישן קרבן וואָס האָט ביזן לעצטן אָטעם זיך געראַנגלט מיט דער רישעות פון דער וועלט.

אַזוי האָבן זיך געצויגן אין געטאָ די גראָע, מיט שרעק און פּיין אָנגעלאָדענע טעג. דער הונגער האָט געבושעוועט. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע גזירות, און די טיפוס־מגפה האָט פאַרכאַפּט גאָר אַ סך ייִדישע שטובן.

אין איינעם אַ פראָסטיקן ווינטערטאָג איז ר׳ אַברהם־הערש געקומען אַהיים פון באַדינען די קראַנקע ייִדן מיט אַן איינגעצויגענעם קאָפּ און אויפגעשטעלטן קאָלנער. אַנשטאָט נעמען אין מויל אַריין אַ לעפל וואַרעמס, האָט ער געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג — זיך לייגן אין בעט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דאַרף נישט מער ווי אַ ביסל רו, אַ ביסל שטוביקע וואַרעמקייט, כּדי צו קומען צו זיך. נאָר ווי ער איז אַריין אין בעט, האָט אים אַ שוידער אַדורכגענומען. ס׳איז לייכט געווען צו דערקענען, אַז אויך ער, דער מבקר־חולים און הילף־דערלאַנגער, דער בשורה־אָנזאָגער פון ישועה איז אַליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער קרענק, און זי האָט אים אָוועקגעלייגט אַ צעבראָכענעם מיט גרויסע היץ. די היץ האָט פאַרטראָגן דעם חולה אין עולמות־עליונים. ער האָט גערעדט צו גאָט, צו מלאכים. פאַרנעפּלט זענען פאַר אים געשטאַנען די שטוביקע און די ייִדן, וואָס האָבן מיט תּפילות און רחמנות־בליקן געוואָלט אים ראַטעווען און נישט געקענט אים צוריקברענגען צו זיינע פריערדיקע קלאָרע מחשבות. בלויז איין מאָל האָט ר׳ אַברהם־הערש פון זיך אַרויסגעברענגט עטלעכע ווערטער. זיין בקשה איז געווען — אַ קוק געבן אויף די קינדער און דאָס בינטעלע האָר זאָל מען אָוועקלייגן אונטער זיין קישן...

אַנשל דער באַגרעבער

ווייט הינטערן שטעטל, לעבן דעם בית־הקברות, איז געשטאַנען אַ נידעריק הילצערן הייזל. פון דער ווייטנס האָט עס אויסגעזען ווי אַ מצבה, זייטיק אַוועקגעשטעלט ביים ראַנד פון בית־עולם. ערשט ווען מ'איז צוגעקומען נעענטער צום אָרט און דערזען דעם רויטן קוימען וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון שטרויענעם דעכל, האָט מען דערקענט אַז ס'איז דאָס הייזל פון אַנשל דעם באַגרעבער.

די ווענט פונעם הייזל זענען געווען באַדעקט מיט אַ געלן מאָך, וואָס האָט געשפּראָצט פון צווישן די רויע ברעטער. די פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען צום בית־הקברות פון וואַנען עס האָט אַריינגעווייעט אַ טויטע שטילקייט. די אַנגעפּלויגענע שוואַרצע פייגל אויף דעם רויטן קוימען וואָס האָט אַרויסגעסטאַרטשט פון דעם שטרויענעם דעכל, האָבן דערמאָנט אַז ערגעץ, נישט ווייט פון דעם בית־הקברות, איז פאַראַן אַ לעבעדיקער ישוב.

אַ קליין־וווקסיקער, אַ מאָגערער, אין געשענקטע קליידער, וואָס זענען צו גרויס פאַר אים, האָט ער אויסגעזען קינדעריש, ווי אַ נישט־דערוואַקסענער. ערשט, אַז מ'האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין געדיכט באַוואַקסן פּנים מיטן שפּיציק אויסגעצויגענעם בערדל, ווי די האָר וואָלטן געווען צוזאַמענגעקלעפּט, האָט מען דערזען, אַז מ'האָט צו טאָן מיט אַ באַיאָרטן ייִד. דאָס שוואַרצע קיילעכדיקע היטעלע וואָס האָט נישט געקענט אַרומנעמען די צעוואַקסענע האָר אויפן קאָפּ, איז אים תּמיד פאַרקראָכן אין אַ זייט. אַנשל האָט אין זיין וואַקלדיקן גאַנג אויף די אויסגעקרימטע שיך געמוזט אָנהאַלטן זיך ביים קאָפּ, אַז דאָס היטעלע זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

אַנשלס שפּיציקע נאָז און זיין שמאָלער שטערן האָבן אַרויסגעקוקט

פון צווישן די שוואַרצע האָר אַרום פּנים. די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ווי ער וואָלט אויסגעמיטן צו קוקן אויף דעם אַלעם וואָס איז לעבעדיק און באַוועגלעך.

זעלטן ווען מ׳האָט אַנשלען געהערט אויסרעדן אַ וואָרט. האָט ער שוין יאָ געזאָגט, איז עס געווען מיט אַזאַ נישט־זיכערקייט ווי ער וואָלט זיך ערשט געלערנט רעדן. און אַז ער האָט דורך זיינע שטענדיק געשלאָסענע ליפּן אַרויסגעבריינגט אַ וואָרט, האָט מען געדאַרפט אונטערשטעלן אַן אויער כּדי עס צו דערהערן. אַן אָפּגעזונדערטער פון מענטשן, איז אים אויסגעקומען לאַנג צו שווייגן. אַז אַנשלען איז דאָך אַ מאָל אויסגעקומען זיך צונויפטרעפן מיט אַ מענטש, איז דאָס אַרויסגעבריינגטע וואָרט געווען ביי אים אַן אָפּקומעניש. גאָר היימיש האָט זיך אַנשל דער באַגרעבער געפילט נאָר אין דער שטילקייט פון בית־הקברות.

אַנשל איז פון די יינגסטע יאָרן געבליבן אַ יתום און געלעבט אין גרויס נויט. אויף צו זיין אַ ייִד, איז פאַר אים געניג געווען ס׳ביסל עברי וואָס ער האָט געקענט. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן האָט אים געצויגן צו די טונקעלע ווינקלען אין די בתי־מדרשים. דאָרטן, אויף די הינטערשטע בענק וווּ ס׳זענען געזעסן די אָרעמע און פּראָסטע ייִדן, האָט ער אויף די טישן געקענט געפינען עפּעס, וואָס די דאָזיקע ייִדן האָבן פאַר אים געבריינגט פון זייערע היימען. נאָר צום בעסטן האָט ער זיך געפילט צווישן די אָנגעקומענע בעטלערס פון ווייטע מקומות, וועלכע האָבן געוואַנדערט פון שטעטל צו שטעטל און מיט זייערע טאָרבעס זיך צעלייגט אין די ווינקלען ביים אַריינגאַנג פון די בתי־מדרשים.

אַנשל האָט אויסגעהערט זייערע מעשׂיות וועגן קאַרגע גבירים, וואָס זענען געוואָרן בעטלערס, און אַזוי אַרום אָפּגעקומען די שטראָף פאַר אָנטאָן חרפּות אַן אָרעמאַן; געהערט מעשׂיות וועגן וואַנדערונגען דורך וועלדער און פעלדער מיט שרעק פאַר רוצחים; וועגן שדים און זינדיקע נשמות וואָס ווערן מגולגל אין חיות. צום מערסטן האָט אַנשל ליב געהאַט צו הערן ווי די אָרעמע־לייט האָבן צווישן זיך געשמועסט וועגן געשטאָרבענע און זייער קומען צו קבר־ישׂראל, ווי אויך וועגן דעם, אַז די חברה־קדישא און דער קברן וואָס ברענגען צו קבורה

אָן אָרעמאַן, זענען זוכה צו דעם גרעסטן שׂכר אויף יענער־וועלט.

אַנשל פלעגט די אָרעמע־לייט פירן איבער דער שטאָט, זיי אָנווייזן די שטובן וווּ מ׳האָט געקענט קריגן אַ גרעסערע נדבה. ער אַליין האָט נישט אויסגעשטרעקט די האַנט צום בעטלען, נאָר צווישן די אָרעמע־לייט האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ גלייכער שותף, געמאָנט זיין חלק. ער פלעגט אויך וועקן רחמנות ביי די בעלי־ביתטעס. פאַר אַריינ־ברענגען אַן עמער וואַסער האָבן זיי אים דורך אַ הינטער־טיר אַריינ־געלאָזט אין קיך, געגעבן אַ טעלער געקעכטס.

אין שטעטל האָט געלעבט אַ קברן, אַן עלטערער ייִד וואָס אים איז שוין שווער אָנגעקומען צו גראָבן די קברים. ווען ס׳האָט געטראָפן, אַז אַ ייִד אין שטעטל איז ניפטר געוואָרן, האָט דער קברן גענומען אַנשלען צו אויסגראָבן דעם קבר. ווען דער קברן איז געשטאָרבן האָט אַנשל זיך געהאַלטן פאַר זיין יורש. די חברה־קדישא איז דערויף איינגעגאַנגען, און אַנשל האָט אָנגעהויבן לעבן אויפן חשבון פון שטעטל. לוויות זענען געווען זעלטן, און אַנשל האָט זיך פאַרנומען מיט אָפּהיטן דעם נייעם בית־עולם, ווו ייִדן האָבן פאַר אים אויפגעשטעלט אַ הילצערן הייזל.

ביז דעם צווייטן וועלטקריג האָט אַנשל־קברן ווייניק וואָס געהאַט צו טאָן. האָט אַ ייִד אין שטעטל אויסגעלעבט זיינע יאָרן, האָט אַנשל אים געטאָן דעם לעצטן חסד. די רעשט צייט האָט ער זיך געפּונען אויפן פעלד צווישן די קברים, ווו ער האָט גערייניקט די בערגלעך ערד פון די ווילדע אָנוווקסן, פאַרזעצט ביימער אַרום בית־עולם. ער האָט זיך געפילט היימיש מיט דער טויטער שטילקייט און נישט געפילט קיין באַדאַרף צו קומען צווישן ייִדן אין שטעטל, אַחוץ אין דעם טאָג ווען ער האָט באַקומען זיין געהאַלט און זיך איינגעקויפט שפּייז.

פון צייט צו צייט פלעגט אַנשל אין מיטן דער אַרבעט זיך פאַרקוקן אויף די ווילדע פייגל, וואָס זענען אָנגעפלויגן פון די ווייטע פעלדער, און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער צעגראָבענער ערד צווישן די מצבות, געכאַפּט עפּעס אין די שנאָבלען און צוריק אַוועק אין פלי. ער האָט לאַנג נאָכגעקוקט די שוואַרצע פייגל, וואָס דער שאַרך פון זייערע צעפאָכעטע פליגל האָט זיך שאַרף געהערט אין דער אַרומיקער שטיל־

קיט. אַזוי האָט ער באַכגעקוקט, צי אַ פויגל רייסט זיך נישט אָפּ פון דער פליענדיקער טשאַטע און בלייבט ביי זיין הייזל. ער האָט שוין עטלעכע מאָל צעשליידערט די אָנגעטראָגענע שטיקלעך ערד, מיט וועלכע דער פויגל האָט געפּרוּווט בויען אַ נעסט אונטערן שטרויענעם דעכל פון הייזל.

אַלע געטאָ־גזירות פון וועלכע די ייִדן אין שטעטל האָבן געליטן, האָבן נישט אָנגערירט אַנשלען דעם באַגרעבער. נאָר ער, דער איינציקער ייִד פון גאַנצן שטעטל, האָט געמעגט וווינען אויסער דער געטאָ און געקענט זיך פריי באַוועגן. זיינע פּאַפּירן זענען געווען פאַרזען מיט די שטעמפּלען פון דער דייטשישער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. די גרעסטע שרעק־אָנוואַרפערס אויפן געטאָ, אויב זיי פלעגן דעם באַגרעבער פאַרהאַלטן הינטערן שטאָט און דערזען זיינע פּאַפּירן, האָבן אים גלייך געלאָזט גיין. אַנשלען איז קלאָר געוואָרן, אַז ער איז נישט דער זעלביקער וואָס אַלע ייִדן אין געטאָ און אויך אַז ער לעבט נישט דעם זעלבן לעבן וואָס די געטאָ־ייִדן. ס'האָט אים אויסגעזען באַטירלעך, וואָס ער, ווי אַ באַגרעבער, איז באַשטימט געוואָרן פאַר אָט דעם אַנדערן לעבן. זיין האַרץ האָט נישט געצאָרנט נישט קעגן גאָט און נישט קעגן לייט. צו מאָל האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך און וועגן די ייִדן אין שטעטל, און אויף זיינע ליפּן האָבן זיך געקליבן ווערטער וואָס ער האָט זיי אין זיין אָרעמער שפּראַך קיין מאָל נישט באַנוצט.

מאָדנע טראַכטענישן זענען אַנשלען באַפאַלן אין די טעג, ווען פון געטאָ האָבן אָנגעהויבן אָנקומען לוויות — קרבנות פון דער טיפוס־עפּידעמיע. ער האָט זיך דערפילט שולדיק וואָס יעדן טאָג דאַרף ער גראָבן נייע קברים פאַר שטעטלשע ייִדן, וועלכע ער האָט געקענט נאָך פון די ייִנגלשע יאָרן. אַ סך נעמען האָבן אים דערמאָנט אין זיין פריִער יוגנט. צווישן די געשטאָרבענע זענען אויך געווען פּליטים פון אומבאַקאַנטע שטעט און שטעטלעך. ער אַליין, אַנשל, האָט געהאַט ברויט צו דער זעט, געשלאָפן אָן שרעק אויף זיין געלעגער. איז דאָס דערפאַר, ווייל ער איז אַנדערש ווי אַלע ייִדן אין געטאָ? אין אַזעלכע מינוטן האָט אַנשל נישט געקענט קוקן אויף די גרויסע קיילעכדיקע לאַבנס שוואַרצברויט ביי אים אויפן הינקעדיקן טישל. אַן איינגעטוליעטער אין

שמאַטעס, אַן איינגעצויגענער אויף זיין הילצערנעם בעטל, איז אַנשל געלעגן אָן כּוח און אָן ווילן. עפּעס האָט אים געדריקט, עפּעס האָט ער געפילט, אַז ער לעבט אין אַן אויסטערלישן מצב. אַ מצב וואָס איז אַנדערש ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין.

פון זינט דער טיפוס־עפּידעמיע האָט אַנשל נישט אַרויסגעלאָזט דעם רידל פון זיינע הענט. יעדן טאָג האָבן זיך געצויגן לוויות ווייט אַוועק הינטערן שטעטל, דאָרט אַהין, וווּ ביים ראַנד פון שאָסיי האָט אַ שמאָל וועגל זיך איינגעשניטן צווישן ברייטע פעלדער. פייגל האָבן גענישטערט צווישן די געבערגלטע ערד־גרודעס. דערשראָקענע פּאָר אַ מענטשלעך געשטאַלט, פלעגן זיי זיך אָפּרייסן פון דער ערד, אַוועק צוריק צו די אַלטע אויסגעקרימטע ביימער, צעוואָרפענע איבער די פעלדער, און דער רעש פון זייערע פליגל איז אויסגעגאַנגען אין דער אַרומיקער טויטער שטילקייט. באַרג־אַראָפּ האָט זיך צעעפנט פאַר די אויגן אַ ברייטער טאָל מיט מצבות. אַנשל האָט געטאָן די אַרבעט פון גראָבן קברים, ווי געוואָלט פּטור ווערן פון די מענטשן וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט...

אין די פראָסטיקע טעג ווען אַנשל האָט געדאַרפט קומען אין געטאָ, האָט מען אים געזען טראָגן אויפן קאָפּ אַ שפּיציקן קאַפּטער מיט אַ שמאָל שפּעלטעלע, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעקוקט זיינע אויגן. די פאַרפרוירענע פּאָלעס פון זיין לאַנגן בגד זענען געווען אויסגעשמירט מיט ליימיקער קברים־ערד. ביים גיין האָבן די פּאָלעס געקלאַפּט אין זיינע קני׳ען ווי בלעכן. מענטשן האָבן אים אויסגעמיטן. ער האָט מיט זיך געבראַכט דעם בית־עולם־ריח. מיט הינקעדיקע טריט האָט ער געשלעפּט די אויסגעקרימטע שיך, באַדעקטע מיט פאַרפרוירענער ערד, און אונטער זיינע אָרעמס — די לאַבנס ברויט, מיט וועלכע ער איז אַרויס פון געטאָ צוריק צו זיין קברן־לעבן.

אין די גרויסע פראָסטן, ווען די ערד איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי שטיין, פלעגט אַנשל צוזאַמענשלעפּן האָלץ, און אָנצינדן פייערן, כּדי ווייכער צו מאַכן די ערד. געהאַקט האָט ער די ערד מיט גראָבאייזנס, ביז ער האָט דערגרייכט די טיף פון אַ קבר. פאַרטיק געוואָרן מיט איי־

נעם, האָט ער זיך גענומען צו אַ צווייטן קבר. נאָך נישט געענדיקט די באַשטעלטע צאָל קברים, איז געקומען אַ שליח פון געטאָ אים אָנזאָגן, אַז ער דאַרף גראָבן נאָך קברים. ייִדן זענען געשטאָרבן מאַסנווייז.

פון אַלע דאָקומענטן וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן פאַר די יודנראַט־אָנגעשטעלטע זענען צוויי געווען די זיכערסטע: דער דאָקו־מענט פאַר דעם פּרעזעס פון יודנראַט און דער דאָקומענט פאַר אַנשל דעם באַגרעבער. אַנשלען האָבן געקענט אַלע געטאָ־שומרים. די דייטשן האָבן געוווּסט, אַז יעדער גאַנג זייַנער אין שטעטל אַריין אָדער צוריק, האָט אַ שייכות מיט טויטע ייִדן. אויף דער געטאָ־טויער איז פאַר אַנשלען געשטאַנען אָפן, און די וואַכפּאָסטנס האָבן אים אַריין און אַרויסגעלאָזט, ווי גאָר אַ וויכטיקן מענטש. און ער אַליין, דער באַגרע־בער, האָט דערפילט די חשיבות וואָס מען האָט אים געשענקט, ווי ער וואָלט געווען אַן אויסדערוויילטער פון גאַנצן שטעטל ייִדן.

ס׳איז אַ מאָל געשען, אַז אַנשל איז אַריין אין געטאָ אין מיטן פון אַן אַבלאַווע. כאַפּערס האָבן בלאָקירט אַלע גאַסן און געסלעך, האָבן אויפגעריסן באַהעלטענישן, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן ייִדן. אַנשלען האָט די גזירה אויסגעמיטן. אים האָט קיינער נישט פאַרהאַלטן. איז ער אַרויס פון געטאָ, געטראַכט, מ׳דאַרף קברים פאַר נייע געשטאָרבענע.

אין יענע טעג, בעת ייִדן האָבן איבערגעלעבט אימת־מוות, האָט אַנשל אין זיין הייזל נישט געפילט קיין שרעק. בלויז איין מאָל האָט אים אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ! דייטשישע זשאַנדאַרן זענען אָנ־געריטן און שטיין געבליבן ביים הויכן ראַנד פון בית־הקברות. די דייטשן אויף די פערד האָבן אַנשלען דערמאָנט די בעטלער־מעשׂיות וועגן גזלנים. איינער פון זיי האָט אים בייז אַ פרעג געטאָן:

— וויפל יודען האַסטו הויטע באַערדיקט?

אָבער באַלד האָט מען געזען ווי מיט דעם נאָענטן שליאַך ציִען זיך איבער די פעלדער צום בית־הקברות עטלעכע פורלעך מיט מתים. די רוצחישע זשאַנדאַרן זענען געוואָרן צוגעלאָזענער:

— האָב קיין אַנגסט, גיי מאַך דיין אַרבעט...

אַנשל האָט זיך דערוווּסט, אַז אין טאָג פון יום־כּיפּור, וועלן ייִדן

זיך מעגן צונויפקומען דאַווענען אין דער שול וואָס איז געשטאַנען געשלאָסן זינט ס׳איז אַרויס דער באַפעל, וואָס פאַרווערט יידן זיך צו פאַרזאַמלען אין עפנטלעכע ערטער. און נישט נאָר דאַווענען בציבור ווען יידן מעגן, נאָר אויך פראַווען אַ גרויסן קידוש. די בעקערס אין געטאָ האָבן ספּעציעל באַקומען מעל צו באַקן פאַר דעם דאָזיקן קידוש.

נאָכן גרויסן קידוש איז אַנשל מיט דער טאָרבע שפּייז אַרויס פון געטאָ. בעת ער איז געקומען צו זיין שטיבל אויפן בית־עולם, איז דער וועג הינטער דער שטאָט געווען פאַר אים אָפן. בלויז די טעלעפאָן־דראָטן האָבן געראַשט אין דער שטילער פוסטקייט, ווי כמאַרעס פליגן וואָלטן געזשומעט איבער זיין קאָפּ.

אין דער זעלבער נאַכט, ווען אַנשל האָט אין דמיון נאָך געזען די יידן, איינגעהילט אין טליתים, האָבן ווייטע אָפּהילכן פון שאָסן אים נישט געלאָזט איינשלאָפן. אַנשל האָט נישט געוווסט וואָס דאָס שיסעריי באַטייט. ווען ס׳איז טאָג געוואָרן האָבן די שאָסן זיך איינגעשטילט.

און געשען איז אָט וואָס: ביי נאַכט האָבן באַוואָפנטע דייטשן אַרומגערינגלט דאָס שטעטל. זייערע שטורעם־אָפּטיילונגען זענען אַריין אין געטאָ, צונויפגעיאָגט די יידן און מאַסנוויז זיי געטריבן צו די לאַסט־וואַגאָנען, אָנגעגרייטע אויף דער באַנליניע קיין טרעבלינקע.

בעת דאָס יידישע שטעטל איז אויסגעגאַנגען אין די לעצטע גסיסה־ווייען, האָט אַנשל דער באַגראָבער אויף זיין געלעגער נאָך געהערט דעם חזנס וויינענדיק קול אין דער שול. און אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אַ לויטער־בלויער הימל אַריינגעקוקט אין פענצטער פון זיין שטיבל: די זון איז אויפגעגאַנגען מיט עפּעס אַ פרעמדער שיין. פייגל האָבן אַרומגעפלאַטערט איבער די קברים און ווען זיי זענען פאַר־שווונדן, איז אַנשל געבליבן אַ פאַרשטיינערטער מיט זיך אַליין.

אַרום איז געווען שטיל, נאָך שטילער פון דער שטענדיקער בית־עולם־שטילקייט. ער האָט געוווסט, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען, נאָר עס נישט געקענט באַגרייפן. ס׳איז שוין געווען אַ שטיק אויפן טאָג. אַ מת וואָס איז געשטאָרבן יום־כיפּור, האָט ער געבראַכט צו קבורה. געווען אַליין צווישן די קברים, אַפילו אַ פויגל האָט זיך נישט באַוויזן.

דערנאָך איז ער אין זיין שטיבל געזעסן מיט פאַרמרוזשעטע אויגן. די פאַרנאַכטיקע חשכות האָט אים אַרומגעוועבט. אויפן טישל זענען געלעגן צעוואָרפענע שטיקלעך שפייז, אָבער ער האָט זיך צום עסן נישט צוגערירט. ער האָט גערעדט צו זיך, ווי צו אַ פרעמדן: „פאַר וואָס קומט קיינער נישט פון שטעטל? דאַרפן שוין ייִדן נישט קיין חסד של אמת?"

ס'האָבן זיך געשטאַרקט די האַרבסטיקע ווינטן. איבער דעם בית־עולם האָבן זיך געטראָגן שווערע גראָע וואָלקנס, נידעריק אַראָפּ־געלאָזטע איבער די מצבות. דער אָנגעיאָגטער שטורעם האָט אויך אויף אַנשלען אָנגעוואָרפן אַן אימה און אים נישט געלאָזט איינזיצן אין שטיבל. האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויף זיך זיינע מיט ערד אויסגעשמירטע בגדים, אַריינגעלייגט אין קעשענע זיינע פּאַפּירן מיט די האָקנקרייץ־שטעמפּלען און געגרייט זיך לאָזן אין וועג אַריין. אָבער אײדער אַנשל האָט געמאַכט אַ טראָט צו דער טיר, האָט ער דורכן פענצ־טער אַ קוק געטאָן אין דרויסן. וואָס און וועמען ער האָט געזוכט, האָט ער נישט געוווּסט, נאָר געפילט, אַז אויב קיינער באַווייזט זיך נישט, מוז ער גיין עמעצן זוכן. ער האָט דערפילט אַ שטאַרקע בענקעניש צו זען אַ לעבעדיקן מענטש.

אַנשל האָט זיך געלאָזט צום הויכן ברעג אַרום דעם בית־הקברות, וואָס איז געלעגן אין אַ טאָל. ער האָט אָנגעשטעלט די האַנט איבער די אויגן און געקוקט אין דער ווייט און דערזען אַ שטויבוואָלקן, וואָס האָט זיך געטראָגן צום בית־עולם. אַנשל האָט פרייער אָפּגעאָטעמט: „אָט קומט אַ לוויה", און געוואָלט זיך אומקערן צום בית־עולם. נאָר פּלוצעם האָט ער דערזען אַ זשאַנדאַר וואָס האָט גאַלאָפּירט גלייך צו אים.

— מאַך פערטיק איין גראַבן — האָט דער זשאַנדאַר באַפוילן, אָנווייזנדיק, ער זאָל צוריקגיין צום בית־הקברות.

אַנשל האָט אויסגעפירט דעם באַפעל ווי ער איז געוווינט געווען צו גראָבן די ערד פאַר יעדן מת. ווען דער קבר איז געווען פאַרטיק, האָבן אָפּגעהילכט אַ פּאָר שאָסן. דערשראָקענע פייגל זענען זיך צעפלויגן פון בית־הקברות. ס'איז אומגעקומען דער לעצטער ייִד פון שטעטל.

פון ביידע זייטן געטאָצוים

דאָס הײזל װוּ יעקבֿ־לייב דער שוסטער האָט געוווינט, איז געשטאַנען ווייט אָפּגערוקט פון צענטער. פונעם שטעטלשן גערודער פלעגט אַהער דערגיין בלויז אַ שוואַכער אָפּקלאַנג. נאָר אין די מאַרקטעג האָבן דער רעש פון די אָנגעפּאָרענע וועגענער און דער טומלדיקער האַנדל זיך געהערט שאַרפער אין עק פון דער ייִדישער גאַס און נישט אין די קריסטלעכע הייזער מיט די שטרויענע און שינדלדעכער.

אַ גאַנצע וואָך איז יעקבֿ־לייב געזעסן אויף זיין שוסטער־בענקעלע, אָפּגעזונדערט פון שטעטלדיקן לעבן. ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, אַזוי האָט מען דורך די פענצטער שוין געקענט זען יעקבֿ־לייבן זיצן אַ געבויגענעם איבער די שיך אויף זיינע קני. די שכנים האָבן מיט דער צייט זיך צוגעוווינט צו די פרימאָרגן־קלעפּ פון זיין העמערל, ווי צום קלאַפּן פון אַ וואַנטזייגער.

אַזוי זענען געגאַנגען יעקבֿ־לייבס מיפּולע טעג, ביז ס׳פלעגט אָנקומען דער ערבֿ־שבת. פרייטיק פאַר נאַכט פלעגט ער אויפשטיין פון שוסטער־בענקעלע, אָפּטרייסלען פון זיך די ברעקלעך לעדער, אויסטאָן דעם פאַרטעך און איבערדעקן מיט אים דאָס וואַרשטאַטל. זיין אָרעם שטיבל איז פריי געוואָרן פאַרן שבת, וואָס האָט אויפגעלויכטן מיט די ציטעריקע פלעמלעך פון די ליכט, וואָס זיין ווייב האָט געצונדן, און דער שטילער דלות אין זיין הייזל האָט מיטגעציטערט.

אַן איבערגעטאָנענער אין שבתדיקן בגד, מיט די אויסגעצוואָגענע קינדערלעך פאַר די הענט פלעגט יעקבֿ־לייב שפּרייזן אין בית־המדרש אַריין צו קבלת־שבת. דערנאָך, מיט זיין משפּחהביים טיש, אויסגעטאָן פון די וואָכעדיקע דאַגות, דורכגענומען מיט הייליקער רויִקייט, האָט ער געזונגען די שבתדיקע זמירות.

זינט יענעם טאָג, ווען דער פּוילישער אינזשעניר האָט פאַרענדיקט אַרומצוימען די געטאָ מיט שטעכלדראָט, האָט יעקבֿ־לייבס הייזל באַקומען אַן אַנדער אויסזען. יעקבֿ־לייב האָט זיך געפילט ווי אַ שווער־פאַרמישפּטער, וואָס הערט אונטער דעם קלאַפּ פון די צוגעהאַקטע תּפיסה־טויערן. געוועזן איז דאָס אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען אַ באַנדע מונדירטע און ציווילע דײַטשן האָבן פּונקט אַנטקעגן זײַן הייזל דורכגעפירט אַן אינספּעקציע אַרום דעם פאַרענדיקטן געטאָצוים. דער פּוילישער אינזשעניר וואָס לויט זײַן פּלאַן זענען די ייִדן געוואָרן אָפּגעזונדערט פון זייערע קריסטלעכע שכנים, איז שטיין געבליבן ביי יעדן פּונקט, ווו די ייִדישע הייזלעך האָבן זיך געגרענעצט מיט דער „אַרישער זײַט" און אויפגעקלערט טעכנישע פּרטים ביים דורכפירן דעם פּלאַן. די דײַטשישע באַגלייטערס האָבן צוגעשמייכלט און געדריקט זײַן האַנט.

מיט שרעק האָט יעקבֿ־לייב פאַריאָגט זײַן משפּחה אין אַ ווינקל פון שטוב און אָנגעזאָגט צו זײַן שטיל, קיין פּיפּס זאָל מען נישט הערן. בלויז ער אַליין האָט פון דער זײַט צעשראָקן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו די דײַטשן. עפּעס האָבן זיי דאָרטן געקוקט, אַ מאָל אויף זײַן קריסטלעכן שכנס הייזל און ווידער אויף זײַן הייזל. דער אינזשעניר האָט מיט זײַנע טריט געמאָסטן דעם אָפּשטאַנד צווישן ביידע הייזלעך און שטיין געבליבן מיט צענומענע הענט. די דײַטשן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ווייזט אויס ווי אַ צייכן פון הסכּמה פאַר זײַנע אויספירן.

ווען די דײַטשן זענען אַוועק, איז יעקבֿ־לייב פּאַוואָליע אַרויס אין דרויסן. פאַר זײַנע אויגן זענען געשטאַנען ווי באַוואָפנטע שומרים די הויכע, פיר מעטערדיקע סלופּעס מיטן געדיכטן שטעכלדראָט־נעץ, וואָס האָבן איבערגעהאַקט דעם גאַנג צום נאָענטן וועג, אויף וועלכן ער איז אַזוי פיל יאָרן געגאַנגען צום ברייט־צעצווייגטן בוים אַנטקעגן זײַן הייזל און צו די דערנעבנדיקע פעלדער.

אונטער דעם דאָזיקן בוים פלעגט ער אין זומער־פאַרנאַכטן, נאָך דער וועטשערע, זיך מיט זײַן ווײַב און קינדער, זיך אײַנהערן צום פריילעכן געטשוויטשער פון די פייגל, וואָס פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אויף די געדיכטע צווייגן פון בוים. אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט פלעגט

ער דאָ געפינען רו נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג. אונטער דעם בוים פלעגט אויך זיין שכן, יאַן, קומען זיך אָפּרוען אוןביידע פלעגן זיי פירן פריד־לעכע שמועסן, ווי ס'פירט זיך צווישן גוטע שכנים. און יאַן האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן אָפענע שינאה צו זיין שכן און צו יידן בכלל.

די קינדער וועלכע האָבן נאָך נישט באַנומען, וואָס דאָ איז איצט געשען, האָבן זיך דערנענטערט צו די דראָטן און געבליבן שטיין ווי פייגעלעך אין אַ שטייג. נאָר ווען זיי האָבן דערהערט דעם טאַטנס קול, וואָס האָט זיי געוואָרנט פאַר די סכנות פון דרייען זיך ביים צוים, און דערהערט דער מאַמעס אַריינוויינען אין די הענט איבערן פּנים, האָבן אויך זיי דערפילט, אַז אויף דעם געטאָצוים דאַרף מען קוקן מיט שרעק און זיך האַלטן וואָס ווייטער פון אים.

זינט דעם טאָג ווען די געטאָ איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, האָט יעקב־לייב אויסגעזען ווי אַן אָבל אין די שיבעה־טעג. מיט צער און ווייטיק האָט ער זיך צוגעקוקט צו זיין משפּחה. אַלץ האָט איצט אויסגעזען טרויעריק, און דער אומעט האָט געריסן זיין האַרץ, און זיינע אויגן, אָנגעשטרענגט־רויטע, האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטערן טיף־געקנייטשטן שטערן. זיין ווייב, רחל, וואָס איז געווען פרום און געשמט מיט אירע מעשים־טובים, האָט צעטומלט געקוקט אויף אים און פיינלעך געשוויגן. יעקב־לייב האָט אַ צערודערטער געפרעגט זיך אַליין: „פאַר וועלכע זינד איז אויף יידן און זיין שטוב געפאַלן אַזאַ שטראָף — הונגער, פּחד פאַרן נאַקעטן לעבן?"

אויך די קינדער איז באַפאַלן אַ שרעק, קוקנדיק אויף טאַטע־מאַמע, ליידנדיק הונגער. די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט זענען פול אָנגע־לאָדן מיט פּחדים און סכנות וואָס האָבן געלויערט הינטער טיר־און־פענצטער. דער הונגער האָט פון זיי אַרויסגעשריען מיט שאַרפן ווייטיק...

ביי יאַנען, אויף דער אַנדערער זייט פון די שטעכלדראָטן, האָט זיך גאָרנישט געענדערט: די זעלבע קו איז אַרויס אין פעלד צו דער פּאַשע; ס'זעלבע פערד האָט אַריינגעשלעפּט די וועגענער מיט תבואה; מיטן זעלבן זיכערן גאַנג האָט יאַן געשטעלט זיינע טריט אַרום הייזל, און אַפילו די זונטיקדיקע הוליאַנקעס האָבן נישט אויפגעהערט. ווען נישט די מונ־

דירטע דייטשן וועלכע פלעגן קומען צו זיין ווייבל, ווען ער איז געווען אין פעלד, וואָלט ביי אים אין הייזל זיך נישט אָנגעזען קיין סימן פון מלחמה.

באַלד נאָך דעם ווי יעקב־לייבס הייזל איז געוואָרן אָפּגעצוימט, האָט ער דערזען אַ ברענענדיקע שׂינאה אין די בליקן פון יאַנען און פון זיין משפּחה. יאַן האָט גלייך אָנגעהויבן אַרויסווייזן בולטע האַס־געפילן און געטאָן האָט ער דאָס אויף אַ גראָבן אופן. ווען ער איז געקו־מען פון פעלד פלעגט ער מיט דער משפּחה זיך אויסזעצן אין דרויסן אַרום טיש אַזוי, אַז די ריחות פון געקאָכטן עסן אין די פולע שיסלען זאָלן דערגיין צו די פענצטער פון זיין ייִדישן שכן. יעקב־לייב מיטן ווייב האָבן דאַן צוגעמאַכט די לאָדנס, אָבער די קינדער האָבן זיך נישט גע־לאָזט פאַרטרייבן פון פענצטער.

דער צעניאָריקער יצחקל, דער עלטסטער פון יעקב־לייבס קינדער, האָט מיט עקשנות זיך געריסן צום שפּאַלט פונעם לאָדן, געבעטן דעם טאַטן ער זאָל אים לאָזן זיך איינקוקן, ווי אַזוי יאַן שטופּט די פולע לעפל אין מויל. ער פלעגט אַזוי לאַנג שטיין מיטן צוגעדריקטן פּנימל צום לאָדן, ביז ס׳פלעגט אים אָנכאַפּן אַ קראַמף אין בויך. ער פלעגט זיך וואַרפן אויפן בעט און גראָבן דעם פּנים אין קישן, אָבער מיט זיינע פאַרמאַכטע אויגן האָט ער אַלץ נאָך געזען, ווי אַזוי יאַן שלינגט די קאַרטאָפל מיטן פעטן באָרשטש און יורעק, וואָס איז פריִער געווען זיין חבר אין שקאָלע, האָט אַ זאַטער, אָנגעגעסענער, זיך אָפּגערוקט פון טיש און געגומען וואַרפן ברעקלעך פאַר די פייגעלעך. יצחקל האָט אים מקנא געווען מיט איפער און אַריינגעוויינט אין קישן.

יצחקל פלעגט זיך איינשטילן ערשט דעמאָלט, ווען אין זיין דמיון פלעגט אויפקומען דאָס בילד פון די פאַרגאַנגענע טעג, בעת ער מיט יורעקן פלעגן זיך שפּילן מיט די פייגעלעך און האָבן אויסגעפייפט דעם זעלבן קלאַנג, ווי דאָס צוויטשעריי אויף די צווייגן פון בוים. געוואָרפן האָבן זיי ברעקלעך ברויט פאַר די פייגעלעך, וועלכע זענען שוין מיט זיי געווען פאַרהיימישט און פאַרשטאַנען אַראָפּצונידערן אויף דער ערד און שפּרינגען פון ברעקל צו ברעקל און מיט פולע שנעבעלעך זיך אויפהייבן צוריק צו די צווייגן.

יעדן טאָג איז יצחקל מיט יורעקן געגאַנגען אין דער שקאָלע, געזעסן מיט אים אויף דער זעלבער באַנק און געשפּילט זיך צוזאַמען. יצחקל איז אויך געווען באַליבט ביים פּוילישן לערער פאַר זיינע בלאָנדע האָר און פאַרן גוט לערנען. ער פלעגט תּמיד אַרויסהעלפן יורעקן ביים לערנען. אַ סך מאָל פלעגט יורעק דורכן פענצטער אים רופן צו זיך אין שטוב אַריין, אים צוהעלפן מאַכן די שול־אויפגאַבעס. די יאַניכע פלעגט אים דערפאַר מכבד זיין מיט פאַרשיידענע פרוכטן פון זייערע ביימער. יצחקל האָט באַזונדערש ליב געהאַט די גרויסע, שוואַרצע קאַרשן, וואָס זי פלעגט אים אָנשיטן אַ פול היטל. אין שטוב פלעגט ער פאַרטיילן די קאַרשן אין די אויסגעשטעלטע הענט פון די איבעריקע קינדער. דער טאַטע פלעגט קיין צייט נישט האָבן איבערצורייסן די אַרבעט, פלעגט יצחקל אים לייגן די קאַרשן גלייך אין מויל אַריין, און זיך בעטן ביי אים:

— נאָך אַ קאַרש, טאַטע, נעם נאָך אַ קאַרש.

...יצחקל האָט זיך אויפגעריסן פון דרעמל און געזען פאַר זיך אַ שוואַרצע פינצטערניש. ער האָט געטאַפּט מיט די הענט אַרום זיך און געשריִען:

— ווו זענען מיינע קאַרשן? די קאַרשן!.. ווו איז דער טאַטע?..

יעקב־לייב, אַן איינגעבראָכענער, איז געשטאַנען ביים בעטל ווו זיין קינד האָט זיך געראַנגלט מיטן שלאָף און מיטן רעשטל חלום, און אַ פאַרציטערטער געדופן גאָט, ער זאָל מציל זיין זיינע קינדער פון אַ הונגערטויט.

✶

שוין אַ פּאָר טעג ווי די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער די ווייטע וואַלדראַנדן און מער זיך נישט באַוויזן. אַ פאַרכמאַרעטער הימל, ווי אַן אייזערנער צודעק, איז אימהדיק געהאַנגען איבער דער געטאָ. שניידיק־קאַלטע ווינטן האָבן מיט אַ געוווי גענומען בלאָזן, געריסן טירן און פענצטער פון די הייזער אין געטאָ. ס׳האָט גענומען שנייען און דער פראָסט האָט געשניטן ווי מיט אַ חלף.

יעקב־לייבס הייזל איז געשטאַנען פאַרזונקען אין שניי. דאָס וואַסער

אין עמער איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. אין קיך האָט דורכן קאַלטן קוימען אַרײַנגעװײנט דער װינט...

ס׳איז אויסגעבראָכן אין שטעטל די טיפֿוס־עפּידעמיע. דער קברן האָט יעדן טאָג געדאַרפֿט זיך מעלדן אין יודנראַט, צו דערוויסן זיך, פֿאַר וויפֿל מתים ער זאָל צוגרייטן קברים. צוליבן שניי־געווירבל איז דער קברן שוין צוויי טעג נישט געקומען אין געטאָ אַרײַן פֿון זײַן שטיבל אויפֿן בית־עולם. די קברים וואָס ער האָט אויסגעגראָבן, זענען פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי, און דער וועג צום בית־עולם איז געבליבן אָן אַ צייכן. אין געטאָ זענען געלעגן די מתים און נישט געקענט קומען צו קבר־ישׂראל.

שוין דעם דריטן טאָג איז ביי דער וואַנט, צוגעדעקט מיט אַ ליילעך, געלעגן דאָס פֿאַרשטייפֿטע קערפּערל פֿון יצחקן. די לייכטער זענען געשטאַנען אויף דער ערד, קאַלטע, אויסגעלאָשענע, נישט געווען מער קיין ליכטל אָנצוצינדן. אין די בעטן זענען אַלע געלעגן אַריבער־געוואָרפֿן מיט אַלטע בגדים אויף די צעלעכערטע, וואַטענע קאָלדרעס. זייערע הענט און פֿיס האָבן געציטערט פֿון הונגער און פֿון דער קעלט.

רחל האָט שוין נישט געקענט שטיין אויף די פֿיס. באַלד נאָך יצחקלס טויט האָט זי נאָך געהאַט כּוח מיט יאָמערלעכע געשרייען צו באַוויינען איר קינד. צוויי טעג און דריי נעכט איז זי געזעסן אויפֿן נידעריקן בענקעלע, געוויגט איר איינגעבראָכענעם גוף אַהין־אַהער, ביז זי איז אַוועקגעפֿאַלן אָן כּוחות. איז זי געלעגן אין בעט מיט אָפֿענע אויגן און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי געפֿינט זיך ערגעץ־ווו אין ווייטע פֿאַרגעסענע מקומות, ווו ס׳איז שוין נישט געבליבן מער קיין לעבעדיקער נפֿש.

אויף דער צווייטער זייט פֿון געטאָצוים, אין יאַנס הייזל, האָט דער פֿראָסט נישט געהאַט קיין שליטה. די וואַרעמע לופֿט פֿונעם צעגליטן אויוון האָט צעשמאָלצן דאָס אייז אויף די שויבן.

יאַן מיט זיינע שטוביקע האָבן באַלאַגערט די פֿענצטער. די יאַניכע האָט מיט אַ טרוקענער שמאַטע אויסגעווישט די נאַסע שויבן, כּדי בעסער צו זען די לוויות פֿון די מתים אין געטאָ. „מאָדנע באַשעפֿעניש

זענען זיי די זשידעס — האָט יאַן געטראַכט — איזאָלירטע פון דער וועלט, געשלאָגענע און דערנידעריקטע ביז צו דער ערד, דערצו אַזאַ הונגער מיט אַ טיפוס־מגיפה, און סך־הכל נאָר פיר טויטע אין אַזאַ טאָג״. אָבער, האָט ער זיך דערמאָנט וואָס ער האָט געהערט דערציילן, סוף־כל־סוף וועט מען פּטור ווערן פון זיי. די דייטשן היבן אָן בויען אין טרעבלינקע אַ פאַבריק צו טייטן אַלע ייִדן. „איי, וועט מען דאָס אָפּלעקן אַ ביינדל, ווען די פאַבריק וועט פאַרטיק ווערן און מ׳וועט זיי אַלעמען אַרויספירן פון דאַנען! מ׳דאַרף נאָר נישט פאַרזען די געלעגנהייט״ — האָט ער פאַרענדיקט זיינע טראַכטענישן און אומגעדולדיק געוואַרט אויפן דאָזיקן טאָג.

אין דער פיינלעך שטילער נאַכט פון מוצאי יום־כיפור האָבן טונקעלע געשטאַלטן אַרומגערינגלט די געטאָ. מיטן אויפגאַנג פון טאָג האָט אַ פייערדיקער דונער אָפּגעהילכט, און איבער דער געטאָ האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די רוצחים, אַרויסגעטריבן פון די שטובן אַלע ייִדן.

פאַרגעסענע פון גאָט און מענטשן, זענען די ייִדן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ געגאַנגען זייער לעצטן וועג, אַרומגערינגלט פון אַ באַוואָפנטער וואַך. ס׳איז געווען אַ שטומער מאַרש. קיינער האָט נישט גערעדט, נישט געוועין מער קיין שפּראַך. קיינער האָט נישט געהערט די טריט פון זיינע אייגענע פיס, נישט געפילט דעם אייגענעם אָטעם.

יאַן האָט זיך דערוואַרט. זיין גליקלעכע שעה האָט אויסגעשלאָגן. ביי נאַכט, ביי לבנה־שיין האָט ער מיט זיין ווייב און קינדער, געשלעפּט פולע זעק מיט ייִדישע חפצים צו זיך אין כאַטע, זיך געריבן די הענט פון הנאה און פון דער מחשבה, ווי רייך ער איז פלוצעם געוואָרן, און ווי מ׳איז דאָס פּטור געוואָרן פון די פּאַראַזיטן — די זשידעס... יאַן איז נישט געווען דער איינציקער...

אין דער זעלבער צייט האָט די שטעטלשע ייִדן, אַריינגעטריבענע אין גאַזקאַמער, פאַרצוקט טרעבלינקער טויט.

דאָקטאָר הערמאַן און די ייִדן

פון אַלע נאַצישע מושלים און מלאכי־חבלה אין סאָקאָלאָווער געטאָ, איז דאָקטאָר הערמאַן געווען דער, וועגן וועמען די ייִדן האָבן אַ סך גערעדט. מען האָט געוואָלט אים פאַרשטיין מער ווי די אַנדערע וואָס האָבן גלייך ביים אָנהייבן הערשן אַרויסגעוויזן די באַקאַנטע נאַצישע ברוטאַליטעט. דאָקטאָר הערמאַן האָט פאַרביטן דעם לאָמען באַהו, באַקאַנט מיט זיינע כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף דער געטאָ. ייִדן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען פאַר זייערע אויגן האָט זיך מער נישט באַוויזן דאָס לאָמע שרעקגעשטאַלט מיט דער געפּלאָכטענער נאַגייקע אין האַנט.

ווער איז דער נייער הערשער איבער דער געטאָ מיטן טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע? זיין שטילער גאַנג, ציוויל אָנגעטאָן, זיין מילד פנים מיט די גאָלד־באַרעמטע ברילן, די סאָלידע באַציִונג צו די יודנראַט־באַאַמטע בעת זיינע באַזוכן אין געטאָ — דאָס אַלץ האָט אים געגעבן אַ שם פון אַן אינטעליגענט. ס'איז געווען אַ געוויסע פאַר־גיטיקונג פאַר אַלע אַכזריותדיקע מעשׂים פון דעם ביז איצט שיכּורן פּרא־אָדם מיטן רויט אָנגעפּרעסן און באַזויפטן פּנים, גאָלן צעהיצטן קאָפּ, וואָס האָט ווי אַ ווילדע חיה געטיילט אויף אַלע זייטן שמיץ, צעוואָרפן די טישלעך מיט סחורה פון ייִדישע הענדלערס אין די סטראָגאַנעס. און ער, דאָקטאָר הערמאַן, ווי ס'וואָלט אים ווייניק אָנגע־גאַנגען דאָס וואָס ייִדן טוען אויף דער גאַס. פאַר אים האָבן ייִדן אָן פּחד געצויגן די היטלען, ווען ער פלעגט מיט שטילע טריט דורכגיין די געטאָ צום יודנראַט.

— ייִדן מוזן ווערן פּראָדוקטיוו. איך האָב ליב פּינקטלעכקייט און אויפריכטיקייט. אַזאַ אויפפירונג רעספּעקטיר איך! — האָט געזאָגט

דאָקטאָר הערמאַן צו דו טוערס אין יודנראַט, וועמען ער האָט איבער־געגעבן אַ גאַנצע ריי אַרבעט־פּלענער, ווי טריקענען זומפּן, עפּנטלעכע שאָסיי־אַרבעטן און אַנדערע.

אין רבינס הויז האָט דאָקטאָר הערמאַן איינגעאָרדנט אַרבעט־וואַרשטאַטן. אין איינעם אַזאַ וואַרשטאַט איז אָנגעקומען בינעם, דער לאָדזשער פּליט. דאָ האָט מען אויסגעאַרבעט דיקע וואָלענע ווינטער־שקאַרפּעטן פּאַר די דייטשישע מאַכטהאָבערס אין שטאָט. דאָקטאָר הערמאַן האָט דערמיט שטאָלצירט. ער האָט געטיילט די וואַרעמע מתּנות זיינע קאָלעגן אין די קאַלטע ווינטערטעג. דאָ האָט בינעם געהאַט די מעגלעכקייט פון דער נאָענט צו אָבסערווירן דעם נייעם מושל איבער דער געטאָ, וואָס פּלעגט קומען קאָנטראָלירן די אַרבעט, און אַלע מאָל מיט נייע פאַרלאַנגען — נייע פאַרבן, נייע מוסטערן. ביי דעם האָט ער זיך געלאָזט דערקענען ווי אַ שעפּעריש־ענערגישער דייטש, וואָס רעספּעקטירט אַפילו אַ ייִד, אויב מ׳קען פון אים האָבן נוצן.

דער פּוילישער אויפזעער ביי דער אַרבעט וואָס האָט זיין קענ־טעניש געלערנט ביי בינעמען, האָט אים אָפּגעדינט מיט מערערע איב־פאָרמאַציעס וועגן דעם דאָקטאָר הערמאַן, וואָס האָט מיטן דייטש־רעדנדיקן פּאָליאַק געפירט אָפטע שמועסן.

אין געטאָ האָבן ייִדן דעם דאָקטאָר הערמאַן שטענדיק געזען אין אַ לעדערנעם מאַנטל. אין זיין קאַבינעט האָט ער געפילט זיך באַקוועם מיטן פאַרדייטשטן פּאָליאַק. ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם לע־דערנעם מאַנטל. אויף דער לינקער קלאַפּע פון זיין רעקל האָט גע־בלישטשעט די קיילעכדיקע בראָש מיטן שוואַרצן האַקנקרייץ, דער סימן פון אָנגעהעריקייט צו דער היטלער־פּאַרטיי. דער נאַצישער אָפּצייכן האָט אויסגעזען ווי אַ שרייענדיקער קאָנטראַסט צום מילדן פּנים פון אַן אינטעלעקטואַל.

ייִדן האָבן געוווּסט, אַז הערמאַן האָט זיך געלאָזט באַווירקן דורך אַ שיינער מתּנה צו באַפרייען אַ גרופּע ייִדן, באַשטימטע קיין טרע־בלינקע... איז אויך קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס עטלעכע חדשים זענען פאַרביי רויִקע. אין געטאָ האָט מען זיך איינגעלעבט מיט די

שטילע טעג, מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן די פריִערדיקע צרות. איז עפּעס געשען וואָס האָט געשמעקט מיט געפאַר, פלעגט דער פּרעזעס לויפן צום דאָקטאָר הערמאַן, וואָס פלעגט טייל בקשות אין אַכט נעמען און באַפרייען געכאַפּטע ייִדן. דער וועג אים איבערצוקויפן איז געוואָרן פריי.

ווען ס׳איז בינעמען אויסגעקומען אָנקוקן דעם סאָלידן, גוטמוטיקן דייטש, איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אָט דער דאָקטאָר קען אָנגעהערן צום היטלעריזם. פון פּוילישן אַרבעט־אויפזעער האָט זיך בינעם דערוווּסט, אַז הערמאַן האָט גאָר אַ וואַזשנעם אָפּשטאַם און אַז אין זיינע אָדערן פליסט אַריסטאָקראַטיש בלוט. זיין פאָטער, אַ געלערנטער, אויך דער מוטערס אָדעליקער ייִחוס איז פון הויכן אָפּשטאַם, און ער אַליין, דאָקטאָר הערמאַן, איז דעריבער צוגעטיילט געוואָרן צו דער נאַצישער ציווילער אַדמיניסטראַציע אין אָקופּירטן פּוילן, אַזוי, אַז ער האָט מיט וואָס זיך צו גרויסן, און ווערט טאַקע געשעצט פון עס־עס־מאַיאָר, דעם קרייז־הויפּטמאַן גראַמס און אַנדערע קאָלעגן פון נידעריקן און העכערן ראַנג.

וואָס שייך הערמאַנס אָנגעהעריקייט צו דער נאַצי־פּאַרטיי, אין דעם האָט דער דייטש־רעדנדיקער פּאָליאַק, געזען אַ לייכטערן וועג צו זיין שפּעטערדיקער קאַריערע. נאָך דער מלחמה וועלן זיין אָפן פאַר אים אַלע טירן, און אפשר פאַר אַ הויכער נאָמינאַציע אין נאַצישן אַפּאַראַט.

פאַר וואָס זאָל אַ דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, וואָס האָט צו טאָן מיט מאָראַל און עטיק, זיך דאַרפן פאַרנעמען מיט ייִדן? מיט טרעבלינקע? בינעמס דאָזיקע פראַגע איז פאַר זיין מיטשמועסער געווען נישט שטאַרק אָנגענעם, אָבער אויך אויף דעם האָט בינעם באַקומען אַן ענטפער: זיינע דינסטפּליכטן פירט ער אויס קעגן זיין ווילן. קריגסצייט, מיליטערישע דיסציפּלין, אַזוי האָט דער פּאָליאַק, בינעמס אויפזעער, געוואָלט פאַרשטיין זיין דייטשישן בעל־הבית, וועלכן ער האָט דערקענט פאַר אַן אָנשטענדיקן מאַן, אַ געטרייער און איבערגעגעבענער צו זיין פרוי און קליינע קינדער. ייִדן האָט ער דערווילע קיין שלעכטס

נישט געטאָן. וועגן טובות האָט ער יאָ געוווּסט צו דערציילן, ווען מ׳האָט צו אים זיך געוואָנדן אין אַן עת־צרה.

איין מאָל האָט דאָקטאָר הערמאַן, ווען ער איז געזעסן מיט זיין פּוילישן אויפזעער, פאַרלוירן אַ בריוו פון זיין פרוי אין דייטשלאַנד. אַ בריוו צו איר הויכגעשעצטן מאַן, וואָס האָט געמוזט צוליב זיינע פּאַטריאָטישע פליכטן פאַר דייטשלאַנדס זיג, זיך שיידן מיט זיין געליבטער פרוי און צוויי קליינע קינדער. אין בריוו, צוזאַמען מיט אירע סענטימענטאַלע בענקשאַפטן, איז געווען אויסגעשריבן אַ גאַנצע רשימה „גוטע זאַכן”, אין וואָס זי און די קינדער נייטיקן זיך. זי האָט אונטערגעשטראָכן איר שטרעבונג זיך אָנטאָן אין אַ שיינעם פוטערנעם מאַנטל מיט אַ פוקסענעם קאָלנער. דאָס וואָלט זי אָנגענומען ווי די שענסטע מתנה פון איר געטרייען מאַן, וואָס דיספּאָנירט מיט גרויסע מאַכט־מעגלעכקייטן. פון אָט דעם בריוו האָט בינעם פאַרשטאַנען, אַז דאָקטאָר הערמאַן וועט זיך נייטיקן אין יידן, בכדי צו קריגן די מתנות פאַר זיין פרוי און קינדער.

און דאָ האָט מען אין הערמאַנס הענט איבערגעגעבן אַ געכאַפּטן ייד אויסערן געטאָ, וואָס האָט געהאַט ביי זיך אַ ביסל שפּייז. דעם ייד האָט מען געפּייניקט אויף אַרויסצובאַקומען פון אים, ביי וועמען ער האָט דאָס עסנוואַרג געקויפט. דער ייד האָט קיינעם נישט פאַרראַטן און איז פאַרמישפּט געוואָרן מיט פאַרשיקן קיין טרעבלינקע. ראַטעווען אַ יידיש לעבן! דאָס מאָל האָט הערמאַן זיך נישט געלאָזט לייכט איבערקויפן. מען האָט געמוזט אים צושטעלן אַ פּעקל מתנות, איינגערעכנט דעם פוטערנעם מאַנטל...

מיט איין מאָל האָבן זיך אויפן געטאָ אַ שאָט געטאָן גזירות. דער נאָכגעלאָזענער רעזשים איז פּלוצעם פאַרשאַרפט געוואָרן. אויף די ווענט האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן מיט דראָענדיקע שווערע שטראָפן, אונטערגעשריבן פון הערמאַנען. יידן האָבן לכתחילה זיך געוווּנדערט, נישט פאַרשטאַנען וואָס איז געשען מיטן דאָקטאָר הערמאַן. צי מאַכט אים ווער קאַליע? איז ער געצוווּנגען, אָדער קומען די גזירות פון זיין אייגענעם ווילן? אַלע אינטערווענצן פונעם יודנראַט האָבן נישט

געקענט ענדערן די לאַגע. אין געטאָ האָט מען דערפילט הערמאַנס ביז איצט פאַרשטעלטע, שפּיציקע נעגל.

אין די „שטילע״ טעג האָט הערמאַן זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן פּראַגעס פון אָרטיקן לעבן. מען פלעגט אים זען אַרומשפּאַצירן, אין באַגלייטונג פון זיינע מיטאַרבעטערס, איבער דער ייִדישער געגנט, כדי זיך צו באַקענען מיט יעדן ווינקל. ער האָט געקוקט אַ פאַרוווּנדערטער און צעשמייכלטער אויף די שטעטלשע ייִדן, ווי ער, דער דאָקטאָר, וואָלט דאָס ערשטע מאָל געזען אַזעלכע באַשעפענישן.

הערמאַן האָט מיט זיין „וויסנשאַפטלעכן סיסטעם״ צוגעגרייט פלעגנער קעגן יעדער שיכט פון דער באַפעלקערונג אין פּאָדליאַשער געגנט, דער עיקר קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג. בעת ער איז שוין געווען דער איינציקער באַפעלגעבער פון באַגייטן טעראָר, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיינע פריִערדיקע מאַסקיר־מעטאָדן, אויסגעדריקט באַדויערן וואָס ייִדן ווערן אויפן אָרט דערשאָסן, אויסערן געטאָ, אָן אָן אויספאָרשונג, אָן אַ געריכט...

הערמאַנס שיטה איז געווען איינצושלעפערן זיינע קרבנות. ברוטאַלע אַקטן האָט ער שטענדיק אָפּגעלייגט ביזן לעצטן מאָמענט, ווען אים איז עס געווען נייטיק. זיין סיסטעם פון הערשן איז געווען: נישט מיט איין מאָל, נאָר פּאַמעלעך, אויף פאַרשיידענע וועגן מאַכן פּאַסיוו זיינע אונטערטעניקע און אַזוי קומען צום ענדציל — זייער ליקווידאַציע. געווען צייטן, ווען ער איז צו די ייִדן געווען ברוטאַל און אין דער זעלבער צייט געשמייכלט צו דער פּוילישער באַפעלקערונג: געמאַכט פאַרשיידענע הנחות ביים אַרויסבאַקומען די קאָנטיגענטן תבואה און פלייש, געטיילט פּרעמיעס, אַנטקעגנגעקומען בקשות פון פּויערים, איינגעאָרדנט פריינדשאַפט־אימפּרעזעס.

טעראָר־אַקטן אין געטאָ — ביי אים האָט עס געהייסן, אַז זיי געשעען אָן זיין וויסן. באַפעלן וועלכע ער אַליין האָט אַרויסגעגעבן צו זיינע משרתים, האָט ער צו מאָל בטל געמאַכט, צייטנווייז אַפילו פאַרלייכטערט די שטרענגע בלאָקאַדע אַרום געטאָ. פון דער צווייטער זייט האָט ער דערלאַנגט טויטקלעפּ דער פּוילישער אונטערערד. צו דעם

צוועק האָט ער אויסגענוצט אַ גאַנצע באַנדע אויסגעלאַסענע פּוילישע פּרויען פון פּויזנער געגנט צו באַקומען דורך זיי וויכטיקע אינפאָר־מאַציעס. די מערסטע פון די פרויען האָבן נישט געוווסט, אַז זיי געפינען זיך אין אַ נעץ פון אַ ראַפינירטן געסטאַפּאָ־מאַן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הערמאַן איז געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דעם הויפּטשטאַב פון דער געסטאַפּאָ אין פּאָדליאַשער געגנט. ער האָט נישט איזאָלירט גלייך פון אָנהייב די אונטערערדלערס, נאָר געלאָזט זייער טעטיקייט זאָל זיך צעוואַקסן, האַלטנדיק זי אונטער זיין אויג. ווען ער האָט שוין אַלעמען געהאַט אין זיינע נעצן, האָט ער דעם בוים אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען. פאַר אים איז וויניק געווען צו מאַכן אומשעדלעך דעם אַקטיוו. ער האָט פאַרטיליקט די אַלע וואָס האָבן געהאַט די לויזסטע באַציונגען מיט זיינע קעגנערס. ביים דערפירן די אַקציעס צום סוף, האָט זיך דער „מילדער" און צעשמייכלטער „דאָקטאָר" פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטדאָרשטיקער חיה: אומגעבראַכט און פאַרטיליקט אַלץ וואָס איז געווען געפאַנגען אין זיין נעץ. אָפּגעטאָן די שמוציקע אַרבעט, האָט ער זיך ווידער „ריין געמאַכט", מיט גוט־מוטיקער פריינדשאַפט ווידער באַגעגנט און אויפגענומען פויערים און פאַרשטייערס פון דער פוילישער אַדמיניסטראַציע אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. צווישן די יודנראַט־מענטשן איז הערמאַן באַקאַנט געווען ווי אַ כאַבאַר־נעמער. אָבער דאָס לאָזן זיך איבערקויפן איז ביי אים שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט זיינע צוגעטראַכטע טייוולאַנישע פּלענער אויף שפּעטער.

דאָקטאָר הערמאַן איז געווען איינער פון די הויפּט־פּלאַנירער ביים אויפבוי פון טרעבלינקער אויסראָט־לאַגער, די פאַבריק פון טויט וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין תחום פון זיין שליטה. ער האָט גענוי געוווסט אַלע סודותדיקע פּרטים פון ערשטן טאָג אָן, ווען דער גיהנום פאַרן רוב פון די פוילישע יידן איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. מיט זיינע אינטעלעקטועלע קענטעניש האָט ער גוט באַנומען, אַז דער גרויליקער סוד וועט גיך דערגיין צו די געטאָ־יידן, וואָס געפינען זיך נאָענט צו טרעבלינקע. פון זיין דערפאַרונג בעתן ליקווידירן די

ייִדן פון פּאָדליאַשער קרייז האָט ער גוט דערקענט דעם געטאָ־ייִד מיט זיין אויסדויער און עקשנותדיקן געראַנגל פאַרן לעבן. האָט ער נישט געלייקנט, אַז ייִדן ווערן אין טרעבלינקע אומגעבראַכט, אָבער פאַר־זיכערט, אַז די יעניקע וואָס וועלן פרייוויליק זיך מעלדן צו דער אַרבעט און מ׳וועט זיי נישט דאַרפן זוכן ערגעץ באַהאַלטענע אין די קעלערס, וועלן אויסמיידן טרעבלינקע. ער האָט אויך אַרויסגעצויגן פון די ייִדן גרויסע געלט־קאָנטריבוציעס און זייער האָב־און־גוטס, בכדי זיך אויסקויפן פון טויט...

דאָס אויפשטעלן דעם טרעבלינקער טויטלאַגער האָט נישט גע־לאָזט רוען די ייִדן פון די אַרומיקע געטאָס. די טויטגעפאַר איז געשטאַנען פאַר די אויגן. דאָס שרעקוואָרט — טרעבלינקע — איז אַריין אין טאָג־טעגלעכן געטאָ־לעבן און געוואָרן אַ מוראדיק געשפּענסט וואָס האָט פאַרפאָלגט יעדן ייִד. אַלע נייע גזירות און נייע פאַרשיקונגען האָבן דערמאָנט דאָס וואָרט — טרעבלינקע. הערמאַן האָט גוט פאַר־שטאַנען וואָס דאָס דאָזיקע שרעקוואָרט באַדייט פאַר די טויזנטער ייִדן אין זיין געפאַנגענשאַפט. האָט ער עס גוט אויסגענוצט בעת זיין ווייטערדיקן אויסראָטן די ייִדן אין זיין ראַיאָן. צום יודנראַט פון געטאָ איז הערמאַן געקומען מיט אַ נייעם פאַרשלאָג, וואָס דער פילאָסאָפיש דענקענדיקער „דאָקטאָר" האָט פאַרטראַכט ווי אַ מין קעגנוואָג צום וואָרט „טרעבלינקע", און אויך ווי אַ באַווייז אַז ער וויל שיצן די ייִדן וואָס לעבן אונטער זיין הערשאַפט.

אַ צען קילאָמעטער פונעם שטעטל געפינט זיך אַ גרויסער מאַיאָנ־טיק — קורטשעווער הויף — און אַרום אים זומפּיקע שטחים, וואָס די ייִדן האָבן געזאָלט לויט זיין פּלאַן אויסטריקענען, דורכפירן מעליאָ־ראַציע און זיי פאַרוואַנדלען אין פרוכטבאַרער אַקערערד.

הערמאַן האָט שוין ביי זיך געהאַט אַ שריפטלעכע דערלויבעניש פון פריץ אויפצושטעלן אויף זיין שטח אַ גרויסן אַרבעט־לאַגער. אויך די דייטשישע פאַרוואַלטונג אין קורטשעווער הויף האָט אין הערמאַנס פּלאַן געפונען אַ נוצלעכן אויפטו. דער פּלאַן איז געפעלן געוואָרן די יודנראַטניקעס. זיי האָבן גלייך גענומען ווערבירן מענער צו דער אַרבעט.

אין געטאָ זענען באַלד אַוועק קלאַנגען וועגן די גוטע בריוועלעך, וואָס זענען אָנגעקומען פונעם לאַגער, ווו ייִדן האָבן זיך איינגעאָרדנט מיט אַ זאַט עסן און רו. דער לאַגער איז פאַר אַ סך ייִדן געוואָרן אַ מקום־מיקלט פון פאַרשיידענע רדיפות, פון שלאָפלאָזע נעכט און פון אַנדערע פּלאָגענישן. טויזנטער ייִדישע שקלאַפן־אַרבעטער האָבן זיך געפילט זיכער מיטן צעטל „קורטשעווער יודן־לאַגער", געשטעמפּלט דורך הערמאַנען און מיט זיין אונטערשריפט. אַפילו די דייטשישע זשאַנדאַרמעריע און אַלע וואַכפּאָסטנס אויף די וועגן האָבן רעספּעקטירט אַזאַ אַרבעט־צעטל.

ווען קיין טרעבלינקע זענען טאָג־טעגלעך געלאָפן איבערפולטע צוגן מיט ייִדן פון אַלע עקן פוילן, האָבן ייִדן אין סאָקאָלאָווער געטאָ זיך געריסן צו אָט דעם לאַגער. דאָקטאָר הערמאַן איז געווען איבפאַרמירט וועגן דעם מאַסן־צופלוס פון ייִדן, מער ווי דער לאַגער האָט זיך געניטיקט און געקענט אויפנעמען. איז ער נישט געווען קעגן דעם, אַז ייִדן זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין אָט דעם פונקט. אים האָט אינטערעסירט די צאָל און נישט די אַרבעט.

בעת איינעם פון זיינע אָפטע באַזוכן אין לאַגער האָט הערמאַן פאַראָרדנט דער לאַגער־אָנפירונג, מען זאָל אויסגראָבן לאַנגע, טיפע גריבער אויף אויסצובאַהאַלטן זעק קאַרטאָפל און קרויט, וואָס ער גרייט צו פאַרן לאַגער אויף די ווינטער־חדשים. ער האָט געשטעלט אַ טערמין, ביז וואַנען די גריבער דאַרפן גרייט זיין. און טאַקע איידער די קעלטן קומען אָן. דערביי האָט ער פאַרגעשטעלט די אַרבעט־פּלענער אויף גאַר אַ לאַנגער צייט, און ווידער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער לענג און ברייט פון די גריבער...

מיטן אָנהייבן ליקווידירן וואַרשעווער געטאָ, איז געחתמעט געוואָרן דער גורל פון די ייִדן אין פּאָדליאַשע. ווען דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר, ד"ר פישער, איז איין טאָג געווען דער גאַסט ביי הערמאַנען, האָבן ייִדן דערפילט, אַז די ריי דערנענטערט זיך צו די געטאָס אַרום טרעבלינקע.

הערמאַן, צוזאַמען מיט די איבעריקע מושלים איבער די שטעטלעך

אין פּאָדליאַשע, האָבן אָנגעגנומען אַז די מורא פאַרן טויט־לאַגער קאָן צעשטערן די רו אין די שטעטלעך, האָבן זיי ווידער זיך באַנוצט מיט די איינשלעפערונג־פּילן פון גוטע צוזאָגן פאַר „פּראָדוקטיווע” ייִדן. אין דער זעלבער צייט ווען ייִדיש לעבן איז אָפּגעמעקט געוואָרן אין אַנדערע מקומות פון פּוילן, האָבן די ייִדן אין דער געגנט דערפילט אַ פאַרלייכטערונג פון רעזשים. פאַרשיידענע שפּייז־אַרטיקלען האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אין געטאָ. ייִדן זענען אָן שטערונגען און אָן מורא אַרויס אויף דער אַרישער זייט. ייִדן האָבן אָפּגעעטעמט: אַ נס איז געשען! מ׳האָט אין דעם געזען אַ שייכות צו דאָקטאָר הערמאַנס עפנטלעכער דערקלערונג, אַז „די ייִדן־פאַרניכטונג וועט נישט זיין מער קיין אַלגעמיינע”. דאָס בלייבן לעבן פון אַ שטעטל ייִדן וועט זיין אָפּהענגיק פון דער אַרטיקער דייטשישער מאַכט, וואָס וועט קענען נעמען אין שוץ אירע ייִדן ווי אַ וויכטיקן אַרבעט־כּוח.

הערמאַן האָט געזען, אַז דאָס לעבן אין געטאָ גייט אָן נאָרמאַל. די לאַנגע קאָלאָנעס ייִדישע צוואַנג־אַרבעטער אויפן וועג צו זייערע אַרבעט־פּלעצער האָבן געדאַרפט ווייזן, אַז דער רעזשים אין געטאָ איז אין פולער אָרדענונג. זיין פאַרטראַכטער פּלאַן פון פאַרציִען די פּעטליע אַרום האַלדז מ׳זאָל זי דערפילן נאָר אין מאָמענט ווען מ׳בלייבט הענגען אויפן שטריק, האָט אים אויסגעזען צו זיין צוגעגרייט. ייִדן האָבן זיך באַפרייט פון זייער געשפּאַנטקייט און אויפגעהערט צו וואַכן אין די נעכט.

אומגעריכט איז די געטאָ אויפגעציטערט געוואָרן פון די שלעכטע ידיעות. ביז ייִדן האָבן באַוויזן אויפצונעמען די נייע בליץ־געשעענישן, האָט ווי אַ דונער אָפּגעהילכט איבער דער געטאָ דער חורבן פון שכנות־דיקן ייִדישן שטעטל. דאָס איז געווען ווי אַ סיגנאַל, אַז די ייִדן זאָלן אַנטלויפן פון געטאָ דורך די אָפענע און פון פריִער צוגעגרייטע באַהאַלטענע אַרויסגענג, לויפן מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס, מיט קליינע קינדער אויף די הענט, איבער פעלדער, איבער זאַמדיקע וועגן און שטעגן. געיאָגט פון אַ בלינדן גורל, האָבן מאַסן ייִדן זיך אַ לאָז געטאָן לויפן צו אַ וואַלד, צו אַ קוסט, צו אַ ווייט פעלד.

איבער די פּוסטע גאַסן אין געטאָ האָבן אַרומגעשפּאַצירט די דייטשישע מושלים מיט דאָקטאָר הערמאַן בראַש, און געוואָלט דערגיין, צי עס שטעקט נישט אין דעם אַנטלויפן פון די ייִדן אַן אָרגאַניזירטער כּוח. דער יודנראַט און די ייִדישע פּאָליציי־לייט, צעטומלטע, איבער־ראַשטע, האָבן אויסגעזען ווי זייער ראָלע איז אָפּגעשפּילט. זייער שרעק פאַר דאָס וואָס געשעט און פאַר דעם אויפברויז פון די דייטשישע הערשערס האָט אויף זיי אַרויפגעבראַכט אַ נעבעכדיקע הילפלאָזיקייט. זיי האָבן נישט געהאַט איבער וועמען צו הערשן. די געטאָ איז געוואָרן ליידיק...

דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון די ייִדן האָט צעשטערט די פּלענער פון דאָקטאָר הערמאַן. לויט אַלע סימנים האָבן אויף איין מאָל געדאַרפט אויסגעראָט ווערן אַלע ייִדן פון פּאָדליאַשע. הערמאַן איז דעריבער געווען געצווונגען אָנצוווענדן אַ נייע טאַקטיק, בכדי די אַנטלאָפענע ייִדן צוריק אַריינצובאַקומען אין זייער נעגל.

אין אַלע אַרומיקע דערפער און קאָלאָניעס האָבן גרויסע פּלאַקאַטן געוואָרנט די פּויערישע באַפעלקערונג, אַז פאַרן געבן וועלכע עס איז הילף אַ ייִד וועט קומען טויטשטראָף. די באַפעלן האָבן גערעדט צום ברייטן אַרום, וואָס האָט, אַגב, געגליט מיט שינאה צום ייִד. אַליין גערודפטע, אונטערדריקטע דורך די דייטשן, האָבן זיי געשלאָסן אַ בונד קעגן ייִד.

צעשפּרייטע איבער פעלצער און וועלדער, גריבער און לעכער, ווו נאָר אַ באַהעלטעניש וואָס האָט פאַרשטעלט די העלע טאָגשיין — דאָרטן איז געלעגן דאָס שטעטל ייִדן, זוכנדיק שוץ פאַר זייער לעבן.

גיריק נאָך „ייִדיש גאָלד” האָבן רויבער־באַנדעס זיך אַרויסגע־לאָזט אין געיעג נאָך די אַרומבלאָנקענדיקע ייִדן. דאָקטאָר הערמאַן האָט גוט געוווּסט וועגן פּוילישער ייִדן־פיינדשאַפט און אַז יעדער שפּאַן ערד אויסערן געטאָ וועט ברענען די ייִדישע פּוסטריט, אַז יעדע פּויע־רישע כאַטע איז ווי אַ וואַכפּאָסטן צו פאַרשטעלן דעם וועג אַן אַנטלויפנ־דיקן ייִד, און דאָס אַרויסבאַקומען זיך פון געטאָ איז נישט מער ווי אַ פאַרצווייפלטער אַקט אינעם געראַנגל פון די ייִדן פאַר זייער לעבן.

טאָ צו וואָס זיך אַרומיאָגן נאָך די געלאָפענע יידן, ווען זיי אַליין וועלן זיך מוזן איבערגעבן אין זיינע הענט?

דייטשישע שטראָף־עקספּעדיציעס פון זשאַנדאַרמעריע און זאַנ־דער־דינסט־טרופּן האָבן בכיוון אָוועקגעקוקט אין אַ זייט ביים באַגע־גענען אַן אַרומוואַנדערנדיקן ייד. זיי האָבן זיך פשוט געמאַכט נישט זעענדיק. אויך דער קרייז־הויפּטמאַן וואָס איז געווען באַגלייט פון אַ גרויסער מיליטערישער וואַך בעת זיינע יאַגד־אויספלוגן, האָט דורך זיין לאַרנעטע „נישט דערזען" קיין אַרומבלאָנדזשענדיקן ייד. אויך דער זשאַנדאַר לאַלעק, דער וואַמפּיר פון געטאָ, האָט געמוזט אין די טעג איינשטילן זיין דורשט נאָך יידיש בלוט.

דאָקטאָר הערמאַנס פּלאַן צו ליקווידירן די לעצטע יידישע שטעט־לעך אַרום טרעבלינקע האָט אָנגעהויבן אָפּהאַלטן זיין ערשטן נצחון אין דעם מאָמענט, ווען ביי די אַנטלאָפענע יידן האָבן זיך אויסגעלאָזט די לעצטע רעשטלעך עסן. די איינציקע שפּייז צו דערהאַלטן דאָס לעבן זענען געווען די פאַרבליבענע תבואה־זאַנגען אויף די פעלדער, קרויט־בלעטער, אַ בורעק, אַ מער, און אפילו רויע קאַרטאָפל.

נאָך צוויי וואָכן אַרומוואַלגערן זיך אונטערן פרייען הימל, אין רעגנס, אין בלאָטעס, באַוואַקסן, מיט שמוץ אויף די לייבער, האָבן אָנגעהויבן די אויסגעפּייניקטע יידן צוריקגיין אין געטאָ.

דאָס ביוראָ פאַר יידישע ענינים ביי הערמאַנס באַאַמטן־שטאָב האָט אַפּעלירט צו אַלע אַנטלאָפענע יידן, זיי זאָלן צוריק קומען און איינשטעלן דאָס געטאָ־לעבן ווי געווען. די באַרויקנדיקע ידיעות האָבן דערגרייכט צו יעדן אָרט, ווו די אַנטלאָפענע האָבן זיך געפונען.

אין די טעג פון ערב ראש־השנה האָבן די פיזיש און גייסטיק צעבראָכענע יידן דורך הינטערשטאָטישע וועגן, מיט אַ פאַרקלעמטער בענקשאַפט צו אייגענע היימען מאַסנווייז זיך אומגעקערט אין געטאָ.

*

אויסטערלישע טעג זענען איצט געקומען אויף די יידן. ס'האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז די געפאַר האָט נאָכגעלאָזט: מ'זעט נישט מער

קיינעם אויסער די וואַכפּאָסטנס ביי די צוימען און געטאָ־טויערן. דער געטאָ־קאָמענדאַנט האָט זיך באַוויזן אַן זיין גומי־נאַגייקע, פאַרבייגע־גאַנגען ווי קיינעם נישט צו באַמערקן. יידן זענען אומגעשטערט אַריבער אויף דער אַרישער זייט, און די שומרים האָבן אַוועקגעדרייט די קעפּ, נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם. דאָך איז דאָס אַלץ געווען פאַרדעכ־טיק. יעדערער איז געווען דורכגענומען מיט שרעק, מיט פּחד פאַרן מינדסטן שאָרך, ווי אַ באַהאַלטענע סכּנה וואָלט געלויערט אויף זיי.

אין די שטיבלעך האָבן יידן זיך געסודעט, ווי אַזוי צוגרייטן געהיימע באַהעלטענישן.

נאַכט אין געטאָ. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט זיך צעלייגט איבער די געסלעך, אויף די שטיבלעך. אַ בייזער ווינט האָט געשמיסן מיט רעגן איבער די לאָדנס אויף די פענצטער.

*

נאָך דעם ווי דעם דאָקטאָר הערמאַן איז געלונגען צוריק אַריינצו־נאַרן אין געטאָ די יידן, האָט ער זיך געשטעלט אין שפּיץ פון זיינע געהילפן אויף דורכצופירן דעם ליקווידאַציע־פּלאַן.

ער האָט אַרויסגערופן צו זיך דעם פּרעזעס פון יודנראַט און אים געמאָלדן, אַז אויף די יום־טוב־טעג טיילט ער אויס פאַרן געטאָ טאָפּעלע שפּייז־פּאָרציעס.

— נאַ, זע, און גלייב, אַז איך וועל דיינע יידן קיין שלעכטס נישט טאָן. אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיט די יידן אין אַנדערע ערטער, צו דעם האָב איך קיין שייכות נישט. די היגע יידן וואָס געפינען זיך אונטער מיין הערשאַפט, וועט קיין בייזס נישט פּאַסירן.

ער האָט דעם פּרעזעס דערלאַנגט די שפּייזבאָנעס און געהייסן זיינע רייד איבערגעבן אַלע יידן אין געטאָ. זיי קענען פייערן דעם יום־טוב אין געזיכערטער רו.

הערמאַנס רייד זענען זיך גיך צעגאַנגען איבערן געטאָ ווי אַ גוטע בשורה. די בעקערס האָבן פאַרשאַרצט די אַרבל און גענומען גרייטן יום־טוב־געבעקס. די שמשים האָבן צעעפנט די טירן פון דער גרויסער

שיל און די בתי־מדרשים, געריייניקט פאַר די מתפללים די הילצערנע טישן און בענק פון אַנגעזאַמלטן שטויב. אין געטאָ האָט מען זיך געגרייט צו די ראָש־השנה־תפילות.

אין דעם ווייבערשן אָפּטייל פון דער גרויסער שיל איז אַריינגע־קומען דאָקטאָר הערמאַן מיט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ פענצטער און אויפגעכאַפּט פיקאַנטע פאַר אים בילדער: צע־שאָקלטע ייִדן אין טליתים מיט מחזורים אין די הענט, ביים לייענען די תורה, ביים ווינטשן איינער דעם אַנדערן אַ גוט יאָר. ער האָט געפונען צייט און געדולד אויסצושטיין ביזן סוף פון די תפילות און קלאַפּן מיטן אַפּאַראַט צו אַלץ, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין ניצלעך פאַר זיינע זאַמלונגען.

*

איבער דער געטאָ איז געהאַנגען אַ טונקל בלויער הימל מיט ערשטע שטערן פון דער אַנקומענדיקער כל־נדרי־נאַכט.

ביי די פענצטער הינטער די ווייסע פאָרהענגלעך, זענען געשטאַ־נען ייִדישע פרויען און מיט די הענט פאַרדעקטע פנימער איבער די געצונדענע ליכט, אויסגעוויינט תפילות.

אין די ליידיקע גאַסן האָבן אָפּגעהילכט אייליקע טריט פון ייִדן מיט טלית־זעקלעך אונטער די אָרעמס.

מוצאי יום־כיפור.

אַ שטילע לבנה־נאַכט האָט געהויערט איבער דער געטאָ. אין גראָען פאַרטאָג האָבן ייִדן זיך אויפגעריסן פון די געלעגערס — אַ קנאַלעריי פון ביקסן האָט אָפּגעהילכט אין די געטאָגאַסן.

דורך די שפּאַלטן אין די לאָדנס און אָפּגעלענטע טירן האָבן צע־שראָקענע אויגן געקוקט צו דער געטאָ־גרענעץ און זיך האַסטיק צוריקגעצויגן. אויף די גאַסן פון געטאָ איז אויסגעבראָכן אַ בהלה. ייִדן וואָס האָבן נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן, זענען אַרומגעלאָפן ווי זיי וואָלטן פון זינען אַראָפּ, מיט פעקלעך אויף די רוקנס, מיט קליינע קינדער אויף די הענט. אויסגעשטרעקטע לופּעס צווישן די דראָטן האָבן געוואָרנט:

— נישט אַרויסגייך!

ביי העלן טאָגליכט האָבן זיך איינגעשטילט די שיסערייען. דאָקטאָר הערמאַן האָט ביים געטאָ־טויער געגעבן אַ באַפעל צו די אַריינמאַר־שירנדיקע שטורעם־אָפּטיילונגען:

— אויסרייניקן די געטאָ פון יידן!

אויף די ליידיקע גאַסן האָבן אָפּגעהילכט טריט פון סאָלדאַטן, באַוואָפנטע ווי צו אַן אַטאַקע אויף אַ שלאַכטפעלד.

הערמאַן האָט פאַראָרדנט ברענגען פאַר די צונויפגעכאַפּטע יידן וואַסער צום טרינקען, און אָפּגעהיט די אָרדענונג ס'זאָל פאַר יעדן גענוג זיין. צו די טראַנספּאָרט־וואַגאָנען האָט ער באַזאָרגט הונדערטער ברויטן מיט ווורשט און אַליין געהאָלפן אַריינשטופּן דורך די פאַר־קראַטעוועטע פענצטער דאָס עסן און געשריגן:

— פאַרטיילט איך, פאַר יעדן גליכע פּאַרציאָנען!

די סאַדיסטישע שפּיל מיט די יידישע קרבנות אין די לעצטע מינוטן פון זייערע טויט־אַנגסטן האָט הערמאַן געפּראַוועט מיט אַן ערנסט פּנים — ביים דערלאַנגען דאָס טרינקען אויפן שטעטלשן מאַרקפּלאַץ, און מיטן ברויט ביים טראַנספּאָרט־צוג קיין טרעבלינקע. און די רעשטלעך יידן וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן אין די אונטער־ערדישע לעכער און האָבן אים נאָך געפעלט צו דער אַלגעמיינער רשימה וואָס האָט זיך געפונען אין זיינע הענט — אויך לגבי זיי האָט דער געלערנטער דאָקטאָר זיך באַנוצט מיט זיין פּסיכאָלאָגישן וויסן: אַ קליין יידיש יינגעלע וואָס ער האָט געכאַפּט, האָט ער איבערגעגעבן איינעם פון זיינע דייטשישע געהילפן און געהייסן אויפזוכן די עלטערן. נאָך עטלעכע איינגעשטילטע טעג אין ליקווידירטן געטאָ איז דאָס יינגעלע געפירט געוואָרן פון הויז צו הויז און געצוווּנגען האָט מען אים שרייען און רופן: „יידן קומט אַרויס, די כאַפּערס זענען שוין נישטאָ!" דער רוצחישער טריק האָט אים בעסער געדינט ווי דאָס ברעכן בוידעמער און אויפרייסן קעלערס.

מיט אַ באַזונדערער סאַדיסטישער הנאה האָט דאָקטאָר הערמאַן זיך פאַרנומען מיט די לעצטע צוויי געפאַנגענע יידן און זייערע

משפחות: דער פּרעזעס און סעקרעטאַר פון יודנראַט, די בײדע, מיט וועלכע ער האָט געהאַט קאָנטאַקטן. זײ האָט ער אין די לעצטע טעג פון חורבן געהאַלטן איזאָלירט אונטער זײַן השגחה, ביז ער האָט באַשטימט דעם טאָג פערזענלעך זײ „אָפּצודינען": דעם פּרעזעס האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון טרעבלינקער קאָמענדאַנט וואָס האָט אים דערשאָסן און אַרײַנגעשליידערט אין אַ קאַלכגרוב. הערמאַן איז פון דער זײַט געשטאַנען מיט זײַן פאָטאָ־אַפּאַראַט, אויפגענומען די לעצטע מינוטן פון זײַן ייִדישן משרת.

דעם צווייטן פון די לעצטע ייִדן האָט ער אַליין געפירט צו דער באַן קיין טרעבלינקע. דער סעקרעטאַר — אויף אַן אָפֿענעם וואָגן, הערמאַן — אין זײַן אויטאָ נאָך אים, מיטן אַפּאַראַט בײַ די אויגן. אונטערן אַפּאַראַט האָבן זײַנע ליפּן סאַדיסטיש געשמייכלט בעתן אויפ־נעמען די אויסגעשטערקטע ייִדישע הענט וואָס האָבן מיט ציטער געבעטן רחמנות בײַם רוצח...

אין הערמאַנס פאַרניכטונגס־פּלאַן זענען אויך געווען פאַרצייכנט די ייִדן וואָס האָבן, ווײַט פון דער שטאָט, זיך צוגעוווינט צו די רויִקע אַרבעט־באַדינגונגען אויף די הויפישע פעלדער. זײ האָבן נישט גע־וווּסט, אַז פון דעם גרויסן זאַמלפּונקט וואָס האָט זיך גערופן „קור־טשעווער יודן־לאַגער", האָט דאָקטאָר הערמאַן זײַן אויג נישט אַראָפּ־גענומען, געזאָרגט צו פאַרלייכטערן זייער לעבן. דאָס טאָקע האָט די ייִדן אויף דעם אָרט באַפרייט פון אַ סך פּריִערדיקע זאָרגן.

אויף צו מאָרגנס נאָך יום־כּיפּור, ווען אָט די ייִדן האָבן זיך געגרייט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, האָבן אוקראַיִנישע באַוואָפנטע באַנדעס אַרומגערינגלט דעם אַרבעט־לאַגער. לויט הערמאַנס באַפעל האָט זיך אָנגעהויבן דער אַכזריותדיקער אויסראָט פון די ייִדן, וואָס ער האָט דאָ קאָנצענטרירט. די ברייטע און טיפע גריבער וואָס האָבן כּלומרשט געדאַרפט דינען פאַר אויסבאַהאַלטן קאַרטאָפל און קרויט אויף ווינטער, זענען געוואָרן מאַסן־קברים.

עדות פון יענער מוראדיקער שחיטה האָבן דערציילט וועגן הערמאַנס אָנטייל אין דער רציחה. מען האָט געשפּאָרט קוילן און

געמאָרדעוועט מיט טעמפּע טויט־קלעפּ... ער האָט נישט פאַרלאָזט דעם לאַגער, ביז ער האָט געזען פאַלן דעם לעצטן ייִד...

*

זאָט פון רויב און רציחה, האָט דער דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע שוין צייט געהאַט פאַר אַ קורצן אורלויב ביי זיין געליבטער פראַו העלזאַ מיט די צוויי קליינע קינדער, צו וועלכע ער האָט שטאַרק געבענקט...

ווי אַ געטרייער פאָטער און מאַן האָט ער צו זיינע נאָענטסטע אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפט, פאָטערלעכע זאָרג. ווי קליינע קינדער פאַרלאַנגען עס און זענען מסוגל אויפצונעמען. און זיין ליבסטע, וואָס אירע בריוו צו אים האָבן זיך געלייענט ווי שיינע ליבע געזאַנגען? האָט דאָך דאָקטאָר הערמאַן אַוודאי צוריקגעשענקט זיין פרוי אַ סך ליבשאַפט, און זי, זיין פרוי, פון גרויס־יחוסדיקן אָפּשטאַם, האָט אפשר נישט געוווּסט, אַז איר מאַן צערטלט זי מיט פאַרבלוטיקטע הענט. און טאַקע, וואָס האָט געטאָן דאָקטאָר הערמאַן מיטן רוצח אין אים? האָט ער אים באַהאַלטן אונטער זיין אוניווערסיטעט־דיפּלאָם? און ווי אַזוי פאָרן זיך ליבע און צערטלעכע געפילן אין האַרץ פון אַ מאַסן־מערדער? ווען ער האָט געהאַלטן זיינע אייגענע קינדער אויפן שויס, צי האָט ער זיך נישט דערמאָנט אינעם יאָמערלעכן געשריי פון די ייִדישע קינדערלעך, אַרויסגעריסענע פון מאַמישע הענט? קען אין איין מענטש זיך אויפהאַלטן אַ דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע און אַ תּליין? דאָקטאָר הערמאַנס מעשים ענטפערן — יאָ!

דער דייטשישער מאָלער

פיר יידישע בחורים האָט דער קאָמענדאַנט פון אַרבעט־לאַגער באַפּוילן קומען צו זיך אין ביוראָ און פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס. דערציילט זיי פון זיין ציווילן לעבן אין דער פאַרפוילישער שטאָט וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו דייטשלאַנד. דאָרטן האָט ער פאַרן קריג געלעבט ווי אַ פאָלקסדייטש, געפירט אַ פאָטאָגראַפיר־אַנשטאַלט. זיך אויך פאַרנומען מיט פּאָרטרעטן־מאָלעריי. דאָס צו באַשטעטיקן האָט ער באַוויזן סקיצעס, געצייכנטע אויף ווייסע בויגנס פּאַפּיר, ווו זיי, די פיר בחורים, האָבן זיך אַליין דערקענט, ווי זיי שטייען אין דער ערשטער ריי צוזאַמען מיט אַנדערע לאַגעריידן, וואָס דער קאָמענדאַנט פלעגט צו מאָל ביי אַן אַפּעל אָפּפאָטאָגראַפירן מיט זיין אַפּאַראַט. דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט האָט ער שטענדיק מיט שטאָלץ געטראָגן אויף די מיליטערישע קליידער.

די פיר בחורים האָבן דעם קאָמענדאַנט געקענט ווי אַ גאַנץ ליבעראַלן מענטש, וואָס האָט זיך אָנשטענדיק באַצויגן צו די איבער פופציק יידן אין לאַגער, וועלכע מ׳האָט דאָ געהאַלטן איידער דאָס יידישע שטעטל איז חרוב געוואָרן. מ׳האָט אים, דעם לאַגער־פירער, קיין מאָל נישט געזען באַפאַלן אַ ייד, אַזוי ווי די אַנדערע דייטשן האָבן עס געטאָן. מ׳האָט פון אים נישט געהערט באַרעכטיקן דאָס אומ־ברענגען יידן. מען האָט יאָ פון אים געהערט רעדן וועגן זיין באַרוף און קענטעניש. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ ליבהאָבער פון קונסט, גערעדט מיט העכערע באַגריפן וועגן מאָלעריי, גערעדט מיט אַ שטילן טאָן פויליש און דייטש. צווישן זיינע לאַגערמענטשן האָט ער אויסגעפונען מאָדעלן פאַר זיינע פּאָרטרעטן־צייכענונגען. ביים סוף פון שמועס מיט די פיר יידישע בחורים האָט ער זיי דערלאַנגט אַ

„שיין" מיט אַ האַקנקרייץ־שטעמפּל, זיי זאָלן קענען מיט דעם אַרויס־גיין פון לאַגער און קומען ווו ער האָט זיי געשיקט — אין אַ מיליטער־רישן מאַגאַזין סאָרטירן קאָצן.

אויפן וועג האָט זיי פאַרהאַלטן אַ דייטשישער פּאַטרול. די ייִדן האָבן זיך לעגיטימירט מיטן „שיין". די זשאַנדאַרן האָבן אים נישט אָנערקענט און פאַרהאַלטן די ייִדן. די פיר בחורים זענען פאַרלוירן געגאַנגען, מער זיך נישט צוריקגעקערט אין לאַגער. דער קאָמענדאַנט האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז אַנשטאָט גיין צו דער אַרבעט זענען די פיר נעלם געוואָרן... ער האָט געוואָרנט, אַז אַלע אין לאַגער וועלן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויב אַזאַ פאַל וועט נאָך אַ מאָל זיך איבערחזרן...

די ייִדן אין לאַגער האָבן מיט אומרו אויפגענומען די געשעעניש. דער רוב האָט געגלייבט דעם קאָמענדאַנטס מעלדונג, אַנדערע האָבן זיך באַצויגן מיט חשד. זיי האָבן געקענט די פיר בחורים, וועמען ס'איז פרעמד געווען די אַרומיקע סביבה און האָבן נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט די קריסטלעכע איינוווינערס, אַזוי אַז ס'איז שווער געווען צו גלייבן, אַז די בחורים זענען מיטן אייגענעם ווילן נעלם געוואָרן. דער וויכּוח האָט זיך געצויגן און נאָך מער זיך פאַרשאַרפט, ווען דער קאָמענדאַנט האָט ווידער באַפוילן אַנדערע פיר פון לאַגער צו מאָרגנס גיין צום מאַגאַזין צו דער זעלבער אַרבעט. צווישן די נייע פיר האָבן זיך געפונען צוויי — ישראל, דער געוועזענער פירער פון השומר־הצעיר אין שטעטל, און בינעם, אַ לאָדזשער פּליט, אַ געבוי־רענער אין דער סביבה. זיי ביידע האָט דער מאָרגנדיקער אַרויסגאַנג אַריינגעפירט אין אַ שאַרפן וויכּוח. ישראל איז געווען ביי דער מיינונג צו אַנטלויפן פון לאַגער, כאָטש ער האָט נאָך נישט געוווּסט וווהין. בינעם האָט אים ענערגיש אָפּגערעדט דערפון, בכדי נישט אויסצו־שטעלן די לאַגער־ייִדן אויף אַ שווערער שטראָף. בינעמס רייד האָבן געווירקט אויף ישראלן, און ער האָט געענדערט זיין מיינונג.

אין דער פרי, נאָכן אַפּעל, האָבן די פיר זיך אָנגעמאָלדן ביים לאַגער־פירער. זיי האָבן באַקומען פּאָרציעס ברויט מיט שטיקלעך

ווורשט, וואָס האָט געדאַרפט גענוג זיין אויף אַ גאַנצן טאָג, ביזן צוריקקומען אין לאַגער. אויך דאָס מאָל האָט דער קאָמענדאַנט זיך באַוויזן מיט זיינע מאָלערייען. צווישן צוויי האַרטע טאָוולען זענען געלעגן אויסגעסאָרטירט בליי־צייכענונגען און אייל־בילדער, געמאָלן לויט זיינע פאָטאָגראַפיעס פון די לאַגער־ייִדן. וועגן זיין פאַרליבטקייט אין מאָלעריי האָט דער קאָמענדאַנט גערעדט אין פויליש, מיט דער כּוונה אַרויסצורופן צו זיך מער צוטרוי. די ייִדן האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין ליבוועדטער פאַר זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען. מיטן „שכן" און מיט אַ וויסן בויגן פּאַפּיר צו פאַרבאָטירן די צאָל אויסגעריייניקטע קאָצן אין משך פון טאָג זענען די פיר יונגע־לייט אַרויס אין וועג. זיי זענען אַוועק מיט היגטערשטאָטישע וועגן, אַזוי ווי זיי האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט. אויף אַזאַ אופן האָבן די ייִדן געוואָלט אויסמיידן דייטשישע פּאַטרולן און אויסמיידן דעם גורל, וואָס האָט געטראָפן די ערשטע פיר.

איבערן גאַנצן וועג האָבן די ייִדן גערעדט וועגן קאָמענדאַנט, און אויך צווישן זיי זענען געווען צעטיילט די מיינונגען. זיין צוריקגעהאַלטענע אויפפירונג, קיין מאָל נישט הייבן די שטים און נישט רעדן אויף דער טעמע — ייִד — האָט אַרויסגערופן אי צוטרוי, אי נאָכטראַכטעניש, באַגלייט פון ספקות. בינעם מיט ישראלן האָבן נישט געקענט איבערצייגן די אַנדערע צוויי, אַז אויך צו אַזאַ דייטש, אַ קינסטלער, דאַרף מען זיך באַציִען מיט חשד. ס'האָבן גענאָגט די פראַגעס: געפינען זיך נישט צווישן די דייטשן אַזעלכע מיט הומאַנע געפילן? זענען אַלע נאַציס, רוצחים? האָט דער גורל געוואָלט אַז די פינף צענדליק לאַגער־ייִדן זאָלן געפינען שוץ ביי אַ קולטורעלן דייטש? וואָס שייך די פריִערדיקע פיר, וואָס מען ווייסט נישט וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, האָט עס נישט קיין שייכות צום לאַגער־פירער. אַזוי האָבן געטענהט די אַנדערע צוויי און בשום אופן נישט געלאָזט אַוועקנעמען דעם צוטרוי צום קאָמענדאַנט. צו איין זאַך בלויז זענען די פיר איינשטימיק געווען: שטיין אויף דער וואַך, אָבסערווירן דעם וועג וואָס פירט צום מאַגאַזין. זיין וואַך צו מעגלעכע איבערראַשונגען.

זיי האָבן געאַרבעט אין אַ גרויסן באַראַק, באַלייגט מיט אַנגעוואָר־פענע בערג קאַצן, נייע און געניצטע, מיט מיליטערישע שטעמפּ־לען, דאָס רוב מיט עטיקעטן פון יידישער פּראָדוקציע וואָס מ׳האָט געדאַרפט באַזייטיקן, באַזונדער סאָרטירן לויט די גרייס, קאָליר, און קוואַליטעט. שוין אַ שטיק אויפן טאָג, די זון האָט אָנגעהויבן נידערן אויף מערב. נאָך לאַנגע שעהען אַרבעט, האָט פּלוצעם איינער פון די יידן וואָס האָט געוואַכט ביי אַ פענצטער, גענומען רופן צו זיך די אַנדערע מיט גיכע האַנט־באַוועגונגען. מ׳האָט געקענט זען אויפן זאַמדיקן וועג צוויי רייטנדיקע זשאַנדאַרן, וואָס זייערע פערד האָבן אויפגעהויבן אַ שטויבוואָלקן אין דער ריכטונג צום באַראַק. איינער נאָכן צווייטן זענען די יידן אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. איינ־געבויגענע זענען זיי געלאָפן צו די פעלדער. דאָרטן זיך אויסגעצויגן און פון ווייטן געזען די זשאַנדאַרן אַראָפּשפּרינגען פון די פערד. מיט די ביקסן אין די הענט זענען זיי אַריין אין באַראַק און אַרויס מיט זוכנדיקע בליקן אינעם שטח. ווידער האָבן די זשאַנדאַרן זיך געזעצט אויף די פערד און אַוועקגעריטן צו די פעלדער. שטיין געבליבן ביי אַ שמאָל וועגל וואָס האָט געפירט צו דער שטאָט, און אונטערגעטראָגן צו די אויגן בינאָקלען וואָס זענען געהאַנגען פון פאָרנט אויף זייערע שינעלן. אין דער ווייט האָבן זיי אויפגעכאַפּט אַ באַוועגונג פון עטלעכע געשטאַלטן. די פערד אין אַ גאַלאָפּ האָבן זיי אַוועקגעטראָגן אַהין.

אויף אַלע פיר זענען די יידן פאַרקראָכן טיפער אויפן פעלד. געבליבן ליגן מיט די אויגן צוגעשמידט צו די זיך דערווייטערנדיקע זשאַנדאַרן און נישט געוויזן קיין סימן פון לעבן. נאָך אַ צייט זענען די יידן אַזוי געלעגן מורא האָבנדיק זיך צו שטעלן אויף די פיס.

אויפן וועג צוריק אין לאַגער האָט די יידן אַרומגענומען אַ שווער שווייגעניש. פאַר יעדערן פון זיי איז שוין קיין צווייפל נישט געווען אין די רוצחישע כוונות פון לאַגער־קאָמענדאַנט. קיינער האָט וועגן דעם נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן אין אַ וויכוח. ביטער איז געווען אויפן האַרצן. ביגעם האָט איבערגעריסן דאָס פּיינלעכע שווייגן:

— וואָס זאָל מען ענטפערן דעם לאַגער־פירער, ווען ער וועט

פרעגן וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט און וועגן גאַנצן ענין, וועגן וועלכן ער וועט, מעגלעך, ווערן אינפאָרמירט ?

— טאַקע ריכטיק. מען מוז וועגן דעם אַ טראַכט טאָן.

— דעם פאַרשוין וועט אַוודאי אָנגיין, צי מיר זענען אַ גאַנצן טאָג געווען אין מאַגאַזין...

— הערט מיך אויס — האָט ישראל אויפגעהויבן זיין אַראָפּגעלאָזט פנים — די צייט איז קורץ, באַלד זענען מיר ווידער אין לאַגער. לאָמיר זיך אָפּרעדן, אַז דער שטויב פון די אויסגעקלאַפּטע קאָצן האָט אונדז געקרעלט אין האַלדז, זענען מיר פאַרן עסן אַרויס אויף אַ ווײַלע אין דערנעבנדיקן פעלד, אָנאָטעמען זיך מיט ריינע לופט, כדי ווייטער צו קענען אַרבעטן. דאָס וועט דעקן אונדזער נישט געפינען זיך אין באַראַק.

צו דעם האָבן אַלע מסכים געווען, מיט בינעמס אַן אויסבעסערונג צוצושרייבן אַ פאַרגרעסערטע צאָל איינגעפּאַקטע קאָצן.

— און וואָס זאָל מען זאָגן די יידן ?

די פראַגע האָט מיט זאָרג געשטעלט איינער פון די פּליטים. קיינער האָט זיך נישט גלייך געכאַפּט צו געבן אַן ענטפער. דערציילן אין לאַגער וואָס מיט זיי איז פאָרלאָפן, וועט אַרויסרופן אַ פּאַניק־שטימונג.

— איז גלייכער — האָט בינעם פאַרגעלייגט — אויב ס׳וועלן ווידער אַהין געשיקט ווערן יידן, זאָל מען זיי דערציילן דעם אמת וועגן זייער איבערלעבונג.

אויך צו דעם האָבן אַלע איינגעשטימט.

אין מיטן וועג איז זיי אַנטקעגן געקומען אַ נידעריק נפשל, וואָס האָט די יידן אָוועקגעריסן פון זייערע מחשבות. פאַר זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ יינגל, אויף וועמען ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו דערקענען זיין עלטער. זיין פנים — געשוואָלן, מיט פרישע וווּנדן ביז איבער די אויגן. זיינע האָר — מיט בלוט צונויפגעקלעפּט. וווּנדן אויפן קאָפּ. די מלבושים — געלעכערט און פאַרשטויבט. דורך די רויט אָנגעלאָפענע ליפּן האָט דאָס יינגל קיין וואָרט נישט געקענט אַרויס־ברענגען. אויף פראַגעס האָט ער געענטפערט נאָר דורך קאָפּ־באַוועג־

גונגעון — יאָ, אָדער ניין. האָבן די יידן שוין נישט געספּקט, אַז פּאַר זיי שטייט אַ יידיש קינד. פון וואַנען איז ער געקומען אויף די פּוסטע פעלדער אין די פּאַרנאַכטיקע שעהען? ווער האָט אים אַהער פאַר־טריבן? פאַר וואָס אין אַזאַ שרעקלעכן צושטאַנד? פון וואַנען שטאַמט ער? בלויז אויף דער לעצטער פראַגע האָבן די יידן געקראָגן אַן ענטפער נאָך דעם, ווי דאָס יינגל האָט מיט שוועריקייט זיך אָנגעבויגן, מיט אַ שפּיץ פינגער אויף דעם זאַמד פון וועג אָנגעצייכנט איין איינציק וואָרט: „לאָשיץ".

וואָס טוט מען מיטן יינגל? איבערלאָזן אַליין, אין אַזאַ מוראדיקן צושטאַנד? וועגן דעם האָט קיינער פון די פיר יידן נישט געטראַכט. שפּירנדיק אַז די יידן בּאַראַטן זיך וועגן זיין גורל, האָט דאָס יינגל אָנגעכאַפּט בינעמען פאַרן אַרבל, אַרויפגעקוקט צו אים מיט בעטנדיקע אויגן. און אַז ער האָט געהערט ווי די יידן רעדן, ווי אַזוי אים אַריינ־גנבענען אין לאַגער, ווו ס'איז שטרענג פאַרבאָטן אויפהאַלטן נישט קיין אַרבעט־פעיקע, האָבן זיינע אויגן צווישן די געשוואָלענע אַפּלען ממש געשריען אַן ווערטער, אים נישט צו לאָזן ווייטער אויף הפקר. גיך האָט מען באַשלאָסן, דורך וועלכע זייט דראָטן אים דורכשטופּן אין לאַגער אַריין. די פיר יידן מיטן אונטערהינקענדיקן יינגל האָבן איינער הינטערן אַנדערן געלאָזט זיך אויף סטעזשקעס איבער פעלדער צו זייער לאַגער.

אין באַראַק האָט מען די יידן דערציילט די געשיכטע מיטן גע־פונענעם יינגל. יעדערער איז גרייט געווען צולייגן אַ האַנט צו דער הילף. עטלעכע האָבן גלייך זיך געמאָלדן איינצואָרדענען פאַר אים אַ באַהעלטעניש. איינער האָט זיך אָוועקגעזעצט אָנקאַרמען אים מיט אַ ביסל וואַרעמער זופּ, אַ צווייטער האָט געבראַכט אין וואָס זיך איבער־טאָן. אויף אַן אייבערשטער פּריטשע איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר אים אַ נאַכטלעגער.

באַגינען איז שוין געווען, ווער ס'זאָל זאָרגן אַריבערצופירן דאָס יינגל אין דער באַהעלטעניש, און ווער ס'זאָל פאַרשאַפן אים בלעכענע כלים צו עסן און טרינקען. דאָס יינגל איז געזעסן אין אַ ווינקל צווישן

צוויי פּריטשעס. זיינע צעטומלטע בליקן צו די וואָס האָבן מיט אים זיך פאַרנומען, האָבן געוועקט רחמנות. אויף זיין געשוואָלענעם פּנים איז שווער געווען צו דערקענען אַ צייכן פון גערירטקייט אָדער פרייד פאַרן צוטיילן אים אַזאַ פּאַטערלעכע הילף. בלויז אַ שטום שוויגן האָט פון אים ווי געשריִען...

אין דער פרי, ביים אַפּעל, האָט דער קאָמענדאַנט אַרויסגעלייענט די נעמען פון די, וועלכע ער האָט נעכטן געשיקט אין מאַגאַזין צו די קאַצן. זיי זאָלן גלייך נאָכן אַפּעל מעלדן זיך ביי אים. אַלע זענען אַוועק צו דער אַרבעט אַחוץ די פיר וואָס זענען מיט אַן אָפּשטאַנד פון קאָ־מענדאַנט אים נאָכגעגאַנגען צו זיין ביוראָ. אויפן וועג האָט איינער צום צווייטן זיך איבערגעוווּנקען, און דאָס האָט זיי געדאַרפט דער־מאָנען אין די נעכטן אָפּגערעדטע רייד...

דאָס מאָל איז דער לאַגער־פירער נישט געווען ווי שטענדיק צוגעלאָזן, געדולדיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קינסטלער־מאָלער. שוין ביים אויסהערן די ערשטע רייד פון די ייִדן האָט ער נישט באַהאַלטן זיין כּעס און גלייך אַרויס מיט שטרענגע פאַרוווּרפן און דראָונגען פאַרן אַרויסגיין „ערגעץ ווּו" פון מאַגאַזין אין מיטן דער אַרבעט, ווען צוויי זשאַנדאַרן זענען געקומען אין שליחות פון זשאַנדאַרמעריע־שטאַב אויסצוקלייבן קאַצן פאַר זייער שטאַב.

— דאָס הייסט ייִדישע חוצפּה! פאַר אַזאַ סאַבאָטאַזש ווערן ייִדן באַשטראָפט מיט טויט! שוין דאָס צווייטע מאָל אַזאַ דיסציפּלין־ברוך! — האָט דער לאַגער־פירער זיך צעשריִען, און געוואָרנט אַז ס׳איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער האַלט זיך אָפּ פון שווערע שטראָפן...

די פיר ייִדן זענען אַרויס פון קאָמענדאַנט מיט פאַרביטערטע הערצער. ישׂראל און בינעם, צוליבן זען דעם קאָמענדאַנט אַזוי ווי זיי האָבן וועגן אים געטראַכט, זענען נישט איבערראַשט געוואָרן. די אַנ־דערע צוויי ייִדן האָבן דעם קאָמענדאַנטס רייד באַווירקט צו בייטן זייער נעכטיקע מיינונג. זיי האָבן חרטה באַקומען פאַר וועלן אים חושד זיין אין בייזע כּוונות... זיי זענען אַפילו ברוגז געווען אויף בינעמען און ישׂראלן פאַר וועלן זיי איינרעדן, אַז דער קאָמענדאַנט איז אַ

באַהאַלטענער רוצח... זיי וועלן בשום אופן נישט לאָזן זיך אָנשטעקן מיט אומצוטרוי און חשד.

אַזוי האָבן זיי געטראַכט אויך נאָכן פאַרנאַכטיקן אַפּעל, ווען דער קאָמענדאַנט האָט גערופן אַלע לאַגער־ייִדן אויסצוהערן זיין לעצטע וואָרענונג נאָך דער נעכטיקער פּאַסירונג אין מיליטערישן מאַגאַזין. אויך די לאַגער־ייִדן האָבן געפונען פאַרשטענדעניש פאַר דעם קאָמענ־דאַנטס רייד. נישט געוואָלט אויסהערן די עטלעכע צווייפלערס, אַנ־טוישטע, און רעזיגנירטע...

דאָס ביז איצטיקע לעבן פון די פאַרשפּאַרטע קרוב צו פופציק ייִדן הינטער די לאַגער־דראָטן האָט באַקומען אַן אַנדער כאַראַקטער. די פאַרבליבענע יחידים פון אומגעבראַכטע גרויסע משפּחות האָבן כמעט ווי משלים געווען מיט זייער גורל. בעיקר די פּליטים, מיט דער לאַסט פון שווערע איבערלעבונגען פון רויב און מאָרד, פון רדיפות, נגישות, געטאָס, לסוף טאָטאַלע פאַרניכטונג, זענען צו אַלץ געוואָרן כמעט ווי גלייכגילטיק און געטראַכט בלויז וועגן שטופּן די טעג.

אַנדערש האָבן געטראַכט די, וואָס האָבן געהאַלטן אַז מען טאָר נישט לעבן נאָר מיטן טאָג. זיי האָבן פאַראורטיילט דאָס איינלעבן זיך מיטן טויט, צו וואָס די דייטשן צילן. אויף צו להכעיס די רוצחים טאָר אַ ייִד נישט אויפגעבן זיין געראַנגל פאַרן לעבן אַפילו ביים ראַנד פון קבר. האָט מען וועגן דעם געשמועסט, זיך געאַמפּערט זיצנדיק אויף די פּריטשעס פאַרן גיין שלאָפן.

דאָס קאָלעקטיווע לעבן פון די ייִדן איז אָפּגעהיט געוואָרן. מען האָט געזאָרגט פאַר ריינקייט, עסן, געוואַכט ביי טאָג און ביי נאַכט, כדי מודיע צו זיין איינס דעם צווייטן וועגן פּלוצעמדיקע אָנפאַלן, און אויך וועגן אַריינגעפאַלענעם ייִנגל צו זיי. האָבן אַלע געזאָרגט. ער איז גיך געקומען צו זיך. די ווונדן האָבן זיך פאַרהיילט, און ער האָט אָפּגעקראָגן לשון. איצט האָט דאָס פערצניאָריקע פאַריתומטע ייִנגל דערציילט פאַר זיינע נאָכט־שכנים אויף דער פּריטשע, ווי אַזוי זיין טאַטע האָט אויפגעריסן דאָס קראַטן־פענצטערל אינעם איבערפולטן טראַנספּאָרט־וואַגאָן מיט ייִדן און אים אַרויסגעשטויסן פון צוג וואָס

איז געלאָפן קיין טרעבלינקע. דאָס לעצטע מאָל האָט ער דעמאָלט געהערט דעם טאַטנס קול: „אַנטלויף! ראַטעווע דיין יונג לעבן! אפשר וועסטו אָנטרעפן עמעצן מיט אַ מענטשלעך האַרץ!" ער האָט אין די טויט־געשפּאַנטע רגעס אויך געהערט זיין מאַמעס פאַרחלשט קול, וואָס האָט אויסגעשריִען זיין נאָמען...

...טעג און נעכט האָט דאָס יִינגל זיך אַרומגעשלעפּט צווישן פּוי־ערשע כאַטעס, איבער דערפער און צעוואָרפענע כוטערס. פון יעדער אָנגעקלאַפּטער טיר, פון יעדער גוייִשער שוועל האָט מען אים פאַריאָגט מיט שטעקנס, מיט שטיינער און קלעפּ. צעיושעטע שקצימלעך און אָנגערייצטע הינט האָבן אים געטריבן. צו זיינע וווּנדן נאָכן אַרויספאַלן פון לויפנדיקן צוג זענען צוגעקומען די פריש באַקומענע מכּות ביים זוכן עמעצן מיט אַ מענטשלעך האַרץ...

אין איינעם אַ טאָג, ווען די לאַגערייִדן האָבן זיך געפונען אויף זייערע ערטער ביי דער אַרבעט, האָט דער קאָמענדאַנט, מיט דער ביקס אָנגעהאָנגען איבערן אַקסל, אַרומגעשפּאַצירט איבערן לאַגער מיט נאָך עטלעכע מיליטער־לייט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי פירן צווישן זיך אַ געמיטלעכן שמועס, ביז זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים באַראַק וואָס האָט געדינט פאַרן מאַגאַזין מיט די טויזנטער שטוב־כּלים פון פאַר־שיידענע מינים, גרייסן, קאָלירן. אויף דעם אָרט האָבן געאַרבעט אַ צוויי צענדליק ייִדן ביים סאָרטירן, רייניקן און איינפּאַקן די כּלים אין גרויסע קאַרטאָנען אָדער הילצערנע קאַסטנס. אין דעם באַראַק זענען די דייטשן אַריין, צונויפגערופן אַלע ייִדן. אַ דייטש מיט אַ פּעקל פּאַפּירן אין די הענט האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און אויס־גערופן, עס זאָל אַהערקומען זיך פרייוויליק מעלדן, ווער עס וויל צו לייכטע אַרבעטן אין אַ מיליטערישן לאַגער מיט גוטע לעבנס־באַדינגונגען. בלויז יחידים האָבן זיך דערנענטערט צום טישל. דער קאָמענדאַנט האָט פאַרלאַנגט מער. די ייִדן זענען געשטאַנען ווי גע־ליימטע און נישט גערירט זיך פון אָרט. מיט רוגזה איז ער אויפגע־שפּרונגען, באַפוילן, אַלע זאָלן אַרויס זיך שטעלן אין אַ ריי. די ייִדן זענען געטריבן געוואָרן צו אַ גרויסן מיליטערישן לאַסטאויטאָ, אַ הער־

מעטיש פאַרמאַכטער, וואָס האָט זיי אָוועקגעפירט קיין טרעבלינקע.

שפּעטער האָט דער קאָמענדאַנט פאַרלאַנגט אים צוצושטעלן אַלע חפצים פון די ייִדן, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן. מען דאַרף זיי די זאַכן אָפּשיקן אַהין, ווו זיי אַרבעטן איצט און געניסן פון זיכערקייט און רו...

אין אַ רעגנדיקער, חושכדיקער נאַכט האָט אַ לאַגעריִיד באַמערקט אַ פרעמד געשטאַלט זיך שלייכן איבערן לאַגער, פון באַראַק צו באַראַק. באַמערקט ווי דאָס טונקעלע געשטאַלט בלייבט שטיין ביי די פענצטער און פרוווט אַריינקוקן אין באַראַק דורך די שפּאַרעס פון די פּאַפּירן, וואָס האָבן פאַרקלעפּט די שויבן, בכדי צו פאַרטונקלען אין די נעכט די פענצטער. ביי איין פענצטער פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט אַ יונג קול, האָט דאָס געשטאַלט זיך פאַרהאַלטן און אויפגעכאַפּט די רייד פון אויסגעבאַהאַלטענעם ייִנגל און אויך באַמערקט אים זיך באַוועגן צווישן די פּריטשעס. צוריק איז דער אומבאַקאַנטער אַריין אין בירוראַ פון קאָמענדאַנט...

דער אַ פאַקט האָט די ייִדן שטאַרק באַאומרויִקט. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער לאַגער־פירער וועט נישט פאַרשווייגן די מעשׂה מיטן ייִנגל. אַן ענטפער האָט מען געמוזט צוטראַכטן, ווי אַזוי דאָס ייִנגל איז אַהער געקומען. פאַרשיידענע פאָרשלאָגן זענען באַהאַנדלט געוואָרן. לסוף איז מען געקומען צום אויספיר, אַז אין אָט דעם פאַל איז גלייכער צו דערציילן דעם אמת. מ׳האָט געהאָפט, אַז אויך דאָס מאָל וועט דער קאָמענדאַנט שפּילן זיין ראָלע פון אַ ליבעראַלן דייטש. אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. דער לאַגער־פירער האָט אויף צו מאָרגנס באַפוילן קומען צו אים דעם באַראַק־אויפזעער, וואָס האָט אויפגעקלערט די סיבות פון ייִנגלס געפינען זיך אין לאַגער. דער קאָמענדאַנט, מיט געביילטע פויסטן, האָט געבושעוועט:

— געבן פרעסן אַ נישט אַרבעטס־לייסטענדיק מויל פון אַ יודע?!

און ווידער האָט דער דייטש מותּר געווען אויף דער שווערער שטראָף וואָס קומט פאַר אַזאַ פאַרברעך... דער עיקר, עס זאָל מער נישט געשטערט ווערן די אָרדענונג אין לאַגער! ער האָט פאַרלאַנגט

ברענגען דאָס ייִנגל צום אַפּעל און באַשעפטיקן ביי עפּעס אַן אַרבעט. ישראל האָט פאַרזיכערט אַז אַלץ וועט ווערן פּינקטלעך אויסגעפירט. ייִדן האָבן דערוויילע פּרייער אָפּגעאָטעמט. באַלד האָבן זיך אָבער אָפּגעפונען אַזעלכע וואָס האָבן געפרעגט — ביז ווען? און אויך אַזעל־כע וואָס דעם קאָמענדאַנטס מילד רעאַגירן האָט פון זיי אָוועקגענומען אַלע שרעקן.

ביי אַ פרימאָרגנדיקן אַפּעל ביים איינטיילן די אַרבעטס־ערטער, האָט דער קאָמענדאַנט אָנגעשטעלט זיינע קעצישע אויגן אויף דעם ייִנגל וואָס איז געשטאַנען פאַרשטעקט צווישן בינעמען און ישראלן, מיט וועמען ער האָט געוווינט צוזאַמען אין באַראַק, און געווען צו זיי נעענטער ווי צו אַנדערע. דער קאָמענדאַנט האָט אים צוגערופן. אַ צעשראָקענער, מיט דראָבנע טריטעלעך, האָט דאָס ייִנגל זיך דער־נענטערט און געבליבן שטיין שטייף אויסגעגליכן; דאָס אַראָפּגענומענע היטל פון קאָפּ געהאַלטן אין דער רעכטער, שטראַם אויסגעצויגענער האַנט, ווי אַ סאָלדאַט וואָס שטייט צום ראַפּאָרט פאַר זיין עלטסטן. דער קאָמענדאַנט, ברייט און הויך, דער גרויסער זעלנערישער קאָפּ מיטן שיף־היטעלע אויף אַראָפּ. דעם ייִנגלס פּנימל — בלאַס, די אויגן פול מיט שרעק, און דאָס רויטע פּנים פונעם דייטש מיט די שפּיזיקע אויגן אַראָפּ — וויביידע וואָלטן געשטאַנען פאַר אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט. די אין אַ האַלבקרייז אויסגעשטעלטע ייִדן האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו רעאַגירן: ביטער לאַכן פון דעם משונהדיק טראַגישן בילד, אָדער מיטציטערן מיטן ייִנגל?

— וואָס איז דיין אַרבעט, קליינער? — האָט דער קאָמענדאַנט געפרעגט אויף פּויליש.

— אין באַראַק ביי די שטוב־כּלים, העלף איך זיי דערלאַנגען צום איינפּאַקן.

— פון איצט גייסטו אין מיין ביוראָ־צימער, וועסט ווערן מיין שיקייִנגל און רוימען דאָס צימער, פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען...

דאָס ייִנגל, וועמען די ייִדן האָבן גערופן — „דער קליינער", האָט

צוריקקומענדיק אין באַראַק, נאָך אַן אַרבעטסטאָג ביים קאָמענדאַנט, דערציילט וואָס דער קאָמענדאַנט האָט אים אַלץ אויסגעפרעגט. דער עיקר האָט ער געוואָלט וויסן, ווו איז געווען זיין בייטאָגיקע באַהעלטעניש, און ווער האָט זיך מטפל געווען מיט אים. אויף אַלץ האָט דער „קליינער" געענטפערט מיט זיין אַלט געוואָרענעם שׂכל: זיין באַהעלטעניש איז געווען אויף אַן אויבערשט בעט אונטער אַ קאָץ. צו עסן האָט ער באַקומען פון יעדנס שיסעלע צוויי לעפל זופּ, און פון יעדער פּאָרציע ברויט — אַ ביסן. דער קאָמענדאַנט האָט אים חושד געווען, אַז ער לייקנט, הגם ער האָט ביי זיין לעבן געשווירן, אַז ער זאָגט נאָר דעם אמת...

דער קליינער איז באַלד אַריין אין דער אַרבעט. מיט גיכע טריטעלעך איז ער אַרומגעלאָפן איבערן לאַגער־שטח אין קאָמענדאַנטס שליחותן. ער האָט אָפּגעהיט אין ביורא פון קאָמענדאַנט די ריינקייט, שטענדיק גרייט געווען דינען און געהאָרכן זיין באַפעל. דערפאַר טאָקע פלעגט אים אַ מאָל דער דייטש צוואַרפן אַ ברויטשניט מיט וווּרשט, פון וואָס דער קליינער האָט שטאַרק הנאה געהאַט... אָבער קיינער פון זיינע עלטערע שכנים אין באַראַק האָט פאַר אים נישט אויסגעלייגט די אייגענע אומעטיקע מחשבות. זאָל „דער קליינער" געניסן פון זיינע זאַטע און רויִקע טעג. קיינער פון די ייִדן האָט נישט געוואָלט, דאָס ייִנגל זאָל זיך אַרומטראָגן מיטן טויט־פּחד. דאָך האָט דער קליינער אָט דעם פּחד אַרויסגעפילט ביי זיינע עלטערע שכנים אין באַראַק, זיי אומעטיק אָנגעקוקט, געזוכט אין זייערע פּנימער אַ שמץ פון טרייסט און האָפענונג. אַנשטאָט דעם האָט ער אַלץ געהערט פאַרדאַגהטע זיפצן, שטילע רייד פון אונטערגעהערטע געשפּרעכן וואָס האָבן דעם ייִנגל געשראָקן.

איין מאָל האָט דאָס ייִנגל זיך צוגעזעצט לעבן בינעמען און דווקא געוואָלט פון אים דערגיין, פאַר וואָס אַלע גייען אַרום אַזוי פאַרזאָרגט, ווען אין לאַגער איז שטיל און רויִק, דער קאָמענדאַנט איז צו אים גוט, צופרידן פון זיין אַרבעט, ברענגט אים אויך עפּעס צו עסן, לאָזט אים זיך לערנען פאָרן אויפן ראָווער, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג. בינעם

האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז וואָס עלטער דער מענטש איז, אַלץ מער זאָרגן האָט ער, בפרט ביי אַזאַ לעבן ווען אַלע נאָענטע זענען מער נישטאָ...

— איז דען מיר בעסער? אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, און איר אַלע גייט אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ...

— זאָרג נישט, יינגל, מיר זאָרגן שוין אויך פאַר דיר...

בינעם האָט אויף אים געקוקט מיט רחמנות, צוגעלענט זיין קאָפּ צו זיך. דער קליינער האָט אומעטיק געשוויגן...

אין איינעם אַן אינדערפרי איז דער קאָמענדאַנט געווען אין אַ גוטער שטימונג, גוט געלוינט צו אַלעמען און אַוודאי — צו זיין קליי־נעם משרת. שטענדיק, ביי זיין אַראָפּשפּרינגען פון מיליטערישן וואָגן, פלעגט ער לאָזן זיך גיין מיט אַ פאַרריסענעם שטאָלץ צו זיין ביוראָ־צימער. ביים אַריינגאַנג פלעגט אויף אים וואַרטן דאָס יידישע יינגל מיט האַרץ־קלאַפּעניש און געווען גרייט אויפצונעמען זיינע באַפעלן, אָפּגעגעבענע אַ מאָל מיט אַ הויכן בייזן טאָן און אַ מאָל מיט אַן אויס־געברומטן, נישט דערזאָגטן רמז לויט דער ריכטונג פון זיין וויזפינגער. דאָס מאָל האָט דער קאָמענדאַנט זיך ברייטלעך אַוועקגעזעצט אויף זיין ווייך געבעטענעם שטול, געררייכערט אַ סיגאַרעט, געשפּילט זיך מיטן דינעם רויך וואָס האָט זיך געשלענגלט פון צווישן זיינע פעטע ליפּן ביזן סופיט. אַ דריי געטאָן דעם פליכעוואַטן קאָפּ, האָט ער אויס־גערופן:

— קום אַהער, דו קליינער קערל. בלייב שטיין פאַר מיר.

מיט גיכע טריט האָט דאָס יינגל זיך אונטערגעאיילט און געוואַרט אויף אַ באַפעל.

— זאָג, קליינער, ווילסטו פרעסן אַ ברויטשניט אָדער נאַשן אַ שטיקל שאָקאָלאַד?

— בעסער ברויט. פון שאָקאָלאַד ווערט מען נישט זאַט — האָט דאָס יינגל געענטפערט מיט אַ נאָכגעלאָזענער שפּאַנונג.

— אַז איך וועל דיר געבן ביידע, וועסטו זיין צופרידן?

— יאָ — האָט דאָס יינגל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צוגעשמייכלט.

דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פאַרפּאַקט פּעקעלע אין צייטונג־פּאַפּיר, עס אַוועקגעלייגט אויפן שרייבטיש:

— זאָג, קליינער, וואָס טוען אַלע אין די נעכט אין אייער באַראַק?

דאָס יינגל איז געוואָרן צעטומלט און נישט געוווּסט וואָס מיינט דער דייטש מיט זיין פראַגע.

— פאַרשטייסט נישט, וואָס איך פרעג דיך? צי גייט איר גליך שלאָפן אָדער איר לייענט אַ צייטונג? אָדער שמועסט איר צווישן זיך?

— די גרויסע — האָט דאָס יינגל זיך ווי אויפגעוועקט פון שלאָף — זיי שפּילן אין קאָרטן, אַנדערע שפּילן אין אַ דאַמקע, אַליין געמאַכט. קיין אַנדער צייטונג, ווי עס ברענגט אַ מאָל ווער פון דער „וואַכשטובע", אַן אויסגעלייענטע דייטשישע צייטונג, האָב איך נישט געזען.

— וועגן וואָס שמועסן די יידן? וועגן קריג, וועגן לעבן אין לאַגער?

— זיי רעדן נאָר, ווער ס׳האָט געוווּנען אָדער פאַרלוירן ביים שפּילן.

— און דו, קליינער, באַטייליקסט זיך אויך אין די שפּילן?

— ניין. איך פאַרשטיי נישט צו שפּילן. אין אָוונט קריך איך אַרויף אויף מיין אויבערשט בעט, קוק זיך איין אין זייערע שפּילן, הער וואָס זיי רעדן ביז איך שלאָף איין.

— ביי אַ לופט־אַלאַרעם באַהאַלטן זיי זיך אין אויסגעבויטן שוצ־קעלער אָדער אין אַנדערע באַהעלטענישן?

— אַנדערע באַהעלטענישן?... — האָט דאָס יינגל געהויבן מיט די אַקסלען — מיר לויפן נאָר אין שוצקעלער.

— און דו, ווי ביסטו געווען באַהאַלטן, ווען האָסט זיך פאַר מיר געהיט?

— גאַנצע טעג געלעגן אויפן אויבערשטן בעט. איז אָנגעקומען אַ פרעמדער, בין איך פאַרקראָכן אונטערן קאָץ.

— נו גוט, יונגע — האָט דער קאָמענדאַנט פאַרוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס און ווידער פאַררייכערט — איצט נעם דיר דאָס. נאָכן עסן גייסטו צום בלומען־גאָרטן אויסרייניקן די גראָזן, באַגיס די בלומען מיטן זיפּשפּעפער איידער די זון קומט אָן.

— יאָ, יאָ, זייער גוט. פאַרשטאַנען.

ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערער לאַסט, האָט דאָס יינגל פריי אָפּגעאָטעמט אין דרויסן ביי די בלומען. אין געדאַנק האָט ער זיך איינגעחזרט דעם געשפרעך צו געדענקען וואָס איבערצוגעבן די יידן. זיי וועלן בעסער פאַרשטיין, צוליב וואָס דער לאַגער־פירער האָט מיט אים פאַרפירט דעם לאַנגן שמועס.

ביי נאַכט זענען די יידן געזעסן אַרום יינגל מיט פאַרזאָרגטע פּנימער און זיך איינגעהערט, וואָס ער האָט דערציילט. מ'האָט אים באַוואָרפן מיט פראַגעס, געוואָלט פאַרשטיין יעדן פּרט און אויסטייטשן די כוונות וואָס שטעקן אינעם פאַרשן דאָס יינגל. נאָכן אויסהערן און אַריינקלערן זיך אין דאָס געהערטע, האָבן די יידן שטום זיך איבער־געקוקט; זייערע אויגן, אָנגעפילטע מיט צער און ווייטיק, האָבן ווי אויסגעשריען: „דער פאַרטרעטן־מאָלער מאָלט דעם טויט פון זיינע לאַגער־יידן!"

צווישן עולם איז געווען אַ פּליט פון קאַליש, אַ העברעישער לערער, אַ מענטש מיט אַ סך וויסן. די גאַנצע צייט איז ער געזעסן מיט אַן איינ־געצויגענעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. זיין בלאַס, אָפּגעצערט פּנים — אָנגעשטעלט צו די יידן, זייער פאַרלוירנקייט האָט אים ווי געטאָן:

— יידן, ווילט איר גלייבן אַז אַ דייטש מיט קולטור, אַ מאָלער, אַ קינסטלער, וואָס זיין באַרוף פאַרלאַנגט אינטעלעקט כּדי אויסצודריקן אידעלע געפילן, מיינט איר באמת אַז אַזאַ איינער קען ווערן אַ רוצח?

די יידן האָבן פאַרחידושט אים אָנגעקוקט, און קיינער האָט נישט געפונען ביי זיך קיין מוט אים צו דערווידערן. בלויז ישׂראל האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון זיין געלעגער און אַרויסגעבראַכט זיינע מחשבות:

— אויב איר דענקט אַז קולטור, קונסט קען אַ דייטש אָפּהאַלטן פון זיין אַן אַכזר, אַ מערדער, האָט איר גאָרנישט געלערנט פון דעם, וואָס ס'איז ביז איצט געשען. וואָס, למשל, דענקט איר וועגן גרויסן בילד וואָס הענגט איבערן שרייבטיש פון אונדזער מאָלער?

— איר מיינט דאָס איילבילד מיט די שווימענדיקע אין ים?

— יאָ, דאָס בילד מיין איך.

— שטענדיק, ווען מיר איז אויסגעקומען רוימען דעם קאָמענ־דאַנטס ביוראָ־צימער, האָב איך באַוווּנדערט זיין מאָלערישן טאַלאַנט — האָט דערקלערט דער פּליט.

— אַז ער איז אַ טאַלאַנטירטער מאָלער, איז קיין צווייפל נישטאָ. אָבער יעדער קינסטלער ברענגט צום אויסדרוק זיינע געדאַנקען, זיין קוק אויפן לעבן, זיין איך. וואָס געפינט איר אין אָט דעם בילד?

— אַרויסברענגען אין בילד זיך טרינקענדיקע מענטשן צווישן צעשטורעמטע כוואַליעס און מ'זאָל אַזוי בולט זען זייער געראַנגל צו דערגרייכן דאָס לײדיקע שיפל, וואָס שווימט פאַר זייערע אויגן, דאָס קען נאָר אַ קינסטלער. ער באַווייזט דעם מענטש אין זיין געראַנגל פאַרן לעבן.

— איר ווילט זען אין בילד בלויז דעם קינסטלער? זיין איך ווילט איר נישט זען? — האָט ישׂראל נישט געקענט זיך באַהערשן און אויפגעהויבן דעם טאָן.

— מיר רעדן איצט וועגן קונסט, וועגן טאַלאַנט, און נישט וועגן כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון מענטש.

— שווער איך צו פאַרשטיין — האָט ישׂראל זיך געוווּנדערט — איר רעדט, ווי איר וואָלט זיך געפונען אין אַ גאַלעריע פון אַ בילדער־אויסשטעלונג. איר ווילט נישט פאַרשטיין, אַז אין אונדזער קינסטלער לעבט נאָך איינער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מאָרד און רציחה. ווער האָט געשיקט צום טויט די ערשטע פיר בחורים? ווער האָט פאַרשיקט קיין טרעבלינקע די צוואַנציק יידן פון כּלים־מאַגאַזין? וויפל האָט געפעלט אַז די אַנדערע פיר יידן זאָלן האָבן דעם זעלבן סוף? און איצט דאָס בילד, וואָס אין אייערע אויגן איז עס נאָר אַ קונסט־שטיק. אָבער מיט מיינע אויגן זע איך דעם מאָלער און דעם מאַסקירטן רוצח אין אים. זעענען נישט די שווימענדיקע אין צעשטורעמטן ים ענלעך צו אונדז, לאַגערייִדן, אַריינגעפאַלענע אין די צעשטורעמטע טויט־סכּנות? און דאָס לײדיקע שיפל אין וועלכן זיי ווילן זיך אָנכאַפּן? צי איז עס נישט די מאַסקע אויף זיין פּנים? דאָס איז דער אמתער זין פונעם בילד!

ישׂראל האָט קוים באַוויזן פאַרענדיקן זיין רעדן, און פון צווישן די ייִדן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קעגן אים האַרבע פאַרוווּרפן:

— פון וואַנען די זיכערקייט ביי דיר אין דעם וואָס דו רעדסט? ביסט אַ שוואַרצזעער, אַ מהומה־פאַרשפּרייטער!

— דערצייל אונדז נישט פון דיינע וויסטע חלומות!

— האַלט זיך אַליין מיט דיינע טויטשרעקן!

— שוין, מ'טאָר שוין נישט לעבן מיט אַ ברעקל האָפענונג?

— האָט דער קריג שוין אַלעמען פאַרוואַנדלט אין חיות?

— געפינט זיך שוין נישט קיינער צווישן די דייטשן מיט אַ מענטשלעך געפיל?

— נישט איין דייטשישער זעלנער האָט מיר ביי דער אַרבעט געשענקט אַ שטיקל ברויט.

— ישׂראל! — האָט אויסגערופן דער לערער, וואָס האָט מיט זיין ערשטער פראַגע געמאַכט רעדנדיק אַנדערע ייִדן — האָט איר עפּעס געלערנט פון דער דייטשישער ליטעראַטור און קונסט, וואָס דורות פון זייער פאָלק האָבן אויף דעם זיך דערצויגן? מיט איין האַרמאַטן־שאָס האָבן די נאַציס דאָס אַלץ ליקווידירט? איך קען די דייטשישע ליטעראַטור און קולטור, שווער צו גלייבן אין דעם וואָס איר זאָגט.

— און דאָקטאָר הערמאַן? — האָט בינעם זיך אַריינגעמישט.

— געהערסטו אויך צו די פּאַניק־פאַרשפּרייטערס? לאָז אונדז רויִק איבערשלאָפן די נאַכט... — האָט אַ קול זיך געלאָזט הערן.

בלויז די וואָס זענען געווען באַהערשט פון גלייכגילט, האָבן דעם ייִנגלס דערציילן וועגן מאָלער און ישׂראלס ווערטער נישט צערודערט. זיי זענען געווען פאַרשטיינערט. נישט געוואָלט מער טראַכטן וואָס מאָרגן קען געשען. אַ טייל פון די אָרטיקע ייִדן האָט אָבער געפייניקט דער געדאַנק וועגן אַרויסבאַקומען זיך פון לאַגער. אָבער וווּהין?

*

בינעם, דער לאָדזשער פּליט, האָט געזוכט אין וואָס זיך אָנכאַפּן. האָט ער באַשטימט צו גיין צו זיינעם אַ באַקאַנטן פּוילישן פּליט פון

פּויזנער געגנט. אפשר בעטן ביי אים הילף, אפשר, אפשר... ביי טאָג האָט בינעם אויסגעקוקט אַן אָרט, פון וואַנען זיך אַרויסצובאַקומען דורך די דראָטן. שוין אין די נאַכט־שעהען איז ער געשטאַנען הינטער די פאַרטונקלטע פענצטער פון פוילישן פּליט. ס'איז געווען אַ געוועזענער רייכער לאַנדווירט, וואָס די דייטשן האָבן אים פאַרטריבן פון זיין מאַיאָנטעק און אים פאַראַרעמט. דער פּאָליאַק האָט פאַרשטאַנען בינעמס טרויעריקע לאַגע, נאָר קיין רעטונג אים נישט געקענט געבן. דאָך איז בינעם אַרויס פון אים מיט אַ צוזאָג צו פאַרשאַפן אַן אַרישן דאָקומענט. ער איז אַוועק צוריק אין לאַגער מיט דער האָפענונג ווידער צו קומען אין צוויי טעג אַרום.

אין דער פרי האָט בינעם דערזען אויף ישראלס פּריטשע־געלעגער אַ גאַלן שטרויזאַק... ישראל, וואָס פאַר בינעמען איז ער געווען דער איינציקער, מיט וועמען ער האָט געקענט זיך דורכרעדן, און געהאַט צו אים צוטרוי, און דאָ, גאָ דיר, אַ שווערע אַנטוישונג! ישראל איז אַוועק אויף אַ געהיימען אופן, מיט קיין וואָרט זיך נישט געטיילט און געלאָזט זיין חבר מיט פיינלעכע קינאה־געפילן. די נאַקעטע פּריטשע האָט בינעמען געשראָקן, אָנגעיאָגט אויף אים טרויעריקע מחשבות... בינעם האָט געבעטן דעם יינגל צו פאַרנעמען דאָס פרייע אָרט. אויך דאָס האָט אים ווייניק געטרייסט. דער פאַקט פון ישראלס אויסגע־היטנקייט פאַר אים, זיין נאָענטסטן חבר, האָט נאָך מער צעווייטיקט בינעמס האַרץ. ער האָט זיך געפילט ווי אַ פאַרלאָזענער אין אַ פינצ־טערן וואַלד. אייך האָפענונג האָט אים אַ ביסל געשטאַרקט, מאָרגן דאַרף ער ווידער גיין צו זיין באַקאַנטן פּאָליאַק.

ווי יעדן טאָג אין דער פרי זענען אַלע לאַגערייִדן אַרויס צום אַפּעל. זיי האָבן אָפּגעוואַרט דעם קאָמענדאַנט, וואָס איז דאָס מאָל אַרויס פון זיין ביוראָ אַ ביסל שפּעטער ווי געוויינלעך. ער איז אָנגעקומען מיט געמאָסטענע טריט, נישט אין זיין מיליטערישער אוניפאָרעם. עטלעכע מאָל געקוקט אויפן האַנטזייגערל. אויף איין אַקסל איז געהאַנגען זיין ביקס, אויף דעם צווייטן האָט זיך געוויגט זיין פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט. פאַר וואָס קומט ער פּלוצעם אין אַזאַ אויסזען? אויך זיין אָנגעבלאָזן

פּנים און די זייטיק צוגעוואָרפענע בליקן אויף די ייִדן, האָבן קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. וואָס האָט זיין רוצחישער מוח ווידער פאַרטראַכט? די יסורימדיקע מינוטן פון וואַרטן האָט איבערגעהאַקט די גראָבע שטים פון לאַגער־פירער:

— אַכטונג!!! — האָט ער אַ ברום געטאָן.

באַלד האָט אַ פייף דורכגעשניטן די לופט. אַלץ איז דערנאָך פאַרלאָפן מיט אַן איבערראַשנדיקער שנעלקייט, אַזוי אַז די ייִדן האָבן אַפילו נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן. עס זענען אָנגעקומען דייטשישע זעלנער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און אַרומגערינגלט די ייִדן. בלויז איינער פון די איבער דרייסיק ייִדן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אָפּגעלאָפן עטלעכע טריט און געפאַלן פון קאָמענדאַנטס אַ געצילטער קויל.

פון די ערשטע מינוטן, ווען די ייִדן זענען געווען אין די הענט פון די אָנגעלאָפענע רוצחים, ביז זיי האָבן געמאַכט די ערשטע טריט צו די אָנגעפּאַרענע צוויי לאַסטאויטאָס, האָט דעם קאָמענדאַנטס פאָטאָ־גראַפיר־אַפּאַראַט נישט אויפגעהערט צו קנאַקן. און אַרום — ווילדע געשרייען פון די זעלנער:

— שנעל! האָפּ! האָפּ!

די געטריבענע ייִדן האָבן געהאַלטן אין איין צורופן צום נאָכ־לויפנדיקן לאַגער־פירער:

— מערדער!! טונקסט דיין מאָלער־פּענדזל אין מענטשלעך בלוט! גיי קיין טרעבלינקע מאָלן דעם טויט!!!

דאָס ייִנגל האָט זיין צעטומלט פּנים איינגעשפּאַרט אין בינעמס אָרעמס און בינעם האָט געפילט זיין ציטער. בינעמס מויל איז געווען פאַרטריקנט, האָט ער נישט געקענט אַ וואָרט אַרויסברענגען, בכדי אַ ביסל אויפצומונטערן דעם פערצניאָריקן ייִנגל, ער זאָל זיך האַלטן...

בערעלע

מיטן צעטיילן דאָס שטעטל און איינפּירן די געטאָ, האָבן נישט נאָר די גאַסן מיט די פּאַטרולירנדיקע זעלנער אין גרינע מונדירן באַקומען אַן אַנדער אויסזען. אויך דאָס פּנים פונעם ייִד איז אַנדערש געוואָרן. ס'איז פאַרשוווּנדן דעם ייִדנס רירעוודיקער אימפּעט ביים אויפהאַלטן זיין קיום און ביים געשטאַלטיקן דאָס ייִדישע לעבן אין דער היים און אין דער גאַס. אין געטאָ האָט זיך דאָס לעבן קאַפּויער איבערגעדרייט. די גאַסן און הייזער זענען געוואָרן אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, און אין די שטיבער: אומעט, פּחד, זאָרג, דערשראָקענע געשטאַלטן.

אַ באַזונדערן שטריך צום אַלגעמיינעם אומעטיקן בילד האָבן צו־געגעבן די נישט־היימישע פּנימער פון די ייִדישע פּליטים, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן און געסלעך פון געטאָ. פון די ווייטע מקומות האָבן זיי מיטגעבראַכט דעם זעלבן אומעט, ווי ביי די אָרטיקע ייִדישע איינוווינערס.

צווישן די ניי־אָנגעקומענע פּליטים האָט זיך געפונען אַ נידעריק, מיטליאָריק ייִדל אין אַ פּאָר הויכע שטיוול און אין אַ מיט אַ שטריק אַרומגעגאַרטלט ברייטן ווינטער־פּאַלטן. פון אונטער דעם לאַקירטן דאַשיק פון זיין היטל האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר בלויע אויגן. אָפּנ־האַרציק און אַפילו מיט גאווה האָט ער זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען „בערעלע", אַ לאָדזשער פּליט, און פון זיין געעפנט מויל האָבן אַרויס־געקוקט בלויז פיר ציין. נישט מיט קיין באַהאַלטענער שרעק אין די אויגן, ווי אַנדערע זיינס גלייכן, נאָר דרייסט און היימיש איז ער געווען צו יעדן, וואָס האָט געוואָלט וויסן ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. זיין שטענדיק אויפגעלעבטע שטימונג, באַגלייט פון מונטער שמייכ־לענדיקע אויגן, האָט אַלעמען פאַרוווּנדערט און נייגעריק געמאַכט.

האָבן זיך ייִדן צונויפגעקליבן אין רעדעלעך אַרום אים, און ער אין דער מיט, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין אויסזען און שטענדיקער הייטערער שטימונג, וואָס האָט געווירקט אויף אַ סך ייִדן אין געטאָ. געוויס, זיי האָבן געגאַרט כאָטש אויף עטלעכע מינוט לייכטער צו מאַכן זייער שווער אָנגעלאָדן געמיט.

בערעלע, אַ מאָל זאָגנדיק און אַ מאָל זינגענדיק, האָט ליב געהאַט צו לאָזן וויסן זיין ייִחוסדיקן אָפּשטאַם פון לאָדזשער באַלוט. אַ סך צוהערערס האָבן נישט געוווּסט ווו עס שטעקט אין פוילן דאָס דאָזיקע „באַלוט". האָט בערעלע די ייִדן אַרום אים פאַרגעשטעלט זיין אָפּ־שטאַמאָרט, ווי די שענסטע און רייכסטע געגנט אין ייִדישן לאָדזש. די גרעסטע גבירים האָבן דאָרטן געוווינט, און די מאָדערנסטע הייזער זענען דאָרטן געשטאַנען. די וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין הומאָר און דאָס חוזקן פון זיך אַליין, האָבן בערעלען באַדויערט און געהאַט פאַר אים גרויס מיטלייד צוליב זיין צעשטערט רייך און באַקוועם לעבן פון פאַרן קריג. מיט זיינע רייד האָט ער אַרויסגערופן רחמנות צו זיך, און מ׳פלעגט אים אַרויסטראָגן אַ ביסן ברויט, עטלעכע גע־קאָכטע קאַרטאָפל, אַ מייער, אַ בורעק.

דאָס זענען געווען די ערשטע טעג פון זיין באַוויַיזן זיך אין געטאָ. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ערגעץ אויף אַ בוידעם־שטיבל, איינגעטוליעט אין שמאַטעס, האָט ער געפונען זיין וווינאָרט. דאָרטן האָט ער אויך פאַרטראַכט זיין לעבנס־סדר אין געטאָ: ווי אַזוי און מיט וואָס פאַראַ מיטלען צו שטילן דעם הונגער, וואָס האָט אים, מער ווי אַנדערע, געפּייניקט. דאָרטן האָט ער אויך פאַרפאַסט „לידער" פון געטאָ־לעבן, וואָס ער האָט טאָג־טעגלעך אויסגעזונגען פאַר צוהערערס אויף דער גאַס. אין איינעם אַזאַ לידל האָט ער זיך פאַרגעשטעלט:

איך בין בערעלע פון די לאָדזשער גאַסן,
פון דער גאַנצער שטאָט געלאַכט, און פון יעדן געטאָ שפּאַסן;
געהאַנדלט מיט פּאַנטשקעס, בייגל און קיכעלעך,
מיט רעש אַרומגעלאָפן אין צעריסענע שיכעלעך.

מיט אָט דעם ליד האָט ער אויך אָנגעהויבן זיך באַווייזן אין פּאָדער־הייזלעך, הינטער די טירן, און זיך פאַרהיימישט מיט די ייִדן אין געטאָ, וואָס האָבן פאַרשטאַנען זיין נויט און אים אָפּגעגעבן דאָס אָפּגעשפּאָרטע ביסן פון אייגענעם מויל.

נישט איינעם פון די לאָדזשער פּליטים האָבן זיינע לידלעך אויפ־געלעבט פאַר די אויגן יענעם בערעלע מיטן געפלאָכטענעם קויש בייגל, וואָס איז געשטאַנען הינטערן מויער פון שפּיציקן קלויסטער אויף דער קאָשטשעלנע־גאַס, ביים אַריינגאַנג אין לאָדזשער באַלוט. דאָרטן האָט ער געהאַט זיין שטענדיק פּאַרקויפּאָרט, פון וואַנען מ'האָט געהערט בערעלעס הייזעריק רופן די דורכגייערס צו זיינע פרישע, פאַרברוינטע, אויף שנירעלעך אָנגעהאָנגענע בייגל:

א געשמאַקס און גיטס — ביי בערעלען אויפן טיש.

אין זיין קעלערשטוב אין באַלוט, האָט בערעלע פאַרבראַכט דאָס גרויע לעבן זיינס, און ער האָט פון זיינע יונגע יאָרן אָן נישט באַמיט זיך אויסצובעסערן. לאָדזשער כּרך, דער שטאָטצענטער אין שכונות פון באַלוט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער רווישיקער פּיעטרי־קאָווער־גאַס, האָט אויף בערעלען נישט געמאַכט קיין איינדרוק. די פול געפּאַקטע גאַסן מיט מענטשן, די אָנגעשטאָפּטע געוועלבער מיט כּל־המינים סחורות, הויכע ווענענער, אָנגעלאָדענע מיט באַלן שטאָפן, האַנטוועגעלעך מיט איינגעשפּאַנטע טרעגערס וואָס האָבן געקלאַפּט איבער די שפּיציקע ברוקן־שטיינער — בערעלע האָט דעם דאָזיקן געדראַנג נישט פאַרטראַגן, נישט געוואָלט עס אַפילו אָנקוקן, ווייל אים האָט עס געשראָקן, ווי אַ דזשונגל. ס'האָבן אים געצויגן די ענגע גאַסן און געסלעך, די קעלער־שטיבלעך וואָס זייערע פענצטער זענען געווען גלייך מיטן טראָטואַר. דאָס קלאַפּן פון די האַנט־וועבמאַשינען, די בלאַסע פּנימער ביי די וועבער — דאָס איז בערעלען געווען נאָענט און אייגן.

איין מאָל האָבן גוטע פריינד פון זיינע עלטערן געוואָלט העלפן בערעלען אַראָפּנעמען אים פון די באַלוטער גאַסן, וואָס האָבן געטריבט

מיט הפקר־יונגען, מיט גנבים און גנבימלעך, קעשענע־צי:ערס און אַנדערע ווילע יונגען. כאָטש ער האָט נישט מיטגעמאַכט זייערע פירעכצער, האָט עס אים צו זיי געצויגן. דורך איינרעדעניש און געבעט פון טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ לייט, איז ער אַנגעקומען פאַר אַ לערן־יינגל אין אַ וועבער־פאַבריק. אָבער צום רעש פון די מאַשינען און צו דער אַרבעט־דיסציפּלין האָט בערעלע זיך נישט געקענט צופּאַסן. איז ער אַוועק פון דער פאַבריק. זיך ממש פון דאָרטן אַרויסגעריסן און געוואָרן אַ בייגל־פאַרקויפער. ער האָט ליב געהאַט די באַלוטער געסלעך, די אָפענע פנימער פון די דורכ־גייערס, זייער טומל. פאַר דעם אַלעם איז זיין האַרץ געווען ווי אָפן, אָבער נישט פאַר דעם טראַמוויי־געקלאַנג און פּאָליציייִשער דיסציפּלין אויף די ברייטע גבירישע, מיט רעש און טומל איבערגעפולטע גאַסן. מיט זיין קויש בייגל האָט ער נישט איבערגעטראָטן די גרענעץ פון באַלוט. דאָ האָט ער געפונען זיין סביבה, דאָ האָט ער געפּראַוועט זיין לעבן.

אויך אין געטאָ האָט בערעלע אויסגעמיטן רייכע שטובן. זיין וועג האָט ער געזוכט צו די נידעריקע, פּראָסטע הייזלעך מיט די הילצערנע שוועלן, בלעכענע קלאַמקעס אויף די אָפּגעקראָכענע טירן. אַהער איז ער געקומען אויסזינגען מיט אַ בעטנדיק קול:

איך בין דער בערעלע פון די לאָדזשער גאַסן,
היינט שוין אַ מידער, גייט קוים געלאַסן.
הינטער טיר און פענצטער זינג איך מיין ליד,
אַ וואַנדערנדיקער פון געטאָ צו געטאָ, אַ פאַרשטעלטער ייִד.

אַ פּיפּיקער פריזירער האָט אין בערעלען דערזען אַ מענטש וואָס וועט צוציִען קלי:ענטן. האָט ער אים מכבד געווען מיט עסן און באַזעצט אין אַ ווינקל, פון וואַנען ער האָט דעקלאַמירט און געזונגען זיינע לידלעך.

בערעלע האָט געהאַט אַן אָפן אויג און אַנגעשפּיצטע אויערן צו אַלץ, וואָס קומט פאַר צווישן ייִדן. האָט מען פון זיינע בדחנישע גראַמען

זיך דערוווּסט, ווער ס׳געניסט נאָך אין געטאָ פון עולם־הזה, און וועלכן יודנראַטניקס ווייב האָט זיך באַגייט מיט אַ פוטער־מאַנטל. מ׳האָט אַפילו געהערט וועגן „ליבעס” פון די ייִדישע פּאָליציי־לייט. פון זיין פּאַראַדיע אויף דער חתונה פונעם אָנפירער פון דער אַרבעטס־אָפּטיי־לונג ביים יודנראַט, האָט מען זיך דערוווּסט, וויפל פלייש, פיש און בראָנפן די געסט האָבן פאַרשלונגען. ער האָט אויך אָנגערופן די נעמען פון די דייטשישע אָפיצירן — געסט אויף דער חתונה, און נישט געזשאַלעוועט די „מחותנים” און אונטער־פירערס צו דער חופּה. האָט אים דאָס געקאָסט זיין פרייהייט, פון וועלכער ער האָט געגאָסן ביז אַהער.

ווען בערעלע האָט זיך דערוווּסט, אַז פון יודנראַט האָט מען אויף אים געוואָרפן אַן אויג, און די ייִדישע אַרבעטס־אָפּטיילונג האַלט אים פאַר אַ קאַנדידאַט ערגעץ צו פאַרשיקן, איז ער פאַרשווּנדן פון געטאָ. ער האָט זיך געלאָזט איבער די דערפער, איבערגעטאָן ווי אַ בעטלער.

אויף די דאָרפישע וועגן איז בערעלען נאָכגעגאַנגען אַ נישט־געשטילטע שרעק, טאָמער וועט ער מוזן עפענען דאָס מויל און אַרויס־קומען מיט זיין שטאַמלדיקן און פאַרגרייזטן פויליש, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געלערנט און נישט געברויכט אין לעבן. דער דאָזיקער שטענדיקער פּחד האָט אַדורכגענומען דעם באַהאַלטענעם ייִד אונטער דעם געלאַטעטן בגד, צעציטערט די האַנט מיט וועלכע ער האָט גע־דאַרפט זיך צלמען פאַר די הייליקע בילדער אין די פויערשע שטובן. אוי, וואָס פאַר אַ שווערן פּעקל ער האָט אויף זיך גענומען, וועלנדיק זיך אויסבאַהאַלטן פון די יודנראַטניקעס! אַריינגעפאַלן אינעם פרעמדן און דראָענדיקן גויִישן מידבר, ווו ער האָט קיין אָרט נישט געקענט געפינען אַוועקצולייגן זיין מידן קאָפּ.

בערעלעס פאַרגעפילן האָבן אים נישט גענאַרט. ערגעץ אין אַ פאַרשטויסענעם דאָרף, אויף אַ זאַמדיק וועגל, איינער אַליין צווישן הימל און ערד האָט ער, ווי זיין געוווינהייט איז געווען, גערעדט צו זיך. די ייִדישע ווערטער האָט אויפגעכאַפּט אַן אַלטער בעטלער, וואָס איז געזעסן אין שאָטן אונטער אַ בוים און געציילט די נדבות, וואָס מ׳האָט אים צוגעוואָרפן פאַרן אַריינגאַנג אין דאָרפישן קלויסטער. דער

בעטלער, מיט אַ ווילד צעוואָקסענער באָרד, האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן צום פאַרבייגייענדיקן בעטלער מיט דער טאָרבע, אָנגעהאָנגען אויף אַ שטעקן איבערן אַקסל, וואָס שלעפּט זיך פון כאַטע צו כאַטע, און זיין טאָרבע ווערט וואָס אַ מאָל פולער. אים, דעם אַלטן לאָמען דזשאַד, האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן: ווי קומט עס, אַז אַ פרעמדער בעטלער וואָס רעדט אַרויס ייִדישע ווערטער, זאָל אַריין אין תּחום פון זיין בעטלער־שטח. האָט ער לאַנג נישט געקלערט, אַ צי געטאָן דעם הילצערנעם פוס, אָנגעשפּאַרט זיך אויף די צוויי קוליעס, צוגעהאָפּסלט צום פרעמדן בעטלער פאָדערנדיק:

— היי, קום נאָר אַהער! פראָביר זאָגן דעם „פּאַטשערזש”...

דאָס בייזע לאָמע געשטאַלט אויף די צוויי קוליעס, מיטן באַוואָק־סענעם פּנים און שטעכיקע אויגן איז גלייך צו צו אים. דעם טויט־איבערגעשראָקענעם בערעלע האָט עס אַ יאָג געטאָן הינטער אַ וואַנט פון אַ כאַטע און דערנאָך צו די פעלדער, ווו ער האָט קוים אָפּגעפונען דעם וועג אויף צוריק.

אין אַ פינצטערער נאַכט האָט בערעלע מיט מאַטערניש זיך דער־שלאָגן צו די געטאָצוימען, אַריינגעגנבעט זיך צוריק אין זיין בוידעם־לאָך, דאָרטן זיך איינגעגראָבן אין די שמאַטעס, אָפּצושלאָפן פאַר די פאַרלוירענע נעכט, און צו פאַרגעסן די איבערגעלעבטע שרעקן...

אונטער דעם געלעכערטן שינדלדאַך פון אַ פאַרלאָזענער חורבה ווו קיין מענטשלעכער פוס האָט שוין יאָרן נישט באַטראָטן, האָט בע־רעלע ווייטער פאָרגעזעצט צונויפשטעלן זיינע גראַמען. אין זיינע ליד־לעך האָט ער אויסגעלאַכט דאָס רייכע, באַקוועמע לעבן פון די ייִדישע גבירים און רעדל־פירערס אין געטאָ. זיי זיצן ביי זייערע זאַטע טישן, שלאָפן אויף ווייכע געלעגערס און האָבן נאָך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון וואַלגערן זיך אין דער פרעמד. דאָ האָט ער אומגעשטערט געקענט שפּינען די חלומות נאָך זיין באַלוטער היים. וועגן אַלץ פון זיין פרייער־דיק לעבן האָט בערעלע, אַ שלאָפנדיקער אָדער וואַכער, רויק געקענט חלומען. נאָר ווען אים איז אויפגעקומען זיין שטיין מיטן קויש וואַרעמע, פרישע בייגל הינטער דער רויטער קלויסטער־וואַנט, האָט ער אַ

צעצאַפּלטער געצויגן אין זיך דעם געשמאַקן ריח פון די בייגעלעך און ממש געפילט זייער טעם... ווען ער האָט אָבער אויסגעצויגן די האַנט אָנצוכאַפּן אַ בייגל, האָט ער דערפילט זיינע פוסטע חלומות...

אין זיינע פרידלעכע טעג האָט בערעלע זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די קוישן מיט בייגל, מיט זיין צעזונגען רופן: „אַ פרישס און אַ גיטס — ביי בערעלען אויפן טיץ״, וועט ווערן נישט מער ווי אַ ביטערער חלום. און אַזוי האָט ער געקענט ליגן אין די שמאַטעס, ביז זיין טאָרבע איז ליידיק געוואָרן. דער הונגער האָט אים אַרויסגעטריבן פון בוי־דעמלאָך.

אין די פּראַקטיקע טעג האָט בערעלע זיך ווידער באַוויזן אין די געטאָגעסלעך מיט נייע גראַמען, מיט נייע טרייסטווערטער, מיט וועלכע ער איז אין געטאָ געוואָרן דער פּאָפּולערסטער צווישן די, וואָס האָבן געווירקט קעגן גייסטיקן עלנט.

אַן אָפטער גאַסט איז בערעלע אַ שטיקל צייט געווען ביי די שטעטלדיקע קצבים. ביי זיי האָט ער געפונען זאַטע טישן מיט מאכלים, ווי אין די טעג פון פאַרן קריג. דאָ האָט ער אויסגעלייגט זיך מיט זיין גאַנצן רעפּערטואַר און פריילעכער געמאַכט דעם עולם.

בערעלע איז אָבער נישט געווען אין גאַנצן מיט זיך ביים זיצן ביי די ווייס געדעקטע טישן, עסן פון געבלימלטע טעלערס. דאָ, מיט זיינע אָרעמע געלאַטעטע בגדים און נישט ווויסנדיק ווי אַזוי זיך אומ־צוגיין מיט די גלאַנציקע מעסערס און גאָפּלען, האָט ער זיך געפילט ווי אַן איבעריקער. האָט עס אים אָבער געגעבן שטאָף פאַר בייסיקע גראַמען און אויף אַריינצוזאָגן, חוזק מאַכן פון די, וואָס פירן זיך אַזוי ברייט און באַקוועם, בעת אַנדערע יידן אין געטאָ קוקן אויס אויף אַ ביסן ברויט, אַ פּאַסטנע קאַרטאָפל, פאַרטריקנטן אַ קוואָרט וואַסער, צו וואָס ער אַליין איז געוווינט געווען.

בערעלע האָט געוווסט, אַז אין געטאָ איז נישטאָ קיין אין יידישע שטוב, וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן אויפנעמען אים, טיילן זיך מיטן אויסגע־רעכנטן ביסל עסן. ווען שכנים פלעגן דערהערן בערעלעס שטים, זענען זיי זיך צונויפגעקומען אויסהערן זיינע לידלעך, געזונגענע מיט

טרויעריקע מעלאָדיעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן טרערן. בערעלע האָט אָבער נישט ליב געהאַט איבערלאָזן זיינע גאַסטגעבערס אין אַ געדריקטער שטימונג. פלעגט ער באַלד אַריבער אויף פריילעכערע טענער:

ווײנט נישט קינדערלעך, מיר זענען נאָך נישט פאַרלוירן,
צו ליידן, און פּיין זענען יידן געבוירן.
די גלאָקן פון פרייהייט מיר'ן נאָך הערן קלינגען,
מיט אייך צוזאַמען וועט בערעלע טאַנצנדיק זינגען.

ווען בערעלע האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אַ ביסל שפּייז „אויף לאַגער" אין זיין בוידעמשטיבל, איז ער אַרומגעגאַנגען אין געטאָ אָן זיינע בעטלער־טאַרבעס. ער האָט דעמאָלט אַראָפּגעצויגן פון זיך די שלעפּערשע בגדים און נישט געזונגען די לידער, וואָס האָבן געוועקט צו אים רחמנות. ווי באַווירקט פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענער שליחות צווישן די געטאָ־יידן, האָט בערעלע אין אַזעלכע טעג געזונגען לידער וואָס האָבן גערופן צום קאַמף, נישט פאַלן מיטן מוט, זיך גייסטיק שטאַרקן. פון אַלע די לידער איז אין זכרון פאַרבליבן אַזאַ פערז:

שטילער, שטילער, זאָלן די פיינד נישט הערן אונדזער געוויין,
זאָל דער שונא פּלאַצן און שטשירען מיט די ציין.
מיט שטאָלצע טריט, די רוקנס גלייך,
אויף אויסגעדאַרטע פיס, מיט פנימער וואָס זענען בלייך.

וויפל ער האָט געקאָנט האָט בערעלע אויסגעמיטן די שטובן, ווו ס'האָבן געוווינט פּליטים, דער עיקר אָפּשטאַמיקע פון לאָדזש. פאַר זיי האָט ער נישט געוואָלט זיך ווייזן מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט, און אפשר האָט ער מיטן אויסזען פון אַ בעטלער נישט געוואָלט ביי זיי אַרויסרופן בושה צום אָרט פון זייער אָפּשטאַם. נאָר צו בינעמען, דעם לאָדזשער פּליט, וואָס האָט פאַר אים געלאָזט זיך דערקענען ווי איינער, וואָס געדענקט אים גוט פון יענע טעג, מיט דעם קויש בייגל הינטערן קאַשטשאָל, צו אים, בינעמען, איז בערעלע אַריינגעקומען אָן לאָזן הערן זיך בעטלערשטים. ביי בינעמס טיש האָט בערעלע מיט פאַר־

היימישטער דרייסטקייט זיך געפּילט פּריי ביים רעדן, ביים עסן, פּריי צו בעטן „נאָך אַ לעפל געקעכטס". אין בינעמס שטיבל האָט ער אויך געהערט דאָס באַקאַנטע רוישן פון אַ האַנט־זאָקן־מאַשינדל, וואָס האָט אים זיין היימשטאָט דערמאָנט. זיין באַלוט האָט זיך ווי אַ שטעל געטאָן פאַר זיינע אויגן. אין דעם מאָמענט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אָטעמט מיט באַלוטער לופט. ווי אַ חלום זענען אים פאַרגעקומען יענע פּולע מיט יידישער אָרעמקייט רוישיקע געסלעך, ווו מ'האָט קיין גויישן פּאָליציי־מונדיר נישט געזען.

ביי בינעמס טיש האָט בערעלען דאָס מזל צוגעשפּילט צו קענען זיך ווייזן נישט ווי אַ שלעפּער, אַ בעטלער, נאָר ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, ווי דער אמתער בערעלע וואָס איז פאַרשטעקט אונטער די בעטלער־בגדים, דער אָ בערעלע וואָס שוועבט צווישן חלום און וואָר. ער האָט זיך דערמאָנט אין די ערשטע פיר געהאַנגענע יידן, וואָס די דייטשן האָבן עטלעכע טעג געלאָזט אויף די תליה־שטריק, כדי אָפּצו־שרעקן דאָס יידישע לאָדזש. ער האָט זיך דערמאָנט ווי שוין אין די ערשטע טעג נאָכן דייטשישן אַריינמאַרש קיין לאָדזש, איז ער, ווי אַנדערע יידן, פאַרכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט. מען האָט זיי געצוווּנגען שטעלן זיך אויף די קני און רייניקן די טראָטואַרן מיט די הענט, דערנאָך האָט מען זיי פאַריאָגט אין אַ שעכטהויז, ווו אַ דייטש אין אַ פאַרבלוטיקטן שירץ מיט אַ קוילער־מעסער אין דער האַנט, האָט איינציקווייז אַוועקגעשלעפּט די יידן צו אַ הינטערטיר און זיי אַרויס־געשליידערט אין דרויסן...

בערעלע האָט פאַרגעשטעלט ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון די כאַפּערס הענט. יאָ, בערעלע איז נישט קיין וויטישער, ער לייגט נישט אָפּ אויף מאָרגן קיין זאַך. דאָס וואָס ער דאַרף טאָן, מאַכט ער גלייך... זכרונות, זכרונות האָבן אָנגעפּלייצט: דער ווינטער פון ניינצן־פערציק איז אים געקומען אויפן זינען. יענע ביטערע טעג, ווען ער איז שיער נישט דערוואָרגן געוואָרן פון עלנט, פון פאַרצווייפלונג און שרעק, און די טיפוס־מגיפה. אָבער בערעלע איז נישט אונטערגע־גאַנגען, זיך שטענדיק אַרויסגעדראַפּעט ווי אַ קאַץ, וואָס שפּרינגט

פון דאַך און בלייבט שטיין אויף די פיס. און דאָס מזל האָט אים צוגע־שפּילט אויף אַלע וועגן...

און דער נס וואָס איז מיט אים געשען אין די טעג פון חורבן־לאָדזש? ווען די שעהען פאַרן ווערן אַפּגעטראַנספּאָרטירט אין אַ טויט־לאַגער האָט ער מיט אַ סך גערירטקייט דערציילט:

— טויזנטער זענען געזעסן אויף אַן אָפענעם פּלאַץ. צווישן דער צונויפגעדרענגטער מאַסע האָבן פרויען געחלשט, מ'האָט געדאַרפט פאַר זיי אַ טרונק וואַסער. די דייטשן האָבן, זעט אויס, נישט געוואָלט זיך פאַרנעמען מיט אָפּקוויקעכלעכע צוליב אַ ביסל וואַסער און האָבן אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן מענער צו ברענגען וואַסער. האָב איך פריי־וויליק זיך געמאָלדן. אַן אויטאָ האָט אונדז, עטלעכע ייִדן, פאַרפירט ערגעץ אויף אַן אָרט, אָבער די וואַסער־איינריכטונג איז דאָרט געווען קאַליע. האָב איך דעם דייטש פאַרגעלייגט פירן אונדז צו אַ וואַסער־פּלומפּ. דער יעקע האָט זיך געהייסן ווייזן דעם וועג. פיר באַוואָפנטע דייטשן האָבן געוואַכט איבער זעקס ייִדן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנפילן די קעסלען, און איך בין געווען דער וועגווייזער. דער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן ביים אַריינגאַנג צו די באַלוטער שמאָלע געסלעך. אין אַ פאַרלאָזענעם אָרט האָט זיך געפונען אַ פּלומפּ, נאָך פון די אַלטע צייטן, אײדער אין לאָדזש איז אויפגעקומען די מאָדערנע וואַסער־לייטונג. מיר האָבן געהאַט מיט זיך צוויי קעסלען, איינעם האָב איך אָנגעפילט מיט וואַסער און געלאָפן מיטן צווייטן קעסל. ייִדן זענען מיר נאָכגעלאָפן, די וואַכלייט האָבן אונדז נאָכגעקוקט. צום צווייטן קעסל מיט וואַסער האָבן שוין אויסגעפּעלט מיינע הענט...

בערעלע איז פאַרשוווּנדן ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען. אפילו דער אַלאַרמירטער שפּירהונט האָט נישט געקענט דערשמעקן בערעלעס טריט ערגעץ אין די געדרייטע באַלוטער געסלעך. אַ קעלער־לאָך האָט אים געשיצט, געראַטעוועט און איבערגעלאָזט אים דעם ווײַ־טערדיקן גורל־גאַנג פאַרן לעבן.

אָפּגעגעסן, אַרומגעווישט מיטן אַרבל די נאַסע ליפּן. דערכאַפּט דאָס האַרץ און צעפּאַרעט פונעם לאַנגן דערציילן, האָט בערעלע שוין

געוואָלט וויסן, ווען בינעם וועט אים ווידער אויפנעמען מיט אַ שיסעלע געקעכטס און צייט האָבן אים אויסהערן וועגן אומפּאַרגעסלעכן באַלוט.

פּאָר אָט דער טעמע האָט בערעלע געפונען אין בינעמען דעם פּאַסיקסטן צוהערער. לאַדזשער באַלוט, דאָס דאָזיקע כּישוף־וואָרט האָט בערעלען פאַרטראָגן אין ווייטע טרוימען און געכאָוועט האָפענונגען וועגן אומקערן זיך אַהין. באַזונדערש האָט עס בערעלען גערירט, ווען בינעם האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון הויכן, ברייטפּלייציקן יאַנקל רעסטאָראַטאָר, מיטן אויפגעלאָפּענעם רונדן בויך, מיט זיין באַלוטער רעסטאָראַן אויף דער לאַגאָוניצקער־גאַס, בינעמס אַמאָליקער דאָרף־שכן, וואָס האָט אַזוי גיך זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַן אייגענעם רעסטאָ־ראַן, ווו פּני פון באַלוט האָבן געפונען אַן אָרט צו פאַרברענגען ביי אַ גלעזל משקה, ביי אַ קופל ביר, ביי הייסע וויכּוחים אַרום טונקעלע געשעפטן, וואָס נאָר דער גראָבער יאַנקל מיט דער גאָלדענער קייט, צעהאָנגען איבער דער וועסט, האָט געקענט זיי דערפירן צו אַן אויסגלייך.

דער נאָמען יאַנקל רעסטאָראַטאָר האָט בערעלען פאַרטראָגן אין דעם רוישיקן רעסטאָראַן מיט די לאַנגע שורות טישלעך, געדיכט באַ־זעצטע מיט עסערס, דאַמקע־ און קאָרטן־שפּילערס, אונטערוועלט־פאַרשווינען און פאַרמיטלערס ביי טונקעלע מסחרים. אויך בערעלע איז געווען דאָרטן אַ שטענדיקער אַריינגייער. באַלד אין דער פרי, האָט ער יאַנקלען באַזאָרגט מיט פרישע בינטלעך בייגל און אַנדערע געבעקסן, גלייך פון בעקער... אין די שפּעטערע שעהען פון טאָג איז בערעלע געקומען אַהין מיטן לייזיקן קויש אָפּנעמען זיין שׂכר און הנאה האָבן פון באַקומענעם געדיכטן שיסעלע באָבעס מיט פאַרפל, ווו דער לעפל פלעגט קענען שטיין. אים איז שטאַרק ליב געווען דאָס דאָזיקע אָרט מיט דער געדיכטער לופט פון צעפּאַרעטע עסנס, רייכערערס און שטענדיקע קיביצערס אַרום די טישלעך. בערעלע האָט גוט פאַרגע־דענקט זיין שטענדיקן שכן, וואָס האָט געהאַט אַ סטאַבילן זיצאָרט ביי אַ קליין טישל אין אַ ווינקל, אָפּגעזונדערט פון אַלגעמיינעם טומל. אין דער אמתן איז דאָס געווען איינער ווען מ'האָט געקענט ווי אַ קאָמוניסטישן דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים. אַ סך ייִדן אין באַלוט האָבן

פֿאַר אים געשטימט, און אויך בערעלע. אָבער פֿון יענעמס איינרעדע־נישן צו אים, אַז ער, בערעלע, זאָל אַנשטאָט זיין גאַסן־אַרבעט ווערן אַ שטילער פֿאַרדינער ביים צעטראָגן אומלעגאַלע פּעקלעך געדרוקטע פּאַפּירן... און דאָס האָט בערעלע שטענדיק דערמאָנט מיט איראָניע:

— הערט, וועלכן קלין האָט ער מיר געוואָלט אין קאָפּ אַריינהאַקן. נישט אַנדערש, איך זאָל גלייבן אַז זיין פּאַרטיע וועט ענדערן דאָס פּנים פֿון דער וועלט, דעם אומגערעכטן סדר, אויסגלייכן דעם מענטש אין זיינע פּירעכצן. ס׳הייסט, אַז פּאָזנאַנסקי דער מאַגנאַט און בערעלע, דער בייגל־פּאַרקויפֿער, וועלן ווערן איין ס׳גאַל מענטש. דאַכט זיך, אַ קלוגער און געלערנטער מענטש, דער דעפּוטאַט, ווען נישט וואָלט ער דאָך נישט דערגאַנגען צום סיים. אָבער איינרעדן מיך דערמיט, איך זאָל אין דעם גלייבן — הייס איך נישט בערעלע, דער בייגל־פּאַרקויפֿער... און אויב שוין טאַקע מאַכן אַ שטיקל פּאָזשאָנדעק אויף דער וועלט, איז וואָס זעט מען איצט? ווילן עס גאָר די גערמאַנצעס מאַכן, אַז נישט דערלעבן זאָלן זיי עס, איז עס סתם געווען געהאַקט אַ טשייניק...

— בערעלע — האָט בינעם זיך אָנגערופֿן מיט אַ שמייכעלע — די מלחמה איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט. ווער קען וויסן דעם סוף?

בערעלע, אַ צעהיצטער, האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— וואָס הייסט, מ׳ווייסט נישט? און ווו איז אַמעריקע? אויב שוין יאָ מאַכן אַן אָרדענונג, איז נאָר זי, אַמעריטשקע. אין די דערפֿער צווישן די גויים האָב איך אויך געהערט אַזוי רעדן: „טילקאָ אַמעריקאַ“... איר, נעבעך, זיצט אויף אַן אָרט הינטער די דראָטן, און בערעלע מיטן גויישקן היטל אויפֿן יידישן קאָפּ הערט זיך צו, וואָס פֿרעמדע זאָגן. אין דעם איז צו גלייבן. אַז מ׳עט טאַקע דערלעבן המנס מפּלה, וועט בערעלע אַרומלויפֿן מיט פֿולע קוישן און טיילן אומזיסט וואַרעמע בייגל, ווער ס׳וועט נאָר אויסשטרעקן אַ האַנט. בערעלע זאָל אַזוי לעבן! און לויפֿן וועל איך פֿון ווי וויים צוריק צו מיין באַלוט... אָבער ביז מ׳עט געהאָלפֿן ווערן, דאַרף מען אַלע טאָג אַזאַ שיסעלע הייסע גריץ, וואָס איך האָב איצט געגעסן...

אַן אויפֿגעלעבטער און צעוואַרעמטער פֿון בינעמס היימישן טיש,

האָט בערעלע אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט דעם טאָג פון קומענדיקן באַזוך ביי בינעמען, און זיך אויסגעדרייט צו דער טיר.

אין דרויסן האָט בערעלע נישט געוווּסט פון קיין אַנדערן וועג, ווי נאָר צו די ייִדישע טירן, לאָזן הערן זיינע גראַמען, וואָס האָבן אויך אים געגעבן כּוח צו לעבן, און אויך אַנדערע געבערענגט אַ טרייסטוואָרט און אויפפאָדערונג נישט צו ווערן מאַכטלאָזע קרבנות:

בײלט די פויסטן קעגן די געטאָ־וועכטער,
שפּייט זיי אין פּנים מיט אַ בייסיק געלעכטער!
מיר, די אומשולדיקע, הינטער די דראָטן פאַרשטעקטע,
איר, אויף דער פריי, מיט בלוטיקע הענט, באַפלעקטע.

אין אַ טאָג, אַ זאַטן, האָט בערעלע צו קיינעם די האַנט נישט אויסגעשטרעקט. ער האָט נאָר געוואָלט, מ'זאָל עפענען די טירן און זיך איינהערן צו זיין וואָרט, וואָס ער האָט צעטראָגן.

אין וויפל שטובן בערעלע איז אַריינגעקומען, האָט ער אַליין נישט געוווּסט. אָבער אין געטאָ האָבן אַלע געקענט אים און אויסגעהערט זיין געזאַנג — ווער מיט ערנסט און ווער מיט חוזק. מ'מוז אָבער פעסטשטעלן, אַז בערעלעס געזאַנג האָט אַ סך מענטשן דערמונטערט. זיינע לידער האָבן געהאָלפן זיך אַנטקעגנשטעלן, נישט אונטערגעבן זיך דעם הונגער, קרענק און טויט...

*

פרילינגצייט, פאַר דער פאַרטיליקונג פון די ייִדן, איז בערעלע צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע ייִדן געכאַפּט געוואָרן. דורך די צעעפנטע פענצטער פון יודנראַט־בנין האָט זיך געלאָזט הערן זיינע אַ מוטיקע רעדע צו די פאַרכאַפּטע. אין יענעם טאָג האָט ער דורכן אָפענעם פענצטער צום לעצטן מאָל אויך געזונגען צו די ייִדן אין געטאָ.

צוריק צום שטאַם

אַנקאַ. דעם נאָמען האָט זי פֿאַר זיך אויסגעקליבן שטייענדיק אַנטקעגן אָנגעשפּאָלטענעם שפּיגל אויף דער אָפּגעקראָכענער בלויִ־לעכער קאַלכוואַנט אינעם קליינעם חדרל, וואָס אירע עלטערן האָבן באַקומען צוגעטיילט פֿון יודנראַט, צוזאַמען מיט נאָך פּליטים, פֿאַר־יאָגטע פֿון זייערע היימען. מיט אָט דעם נאָמען איז איר לייכט אָנגעקומען זיך צו פֿאַרהיימישן, מחמת אין אים איז פֿאַרבליבן דער שורש פֿון איר אמתן נאָמען — חנה־גיטל. אַגב, אַזוי האָבן זי אויך די פּוילישע שול־חברטעס גערופֿן — אַנקאַ!

ביזן אײַנפֿירן די געטאָ האָבן אירע עלטערן ביים שניידער־פֿאַך ווי עס איז אויסגעפֿונען עפּעס צו פֿאַרדינען. צוזאַמען מיט דער צוגע־טיילטער זופּ פֿון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער קיך איז נאָך געווען מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער, אָבער זינט די דײַטשן האָבן די ייִדן אַרומגענומען מיט שטעכלדראָטן, האָט איר משפּחה דערפֿילט דעם טעם פֿון הונגער. דאָס פֿריִערדיקע „העל קעצעלע", ווי מ'האָט זי אין שטוב פֿאַרצערטלט גערופֿן, האָט זיך פֿאַרקוקט אין שפּיגל, צי וועט פּאַסן דער פֿאַרגויִשטער נאָמען צו אירע בלאָנדע האָר און דעם פֿאַרריסענעם נעזל אויפֿן העלן פּנים, ווײַל זי האָט זיך געגרייט צו גיין איבער דערפֿער, ווי אַ הימלאָז מיידל, בעטלען שפּײַז און אַרײַנלייגן אין דער צוגעגרייטער טאָרבע.

באַלד ביים ערשטן באַזוך אין די פּויערישע כאַטעס האָט אַנקאַ מצליח געווען מיט איר „גוטן אויסזען" און מיט דער מעשׂה וועגן איר פֿאָטער, דעם מלחמה־אינוואַליד, וואָס איז מער נישט מסוגל צו קיין פֿיזישער אַרבעט. מוז זי פֿאַר אירע עלטערן בעטלען הילף. איר פֿליסיק פּויליש רעדן מיטן אָנגעשטעלטן נעבעכדיקן פּנימל האָבן געוועקט

צו איר רחמנות. איר טאַרבע איז גיך פול געוואָרן מיט פאַרשיידענעם שפּייז, וואָס די פויערטעס האָבן איר דערלאַנגט מיט מיטלייד און טיפן באַדויער...

אַנקאַ האָט גוט געשפּילט איר ראָלע און דאָס האָט איר צוגעגעבן מוט צו פאַרטרייבן דעם פּחד, וואָס האָט זי באַהערשט ביים ערשטן אַרויסגנבענען זיך אין אַ באַגינען דורך די דראָטן. געגאַנגען איז זי איבער פּוסטע פעלדער, איבער זאַמדיקע וועגן, וואָס זענען איר געווען פרעמד און פול מיט טויט־סכנות. ביים איבערקומען עטלעכע אַזעלכע געגנט, האָט איר דער פריִער באַפאַלענער פּחד אויסגעזען נאַיִוו און איבערגעטריבן.

ווען זי האָט אין די טונקעלע פאַרנאַכט־שעהען צוריק זיך אַריינגעשמוגלט אין געטאָ, אַ קלאַפּ געטאָן אין זייער טיר און שטיין געבליבן אין שטוב מיט אַ פולער טאַרבע שפּייז, איז אין דעם פאַרחושכטן חדרל ווי ליכטיקער געוואָרן אַלעמען אין די אויגן. חנהלע איז געווען שטאָלץ מיט איר אויפטו, שטאָלץ מיט איר בלאָנד קעפל וואָס דינט גוט אירע „שטיקלעך"...

ווען איר מאַמע, שיינדל, האָט חנהלעס קאָפּ צוגעטוליעט צו זיך, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. אמת, דאָס זענען געווען אַ מאַמעס טרערן פון פרייד ביים ווידער אָנקוקן איר בלאָס און פאַרסאָפּעט מוזינקעלע, וואָס איז צוריקגעקומען פון לעבנסגעפערלעכע געגנט, פרייד פון זיך דערוואַרטן אויפן אויסגעקוקטן קלאַפּ אין טיר...

געצל, איר פאָטער, האָט פון צעעפנטן ספר געווענדט זיין בליק צו זיין ווייב:

— זיי נישט אַזוי צעקראָכן. פאַר חנהלעס בשלום זיך אומקערן דאַנק דעם איבערשטן מיט פרייד און נישט מיט געוויין.

אויסווישנדיק אירע אויגן האָט שיינדל אַריינגערעדט אין עק פון קאַפּיטל:

— אַ טאַטע איז אַ טאַטע, אַ מאַמעס האַרץ איז אַנדערש...

ווען דאָס לעבן אין געטאָ וואָלט נישט געווען אויסגעשטעלט אויף שטענדיקע גזירות, וואָלט חנהלע ווייטער איינגעשטעלט איר לעבן,

כּדי צו ראַטעווען אירע נאָענטסטע פון אַ הונגערטויט. ווי זי האָט עס חדשים געטאָן מיטן אַרומשלעפּן זיך איבער דערפער. געמיינט האָט זי, אַז אַזוי וועט עס אָנהאַלטן, ביז דער יסורים־וועג פון די מלחמה־יאָרן וועט זיך ענדיקן. האָבן זיך אָבער אונטערגערוקט די מורא־דיקסטע טעג, ווען די דייטשן האָבן גענומען דורכפירן זייערע רוצחישע פּלענער לגבי די יידן.

פּונקט אין דעם טאָג איז חנהלען נישט מעגלעך געווען זיך אומצוקערן אַהיים, צו איר משפּחה אין געטאָ. אויף די וועגן האָט עס געררוישט מיט דייטשישן מיליטער. און כאָטש זי איז געווען געניג „זיכער ביי זיך" מיט איר „אַריש" אויסזען, האָט זי דאָך מורא געהאָט זיך צו באַגעגענען אויג אויף אויג מיט די רוצחים. דערווייַלע איז געוואָרן שפּעט. ס'איז אָנגעקומען די נאַכט, איז זי אין חושך פאַרקראָכן אין עפּעס אַ שייער און זיך איינגעגראָבן צווישן סנאָפּעס שטרוי. אין גראָען פרימאָרגן האָט זי מיט דער פולער טאָרבע איבערן אַקסל זיך געלאָזט גיין איבער זאַמדוועגן צום שטעטל.

שוין פון וויטן האָט אימהדיק קלאָר אָפּגעהילכט אַ קנאַלעריי פון ביקסן־שאָסן. וואָס מער חנהלע האָט זיך דערנענטערט צום שטעטל, האָט זי אַרומגענומען אַ שרעקגעפיל וואָס האָט פאַרהאַקט איר אָטעם. כאָטש זי האָט נאָך נישט געוווסט, וואָס איז די סיבה פונעם דומפּן געפּויק פון די שאָסן, האָט איר אויך דאָס האַרץ קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. זי האָט נאָך נישט געוווסט, אַז איבערן געטאָ האָט זיך אָנגעטראָגן אַ שׂינאה־בראַנד פון בלוט און טויט, אָבער פאַרגעפילט האָט זי, אַז זי גייט אַנטקעגן אַ שרעקלעכן אומגליק. חנהלע האָט געפילט, אַז אַ געוויין הייבט אָן אין איר שטיל, ווערט אַ רגע פאַרלאָשן און צאַפּלט ווידער אויף. ס'וועט בעסער זיין, האָט זי געטראַכט, זי זאָל זיך אויסוויינען און אויסווישן די אויגן. האָט זי עס געטאָן. אויסגעוויינט די טרערן וואָס האָבן זי געשטיקט.

פון דער ווייטנס האָט זיך דערנענטערט אַ פערד־און־וואָגן. אַ פויער איז אָנגעפאָרן, זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר און געפרעגט צי זי גייט אין שטעטל אַריין. חנהלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— גיי נישט אַהין, מיידל! — האָט דער פויער זי געוואָרנט.

— פאַר וואָס? — האָט זי געפרעגט מיט איינגעשטיקטער שרעק.

— דייטשישע זעלנער הרגענען אויס די זשידעס...

חנהלע איז געבליבן שטיין, און דער פויער איז ווייטער געפאָרן. ס'האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן אַ יאָמערלעך געוויין, און נאָר דער גראָער הימל איבער איר און די שוואַרצע ערד וואָס האָט איינגעזאַפּט אירע טרערן, האָבן געהערט איר ביטער געיאָמער. לאַנג איז חנהלע געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע, ביז זי האָט באַנומען איר גורל און פאַרשטאַנען אַז נאָר זי אַליין דאַרף באַשטימען וואָס ווייטער צו טאָן. ס'האָט זי געשטויסן אַהין, אין דער זייט פון שטעטל, צו זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס דאָרטן געשעט מיט אירע נאָענטסטע.

בײַם אַריינגאַנג אין שטעטל האָבן אירע טריט זיך צוריקגעהאַלטן, ווי וועלנדיק וואָרענען זי פאַר די סכנות וואָס לויערן אויף איר דאָרטן, ווו יידיש לעבן קומט אום אין פייער און בלוט. מוז זי דען זיך איינקוקן אין דעם שוידערלעכן חורבן, בעת זי איז אויסער דער געטאָ און קען עס פאַרמיידן?

און דאָך האָט זי אַן אינערלעכער כּוח געצוווּנגען, ממש גע־שטויסן אָנקוקן זיי, געזעגענען זיך מיט אירע טייערסטע.

ווען זי איז אַריין אין שטעטל האָט זי זיך אויסגעמישט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג וואָס אַ סך פון איר האָבן זיך געאיילט אָנקוקן דעם „ספּעקטאַקל" אויף יענער זייט דראָטן, ווו די הייזער ווערן אויסגערייניקט פון יידן...

מחוץ דער געטאָ איז געשטאַנען אַ נייגעריקע מאַסע און געקוקט אויף דעם טועכץ פון די דייטשישע מיליטער־אָפּטיילונגען. פאַר די אויגן — אַ געמיש פון גרינע, גראַנאַטאָווע און געלע מונדירן, ווי אויף אַ שלאַכטפעלד. מיט ווילדע געשרייען האָט מען אין די יידישע הייזער אויפגעריסן טיר־און־פענצטער, בוידעמער און קעלערס, אַרויסגע־שלעפּט פון דאָרטן אויף טויט צעשראָקענע יידן, געיאָגט זיי צום זאַמלפּונקט אויפן שטאַטישן מאַרקפּלאַץ.

פון דער פאַרזאַמלטער צוקוקער־מאַסע האָט מען אויסגערופן גע־

מען, וואָס זייערע קריסטלעכע שכנים האָבן דערקענט צווישן די געטריבענע, אויסגערופן אַן מינדסטן באַדויער, ווי צו אַ סטאַדע גע־פאַנגענע חיות. יאָרן זענען עס געווען זייערע שכנים, אַריינגעקומען אין זייערע קראָמען, שטובן, באַקליידט און באַשוכט פון ייִדישע אַר־בעטסהענט. איצט גייען די ייִדן צום טויט און לאָזן אויף הפקר זייערע שטובן...

בלויז איינע צווישן די צוקוקערס איז געשטאַנען און געציטערט מיטן גאַנצן לייב. פון אויפגעשטעלטן קאָלנערל האָבן אַרויסגעקוקט צוויי צעשראָקענע אויגן. אַנקאַ האָט געשטיקט אין זיך איר ווייטיק און געשריי. אין יעדן ייִדישן פּנים האָט זי געזען איר טאַטע־מאַמע און פיר שוועסטער, מיט וועמען זי איז ערשט נעכטן געווען צוזאַמען...

פּלוצעם האָט זי דערפילט אַ האַנט אויף איר אַקסל. האַסטיק זיך אומגעקוקט — פאַר אירע דערשראָקענע אויגן איז געשטאַנען אַ שלאַנ־קער בלאָנדער בחור. זיין אומבאַקאַנט פּנים האָט איר אויסגעזען פאַרדעכטיק און דאָס האָט נאָך מער זי דערשראָקן.

— קום מיט מיר, בלאָנדינקע, אין אַ זייט...

אַנקאַ איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט, מיט אַ פאַרשטומט מויל. אירע אויגן זענען געווען שאַרף אָנגעשטעלט אויף דעם צעשמייכלטן בחור.

— שרעק זיך נישט, מיידל — האָט ער זיך צו איר אָנגעבויגן און אַריינגעשושקעט אין אויער: — איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. איך וויל דיך נאָר עפּעס פרעגן...

מיט געבראָכענע טריט האָט אַנקאַ זיך געלאָזט פון אים פירן. אָפּגערוקט פון דער מענטשן־מאַסע זענען ביידע געבליבן שטיין.

— זאָג דעם אמת, מיידל, איך האָב אין דיר דערקענט אַ ייִדישקע, כאָטש מיט אַן עכטן „אונדזעריקן” אויסזען... דיינע צעשראָקענע אויגן זענען אַנדערש ווי ביי פּוילישע מיידלעך. לייקן נישט, ווייל איך בין אין דעם זיכער...

אַנקאַ האָט געוואָלט מיט אַ שאַרף וואָרט רעאַגירן אויף דעם חשד קעגן איר. זי האָט געמיינט אים זאָגן, אַז פון צוקוקן דעם מאַסנמאָרד

איבער שוצלאָזע מענטשן איז איר צערודערונג. אָבער דער שאָק פון צוגעזעענער שחיטה אין געטאָ און דער פּלוצעמדיקער האַנטבאַריר אויפן אַקסל האָבן איר דאָס לשון פאַרהאַקט. די פאַרלוירנקייט האָט גלייך פאַרראַטן. זי האָט זיך געפילט געפאַנגען אין זיינע הענט...

זייענדיק זיכער, אַז זיינע אויגן האָבן אים נישט אָפּגענאַרט, האָט ער מיט אַ שמייכל אַנקאַן אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אין אַ רעסטאָראַן. מיט איר זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. ביידע האָבן אויסגעטרונקען עטלעכע קעלישקעס און פאַרביסן מיט אַ פּאָר פּעטע ברויטשניטן. פון דעם האָט אַנקאַ זיך אַ ביסל געשטאַרקט. דערנאָך האָבן ביידע זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס פון פּערזענלעכן כאַראַקטער. אין זיין פאַרלויף האָבן זיי זיך דערנענטערט און אָנגערופן איינס דעם צווייטן מיט זייערע נעמען: — ער — אַנטעק, זי — אַנקאַ. אינעם אויסקלאַנג פון די נעמען האָט אַנטעק געפונען אַן ענלעכקייט, און דאָס האָט אים מאָדנע דערפרייט. צום סוף האָבן ביידע זיך דעררעדט, אַז די מלחמה־יאָרן זאָלן ביידע איבערקומען ווי פרייוויליקע אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד.

ביידע זענען דערוויילע אויף עטלעכע טעג אַוועקגעפאָרן צו אים אין דאָרף. ער האָט אָנגעהויבן גרייטן פאַר אַנקאַן אַ געבורטשיין מיטן תּירוץ, אַז די פריערדיקע דאָקומענטן אירע זענען פאַרלוירן געגאַנגען בײַם פאַרלאָזן דאָס אָרט פון איר געבוירן. אין דעם האָט אים געהאָלפן זיין באַקאַנטשאַפט מיט די אָרטיקע גמינע־באַאַמטע. גרייט צו דער רייזע זענען ביידע אַוועק קיין דייטשלאַנד.

לעבן צוזאַמען אויף דער פרעמדער ערד איז זיי ביידן נישט געלונגען. אַן אַ חתונה־צייגעניש זענען ביידע צעשיקט געוואָרן אויף באַזונדערע אַרבעט־פּלעצער, אָבער יעדן זונטיק האָבן זיי זיך געטראָפן, געגאַנגען אויף הוליאַנקעס, אויף וועלכע פּוילישע לאַגער־מענטשן האָבן זיך פאַרווײַלט אין די פרייע זונטיקטעג.

אַנקאַ איז אָנגעקומען אין אַ פּרויען־לאַגער און אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער פאַר איר וועלט: רויע ווענט פון באַראַק, די מגושמדיקע פרעמדע פּנימער, אַ משונהדיק פאַרענדערט לעבן. אַזוי פיל אָפּשטויסנ־

דיקע געשטאַלטן, אַזוי פיל אויגן וואָס קוקן אויף איר מיט חשד. זי, מיט איר שטילן גאַנג, סאָלידער אויפפירונג רופט ביי אַלעמען אַרויס נייגער, נאָכקוקעניש און אַן איבערווינקעניש. זי האָט געהערט אויף איר אַדרעס אַ כיכיקעניש. אַזאַ באַנעמען זיך פון די פוילישע מיידלעך צו אַזאַ ווי זי, מיט אַן עכט „אַרישן" אויסזען, שאַרף געשליפן פויליש ציינגל און אָפּגעהיטע קריסטלעכע מינהגים, איז אַנקאַן שווער געווען צו פאַרשטיין.

פון וועגן דעם האָט אַנקאַ זיך פאַרקלאָגט ביי אַנטעקן. ער, ווי אַ זייעריקער, האָט געדאַרפט איר אויפקלערן די סיבה, למאי זי וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן, ווייל פון דעם איז זי שטאַרק באַזאָרגט. אַנשטאָט צו באַקומען אַן ערנסטן ענטפער, האָט אַנטעק פון דעם זיך אויסגע־לאַכט, געמאַכט צו גאַרנישט:

— הער זיך איין, מיין ליבע, איך זע אין דעם אַלעם גאָר אַ קאָמ־פלימענט פאַר דיר. קוק זיך איין אין זייערע פנימער, אין די צעפּאַרענע גענג, אין זייערע ברייטע הינטנס, ווי ביי אויסגעפּאַשעטע פערד. צווישן אַזאַ סטאַדע פּראָסטע מוידן ביסטו איינציק מיט דיין שיין פנים, שיין פאַרקעמטן בלאָנדן קאָפּ האָר, שלאַנקע פיגור. נו, פאַרשטייסטו שוין, פאַר וואָס זייער קינאה. דערצו נאָך מיינע אָפטע באַזוכן ביי דיר... אָ, אָ, ווי דאָס ברענט אין זיי...

אַנקאַ האָט אָנגעשטעלט אַ צופרידן פּנימל, געדאַנקט פאַר זיינע קאַוואַלערישע קאָמפּלימענטן, און אויך נישט זשענירט זיך אים אויפ־מערקזאַם צו מאַכן, אַז זי האָט געמיינט צו הערן אַ מער ממשותדיקן ענטפער, ווייל זי זעט אין זייער אויפפירונג נישט בלויז ווייבערשע קינאה, נאָר עפּעס מער ערנסטעס, און זי ווייסט נישט ווי אַזוי דערמיט זיך אַן עצה געבן. זי האָט אין אַנטעקן געזען דעם איינציקן פאַר־טרויונגס־מענטש, דעם איינציקן אָנשפּאַר אין לעבן.

— ווייסט וואָס, אַנקאַ — איז אַנטעק געוואָרן ערנסטער — פּרוּ־ביר ווערן מיט די מוידן מער חבריש, נעם אָנטייל אין זייערע שמועסן, מיט איין וואָרט, שאַר זיך צו צו זיי...

אַנטעקס עצה איז אַנקאַן געפעלן געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן מיט

אירע נאָענטע שכנטעס זיך איינלעבן, דערציילן זיי אויסגעטראַכטע מעשׂיות, געהאָלפן זיי ביי פאַרשיידענע האַנטאַרבעטן, מיט וואָס יעדע פון זיי האָט זיך פאַרנומען נאָך דער אַרבעט. זי האָט זיי דערציילט עפּיזאָדן פון דער אַרבעט מיט דייטשישע מיידלעך, וואָס בעבען צו איר אויף זייער לשון, און זי — קיין וואָרט נישט פאַרשטייט, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. די שוואַבקעס קוקן אויף איר ווי אויף אַ צעמישטע און צעלאַכן זיך...

✶

אַ זוניקער זונטיק־אינדערפרי. אַנקאַ האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַנטעקס קומען און אַן אַנגעשטרענגטע אויפגעצוקט ביי יעדן באַריר פון דער טיר. בעת זייער לעצטן צונויפטרעף האָט זי באַמערקט, אַז ער איז נישט אַזוי געשטימט ווי שטענדיק. ער האָט זיך פאַרענט־פערט מיט דער מידקייט פון לאַנגן וועג צו איר, וואָס נעמט אים אַוועק צייט און כּוח. זי האָט עס אויך אַזוי געוואָלט פאַרשטיין. אַנקאַ האָט זיך שוין גוט געקענט מיט אירע שוואַכקייטן — די קלענסטע פּאַסירונג טוט זי אויסטייטשן צום שלעכטן. האָט זי טאַקע דאָס מאָל געוואַרט אויף אַנטעקן מיט פּחד, ווייל איבערגעלעבט האָט זי שרעק צוליב די צוויי ייִדישע מיידלעך, וואָס זענען אין אַ שכנותדיקן באַראַק אַנטדעקט געוואָרן. אַנקאַ האָט זיי נישט געקענט און נישט געוווסט, ווי אַזוי די געסטאַפּאָ איז דערגאַנגען צו זייערע פאַלשע דאָקומענטן. אָבער די אָנגעיאָגטע שרעק וואָס זי האָט געמוזט פאַרדעקן מיט אַ געמאַכטן שמייכל און מיט אויפגעצווונגענער „גוטער" שטימונג, האָט איר געקאָסט געזונט און אָנגעשפּאַנט אירע נערוון ביז צום פּלאַצן. אין אַנטעקס קומען האָט זי געזען די איינציקע האָפענונג צו קענען זיך אַנטשפּאַנען. און אויף צו להכעיס האָט אַנטעק פאַרשפּעטיקט.

די מיידלעך אין באַראַק האָבן מיט פאַרוווּנדערונג נאָכגעקוקט אַנקאַס האַסטיקן לויפן אַנטקעגן, ווען ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער צעעפנטער טיר. זי האָט אים ליבלעך אַרומגענומען, נאָך איידער ער איז אַריין אין באַראַק. קינאה־בליקן מיט איראָניש אָנגע־שטעלטע פּנימער, חוזק־ווערטלעך, איבערגעוואָרפענע אייגע צו די

אַנדערע, האָבן אָנקאָן נאָכגעשיקט די אַלע, מיט וועמען זי איז דעם גאַנצן פרימאָרגן געזעסן ביים לאַנגן הילצערנעם, נישט־געהובלטן טיש, און גערעדט האָבן אַלע וועגן איין איינציקער טעמע, מיט וואָס דער גאַנצער לאַגער האָט געקאָכט: די צוויי געכאַפּטע „זשידוווקעס". עס־לעכע פון די מיידלעך האָבן די ביידע יידישקעס גוט געקענט, צוזאַמען מיט זיי געאַרבעט, צוזאַמען פון פוילן געקומען. ביידע, ווי עכטע פּאָלקעס, דרייסט און דורכגעטריבן, וואָס האָבן זעלטן־גוט זיך אויס־געפונען אין באַראַק צווישן די מיידלעך און אויף אַלע זאַבאָוועס מיט כלאָפּאַקעס ביים טאַנצן. ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז די צוויי לעבעדיקע און לוסטיקע זענען פון די נישט־דערשאָסענע און נישט־„אונדזעריקע", זשידוווקעס גאָר. די סיבה פון זייער דורכפאַל האָט די מיידלעך שטאַרק אינטריגירט. דאָס קענען אַרונטעררייסן פון אַזעלכע „גוט־אויסזעענדיקע" פּנימער זייערע מאַסקעס, איז נישט צו גלייבן, אַז דאָס האָבן פאַרשטאַנען צו טאָן די פּשוטע דאָרפסמיידן פון יענעם באַראַק. עפּעס טשיקאָוועדיקס האָט מיט זיי געמוזט פּאַסירן, און וועגן דעם „עפּעס" זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע השערות, איינע פאַנ־טאַסטישער פון דער אַנדערער. עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן „אַליין געזען", אַז מ'האָט זיי געכאַפּט ביים מאָדלען זיך צום „זשידאָווסקען פּאַטשערזש".

— פאַרדרייט נישט דעם קאָפּ מיט אַזעלכע „בוידעס" — איז איינע אַריין אין שמועס — דאָס וואָס איך האָב געהערט דערציילן פון איינע, וואָס האָט מיט זיי געאַרבעט און צוזאַמען פאַרברענגט אויף זאַבאָוועס, זעט אויס צו זיין גלייביק. טאַקע אין מיטן הוליען האָט זיי עמעצער דערקענט פון שטעטל, ווו ער פלעגט אַריינקומען קויפן אין זייער גאַלאַנטעריע־געוועלב.

די טשיקאָווע געשיכטע מיט די צוויי יידישע שוועסטער האָט זיך צעטראָגן פון מויל צו מויל. מ'האָט אָנגעהויבן אויף זיי ווייזן מיט די פינגער, ביז ס'איז דערגאַנגען צו אַ קאָוואַליר צווישן די טענצערס. דער האָט דאָס באַלד איבערגעגעבן ווו מ'דאַרף...

— אין דעם איז צו גלייבן — האָבן אַלע אַרום טיש צוגעטאָקעוועט.

איינע פון די מיידלעך, מאַרישאַ, אַ שטיל־שוויַיגנדיקע, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער אונטערגעשפּאַרטער האַנט, האָט פון דער זייט אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט אַזאַ „שווינסטווא" (חזיריי) נישט געטאָן. איבער־געבן יונגע מיידלעך אין די הענט פון די דייטשן, איז אַ זינד, אַ פאַרברעך!

אַלע האָבן אָנגעשטעלט אויף איר בייזע בליקן:

— און שפּילן אַ פאַלשע ראָלע מיט אונדזער קאַטוילישן גלויבן, איז נישט קיין זינד? נישט קיין פאַרברעך?

— נאָך וואָסערע זינד! — האָבן בייזע שטימעס געצילט גלייך צו איר.

— ניין, ניין! — האָט דאָס מיידל האַסטיק אויסגערופן — זיי האָבן בלויז געוואָלט ראַטעווען דאָס יונגע לעבן זייערס. אונדזער רעליגיע לערנט, אַז מ׳דאַרף העלפן אַ געפאַלענעם מענטש!

— קוקט זי נאָר אָן די, מיטן פרומען פּנים. זי מיינט אַוודאי, אַז זי געפינט זיך דאָ אין קלויסטער ביים קשאָנדז און טוט זיך פאַר אים מתוודה זיין. ס׳פעלט נאָר זי זאָל קני׳ען...

— ווי קען זי אַנדערש פאַרשטיין, אַז גאַנצע טעג ליגט זי ווי אַן אָוועקגעפאַלענע פאַדלע אויף איר פריטשע און שפּילט זיך מיט די קרעלן...

— ווען מיר רעדן צווישן זיך, איז זי פאַרשטומט, דרייט די צונג נישט איבער. נאָר ווענן די צוויי דרעקישע זשידוווקעס האָט זי זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, געוואָרן רעדעוודיק. אפשר רעדט פון איר אַרויס דער יידישער טייוול?..

אַלע אַרום טיש האָבן געלאַכט.

מער האָט מאַרישאַ שוין נישט געקענט פאַרטראָגן די שטימונג אַרום איר. זי האָט געלאָזט נאָך זיך בייזע בליקן מיט אַ האַסטיקן שטעל אויף, אַזש דער טיש האָט פון אָרט זיך גערירט:

— איר האָט זיך געהאַדעוועט מיט בהמות און פאַרשטייט נישט מער ווי זיי...

אַ שליידער געטאָן די פּאָר ווערטער צום טיש און זיך אָפּגעטראָגן טיפער אין באַראַק צו איר אַרבעט.

צעשריגענע קולות האָבן איר נאָכגעיאָגט:

— איי, פאַניושאַ! מיט וועמען האָסטו זיך געכאָוועט, מיט די חזירים?

— אַן אמת פאַרגרעבטע דאָרפישע מויד!

מאַרישאַ האָט צווישן די בעטן אָנגעטראָפן אַנקאַן מיט אַנטעקן, וואָס האָבן זיך געגרייט אַרויסצוגיין פון באַראַק אויף אַ שפּאַציר. אַנקאַ האָט זי געפרעגט, פאַר וואָס זי זעט אויס אַזוי צעטראָגן, האָט איר מאַרישאַ דערציילט דעם פאַרלויף פון שמועס ביים טיש.

— מאַרישאַ — האָט אַנקאַ מיט אַ ווייכער שטימע זי באַרויקט — לערן דיך זיי צו פאַרשטיין. פאַרלאַנג נישט פון אַ שיכור, ער זאָל רעדן ניכטער. די מיידן זענען צעטראָגן צוליב דער מלחמה. עס פעלן זיי די היימען זייערע, די אייגענע געלעגערס, רעדט פון זיי אַרויס די ביעדאַ...

מאַרישאַ איז נישט מסכים געווען. זי האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש דאַרף מען זיין אין אַלע באַדינגונגען, נאָר זיי האָבן מיט שטרוי אָנגע־שטאָפּטע קעפּ. און די מיילער זייערע — אַ חרפּה אויסצוהערן...

— מאַרישאַ, נישט אַלע זענען, ווי דו און איך. לאָז זיי צו רו און בלייב ווי דו ביסט. די מלחמה וועט אייביק נישט דויערן...

כאָטש אַן איינגעהאַלטענע אין דער נאַטור, מיט באַגרענעצטע מיידלשע באַגערן, האָט מאַרישאַ דאָך נישט געקענט גובר זיין אין זיך די קינאה צו שטיין און נאָכקוקן אַנקאַס און אַנטעקס אַרויסגיין פון באַראַק, ביידע מיט פאַרוואָרפענע הענט אַרום די טאַליעס, ווי צום טאַנץ. אַ נייגעריקע האָט זי זיי נישט אַרויסגעלאָזט פון בליק, ביז ביידע זענען דערגאַנגען צום לאַגער־טויער. ערשט אויפן געלעגער מיטן געבעטביכעלע אין די הענט, האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן דאָס געפיל פון קינאה, וואָס איז אין איר אויפגעקומען קעגן אייגענעם ווילן...

אין זוניקן דרויסן האָבן אַנקאַ און אַנטעק געשפּאַצירט ווי אַ

פּאַרליבט פּאָרל. די פייגל, אַנגעפלויגענע פון די הינטערשטאָטישע פעלדער, האָבן פון די דעכער און פון די ביימער אַראָפּגעטשוויטשערט, און די ריטמישע טריט פונעם פּאָרל האָבן ווי געשפּאַנט צום טאַקט פון די פייגלשע געזאַנגען. אַנטעק האָט אַ גאַנצע וואָך זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ נייעסל אַנצוזאָגן אַנקאַן און זי דערמיט איבערראַשן. האָט ער געפונען ביים שפּאַציר דעם פּאַסיקסטן מאָמענט:

— ווייסטו, אַנקאַ, איך וויל דיר עפּעס פריילעכס אָנזאָגן.

אַנקאַ האָט אַנגעשטעלט אויף אים נייגעריקע אויגן.

אונטערן רושם פון זיין גוטער שטימונג האָט אַנטעק זיך אַ שפּיל געטאָן מיט איר נייגער:

— איך גרייט זיך דערמיט אַ גאַנצע וואָך, און דו ווילסט דורך איין מינוט זיך דערוויסן...

אַנקאַ איז שטיין געבליבן מיט אַן אַנגעבלאָזענער ערנסטקייט:

— איך מאַך נישט קיין טריט ווייטער, ביז איך הער דערציילן.

— אויב אַזוי — האָט ער זיך פאַרניגט — קאַפּיטוליר איך און זאָג דיר אָן, אַז פון דער צווייטער וואָך פירט מען מיך איבער אין קרופּס געווער־פאַבריקן, ווען איך זיין נאָענט פון דיר.

— וואָס פאַר אַ סיבה האָסטו אָנגעגעבן?

— מיין כּלה...

— אויב אַזוי, אַנטוש, פאַר וואָס האָסטו דערמיט זיך אַרומגעטראָגן ביז איצט?

— איך האָב געוואַרט אויף אַזאַ שיינעם שפּאַציר... און לאָמיר טאַקע לכּבוד דעם אַ הוליע טאָן!

פון די צעעפנטע טיר־און־פענצטער אין אַ גרויסן באַראַק, האָבן זיך געהערט קוויטשענדיקע טענער פון האַרמאָניק, באַגלייט פון אַ גרילצנדיק פידעלע און אַ טופּעניש פון פיס, געמישט מיט צעהוליעטע געשרייען פון טענצערס. אַנטעק מיט אַנקאַן זענען אַריין אין אַ געדיכטער לופט, אָנגעפּילט מיט פּאַפּיראָסן־רויך, און אַ פאַרטויבנדיקן רעש פון הונדערטער פאַרלעך. אַנטעקן זענען אַנטקעגן געקומען אַ סך פון זיינע פּוילישע חברים מיט אַ הויך קלינגענדיק „טשאָלעם", געקלאַפּט

אים גוטברודעריש אין דער פּלייצע. מיט קאַוואַלערסקן שטאָלץ האָט אַנטעק זיי פאַרגעשטעלט זיין צעשמייכלטע בלאָנדע פּאַרטנערקע. די שטימונג צום טאַנצן האָט זיך געלאָזט פילן ביי אַלעמען. זייערע פיס האָבן אויף אָן אָרט נישט געקענט איינשטיין. אַנקאַ און אַנטעק האָבן לאַנג זיך נישט געלאָזט בעטן, זענען אַריין אין קאַראַהאָד פון די שוועבנדיקע פּאָרלעך. צעהאַפּקעטע פיס האָבן אין ריטמישן באַוועג געקלאַפּט צום טאַקט פון דער מוזיק. אַ רונד געדריי, ווי אַ קאַרוסעל, האָט מיט כּאַטישער גיכקייט געשווינדלט פאַר די אויגן. הו־האַ־הו־האַ!

אַנקאַ און אַנטעק זענען פון ראָד אַרויס מיט שווייסטראָפּנס אויף די שטערנס. האָבן געפונען אַן אָרט אויף אַ באַנק אָפּצודעכען. דאָ האָבן זיי ווידער אָנגעטראָפן באַקאַנטע וואָס האָבן דערמאָנט אין דער געשיכטע מיט די אַרעסטירטע צוויי ייִדישע מיידלעך, פּונקט אין דער שעה, מיט אַ וואָך צוריק. זיי האָבן געוווסט אַפילו אָנצוווייזן, ווער פון די אַרומשפּאַצירנדיקע קאַוואַלירן האָט איבערגעגעבן די מיידלעך אין דייטשישע הענט. אַנטעק האָט גוט פאַרשטאַנען ווי שפּירעוודיק אַנקאַ איז צו אַזאַ געשפּרעך. האָבן ביידע בכּוונה נייגעריק געפרעגט און איבערגעפרעגט, ווי זיי וואָלטן דאָס ערשטע מאָל געהערט וועגן דעם.

אין לויף פון שמועס האָט אויף דער זעלבער באַנק זיך צוגעזעצט דער באַברילטער קאַוואַליר, וואָס אַלע האָבן שוין געקענט זיינע „פאַר־דינסטן" ביי די דייטשן. כאָטש ער איז געזעסן אָפּגערוקט פון אַנקאַן, האָט אַנטעק דערפילט דעם ציטער, וואָס דער פאַרשוין האָט אין איר אַרויסגערופן. איז ער אויפגעשטאַנען, אַ צי געטאָן אַנקאַן פאַר דער האַנט און ווידער — צום טאַנץ. פּנים צו פּנים האָט ער איר אין אויער אַריינגערעדט מיט אַ שטראָפנדיקן טאָן:

— ווען וועסטו שוין פון זיך אַרויסיאָגן דעם קליינעם שדל?

אַנקאַ האָט פאַרשטאַנען דעם שטעכיקן רמז:

— רעדן מיט מיר — יאָ, נאָר ווען מיר זענען אַליין...

— כ'האָב דיר נאָר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן, אַז ביסט נישט אַליין...

— אַנטוש, איצט טאַנצן מיר...

— גוט, גוט.

גערטאַנצט האָבן זיי דאָס מאָל אַן ענגלישן וואַלס מיט לאַנגע בוי־געוודיקע און שטילע שפּרייזן, נישט ווי די פריערדיקע רעשיק־צע־פלויגענע פּוילישע מאַזורקעס און צעהאַפּקעטע פּאָלקעס. אַנטעק האָט געמיינט, אַז איצט, ווען דער ציטער האָט נאָך אָנגעהאַלטן אין איר, איז פאַר אים אַ פּאַסיקע מינוט אַנקאַן אַריינצוזאָגן... אָבער אַנקאַ איז נישט גרייט געווען אויסצוהערן, און אַנטעק האָט פון דעם געדאַרפט פאַרשטיין, אַז ווען מ׳רעדט טאַנצט מען נישט, און ווען מען טאַנצט, רעדט מען נישט...

בײדע האָבן נאָך נישט באַוויזן רעכט אָפּצואָטעמען, ווי ס׳האָט אָנטקעגן זיי זיך אַוועקגעשטעלט דער קאַוואַליר מיט די טונקעלע ברילן. ער האָט העפלעך געבעטן ביי אַנטעקן דערלויבעניש אַנקאַן איינלאַדן צום טאַנץ. אַנטעק האָט אים גלייך אָפּגעזאָגט מיט אַן אויסרייד, אַז זי איז נאָך אַ קרענק און דאַרף זיך נישט צו פיל אָנשטרענגען. האָט ער געבעטן נאָר עפּעס איבערפרעגן. אַנטעק האָט אַ קוק געגעבן אויף אַנקאַן און דערקענט אין אירע צעשמייכלטע ליפּן, אַז איר אימפּאָנירט דעם קאַוואַלירס פאַרוועלעניש מיט איר צו טאַנצן. דאָס איז פאַר אים געווען אַ צייכן, אַז זי פילט זיך רויק. אָבער אַנטעק האָט געוואָלט בייזיין זייער געשפּרעך. מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט צו אַנקאַן, האָט יענער זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען — יוזשיק, אויך פאַר אַנטעקן זיך פאָרגע־שטעלט, און זיי האָבן אַלע דריי אָנגעהויבן שפּאַצירן צווישן די פאַר־לעך. צו ערשט, ווי לויט אַן אויסגעשריבענעם סדר, האָט יוזשיק אויף אַ העפלעכן אופן געוואָלט וויסן, פון וואַנען אין פּוילן יעדער פון זיי קומט, ביי וואָס פאַר אַן אַרבעט מ׳איז באַשעפטיקט, אין וועלכן לאַגער מ׳געפינט זיך. צי בײדע זענען געקומען קיין דייטשלאַנד פריי־וויליק אָדער מיט צוואַנג פאַרכאַפּט געוואָרן? גערעדט האָט ער שיק־לעכדיק זיינע בליקן אויף בײדע זייטן, ווי ער וואָלט וועמען געזוכט צווישן עולם. בײדע, אַנקאַ און אַנטעק, האָבן געוווּסט מיט וועמען זיי רעדן, האָט יעדערער אויך געוווּסט אָפּצוהיטן די נאָרמע פון זיינע רייד. בלייבנדיק שטיין אויף אַן אָרט האָט יוזשיק געפרעגט:

— קענט איר אפשר יענע, מיט די טונקעלע האָר, וואָס שטייט ביי דער וואַנט אין פּראָפיל און רייכערט אַ פּאַפּיראָס?

— די? — האָבן בײדע צוזאַמען געפרעגט און געוואַרט, וואָס אים אינטערעסירט צו וויסן.

— קען איך אפשר פון אייך באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן איר?

— ביטע — האָט אַנטעק אַנגעשטעלט צו אים אַ דרייסט פּנים.

יוזשיק האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו אַנטעקן:

— איך וועל אייך חבריש דאַנקען פאַר דעם.

— איז וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן וועגן איר? יאָ, איך קען זי פאַר זייער אַ גוטער טענצעריך. כ'האָב שוין מיט איר עטלעכע מאָל געטאַנצט. זי איז אויך איינגענעם אין רעדן. מ'קען זיך מיט איר שיין פאַרווײלן. זי ווייסט מיט וואָס אַ בחור מאַכן נייגעריק, און אַנצי־עוודיק...

— און איר, פּאַננאַ אַנקאַ, וואָס קען איך פון אייך הערן וועגן יענעם מיידל?

— איך — האָט אַנקאַ געכאַפּט אַנטעקס טאָן — קען וועגן איר נאָר שלעכטס דערציילן...

יוזשיק האָט אונטערגעשטעלט אַן אויער:

— יאָ, יאָ, איך בין נייגעריק.

— זי, מיטן פאַרריסן פּנימל, ווי איר זעט זי איצט, זי וויל שטענדיק זיין די אַמפיינסטן פאַרבעטענע צום טאַנצן, די אַממערסטן באַקומענע פּאַוואַדזעניע... זי וואַרפט זיך אַמפיינסטן אין די אויגן פון די יונגלעך, זיי זאָלן צו איר שמייכלען מער ווי צו אַנדערע, ווי זי, און נאָר זי אַליין, וואָלט געוועזן צום טאַנץ. נו, איז דאָס פיין אַזוי?

— גענוג פאַר מיר אייערע אינפאָרמאַציעס — האָט יוזשיק אַריבערגעקוקט איבער די טונקעלע ברילן — איך רעד צו אייך ערנסט און איר שפּאַסט... איר זעט אויס צו גוט געשטימט...

— איך האָב אַ גרונט צו זיין גוט געשטימט, ווען איך געפין זיך מיט מיין בלאָנדינקע אויף אַ זאַבאַווע. שווער צו פאַרשטיין אייער פּאַרדראָס, פּאַניע יוזשיק, ווייל דאָס איז אַלץ וואָס איך ווייס וועגן איר.

און איבעריקנס, וואָס נאָך וויל וועגן אַזאַ שיינקייט וויסן אַזאַ יונגער קאַוואַליר ווי פאַן יוזשיק?

אַנקאַ האָט פאַרווײַלעריש זיך צעלאַכט, און יוזשיק האָט פאַרלוירן דעם ווילן צו זייער געזעלשאַפט. האָט ער אָן אויסרעדן מער אַ וואָרט זיך אַוועקגעשאַרט...

— אַנטוש, ביסט אַ חברה־מאַן! טויגסט זיך אויס, קענסט צעטומלען און צוגלייך פאַרשאַפן אַ גוטע שטימונג...

— אַנקאַ, אַזוי דאַרף מען זיין, ווען מ׳האָט צו טאָן מיט אַזעלכע לייט. איך האָב דאָ מיט איין מאָל געשאָסן צוויי האָזן: דיך געשטאַרקט און אים, דעם הינטעשן זון, אַוועקגעלייגט...

אַנטעק האָט אַנקאַן גענומען אונטערן אָרעם, איר פאַרגעלייגט מאַכן דעם לעצטן טאַנץ, איידער עס ווערט שפּעט פאַר אים צוריקצוגיין אין לאַגער.

אין לעצטן טאַנץ זענען בײדע געווען פריילעך געשטימט. די מאַזורקע האָט זיי בײדע פאַרטראָגן אין אַ צעהאַפּקעטן קרייז, און אַנטעק האָט קוים אויסגעהאַלטן דעם צעיאָגטן טעמפּאָ. אַנקאַן האָט אָנגעהויבן מישן אין קאָפּ, און זי האָט אַנטעקן אין אויער אַריינגעשריגן: „דער קאָפּ! איך פאַל!" האָט אַנטעק זי פאַרקלעמט אין זיינע אָרעמס און גיך זי אַרויסגעטראָגן פון געדראַנג.

זיצנדיק אויף דער באַנק האָט אַנקאַ ערשט רעכט באַנומען, ווי נאָענט זי איז געווען פון פאַרלירן אירע כּוחות.

— אַ דאַנק, אַנטוש — האָט זי צו אים געשמייכלט — וואָס האָסט מיך נישט געלאָזט פאַלן...

— אין מיינע אָרעמס וועסטו שטענדיק זיך גוט פילן.

— האָסט עס באַוויזן — האָט זי אים אַ גלעט געטאָן איבער דער האַנט, וואָס איז געלעגן אויף איר אַקסל.

אַנטעק האָט אָנגעשטעלט דעם וויזפינגער צו די טענצערינס, איר געהייסן זיך איינקוקן אין די מיידלעך מיט די צעשויבערטע קעפּ האָר אין ווילדן געדריי, ווי זיי זענען רירעוודיקער און לעבעדיקער פון די בחורים.

— מיינסט מיט דעם מיין באַפּאַלענע שוואַכקייט?

— איך מיין נישט אַזוי דיך, ווי דאָס קליינע „שדל" וואָס דו דאַרפסט עס פון זיך אַרויסיאָגן...

אַנקאַ האָט זיך אַ שטעל געטאָן און געזאָגט, אַז זי וויל שוין גיין. פון אירע איינגעצויגענע ליפּן האָט ער דערפילט, אַז זיינע רייד האָבן אָנגערירט אירן אַ „שוואַכן פונקט". צוריקצי:ען זיך האָט ער נישט געקענט.

אין דרויסן האָבן זיך שוין אָנגעזען די שפּעטע טאָג־שעהען. די זון איז געווען טיף אַראָפּגעלאָזט צו דער מערב־זייט. אַ שטילקייט האָט געהויערט איבער דעם אַרום. אַנקאָן איז נישט אָנגעגאַנגען דער דרויסן. אַליין מיט אַנטעקן, האָט זי אים געפרעגט:

— איך הער שוין פון דיר דאָס צווייטע מאָל דאָס וואָרט „שדל". וואָס אייגנטלעך מיינסטו מיט דעם?

האָט ער פּראָסט און פּשוט געענטפערט:

— אַנקאַ, איך וויל זאָלסט זיך וואָס גיכער אָפּטרייסלען פון אַלע נאָך פאַרבליבענע אין דיר „יידשע רעשטלעך". דאָס שטערט מיר, און דער עיקר — דיר זיך צו פילן זיכער און פריי. איך רוף עס אַן „דיאַבעלעק" — שדל...

פון אַנקאָן האָבן ספּאָנטאַן זיך אַ ריס געטאָן רייד, וואָס זי האָט פאַר קיינעם ביז איצט נישט אַרויסגעבראַכט:

— אַנטוש, קאָכאַני, דו ביסט דאָך נישט ווי די אַנדערע דאָרפישע יי:נגלעך, וואָס פאַרשטייען בעסער זייער לעבעדיקן אינווענטאַר ווי אַ לעבעדיקן מענטש. האָסט געלערנט, געלעבט אין שטאָט, ווילסט מיך פאַרשטיין, אָבער פאַרשטיי מיך אַזוי ווי איך בין נאָך, און נישט ווי דו ווילסט שוין, אויף אַ מאָל, איך זאָל ווערן. איך בין יונג אין יאָרן, נאָר מיינע איבערלעבונגען האָבן מיך אַ סך עלטער געמאַכט אין פאַרשטאַנד. איך קען זיך גיך פאַרענדערן מיט מיין אויסערלעכן אויסזען, אָבער אַ נשמה קען מען נישט מאַסקירן ווי דאָס פּנים. פאַרשטיי, איך בין אַנדערש דערצויגן ווי דו, אויסגעוואַקסן אין אַן אַנדערער סביבה, געלעבט אַנדערש. איצט איז מיין לעבן אין גאַנצן

אַנדערש. דעריבער פאַרלאַנג איך פון זיך אַ סך און דאָס קומט מיר אָן נישט אַזוי לייכט ווי דו שטעלסט זיך פאָר. אַוודאי איז מיר לייכטער זיך אַריינצופּאַסן אין נייעם לעבן, ווען דו ביסט מיט מיר. ביסט אָן אַנשפּאַר וואָס לאָזט מיך נישט פאַלן, ווי איצט ביים טאַנץ. שטעל דיר פאָר מיינע נעכט: אַלע אַרום מיר זענען פאַרזונקען אין שלאָף, געניסן פון נאַכטיקער רו, שטייען אויף מיט אויסגערוטע ביינער. איך לעב שווער איבער די נעכט ווען עס באַפאַלן מיך בייזע חלומות. זיי פּילן מיך אָן מיט שרעק. כ׳האָב מורא: אפשר האָב איך אין חלום עפּעס אַרויסגערעדט... די פּראָסטע מיידלעך האָבן דערהערט... דאָס וואָלט געווען מיין סוף. נאָך אַזאַ שלאָף דערמאָן איך זיך אין דיר און ס׳ווערט מיר גרינגער אויפן האַרץ...

אַנטעק האָט בעתן שפּאַציר געקוקט אַנקאַן אין פּנים אַריין און אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט צו איר יעדן וואָרט. האָט ער איר געענטפערט:

— האָסט צו מיר גערעדט, און איך הער עס פון דיר דאָס ערשטע מאָל. כ׳פאַרשטיי דיך איצט בעסער. די מלחמה האָט אונדז אַלע צעטומלט. אין דער היים וועלן מיר צוריק ווערן נאָרמאַלע מענטשן. איצט וועלן מיר זיך אָפּטער זען און דאָס וועט דיך באַרויִקן און שטאַרקן.

אַרומגענומענע, מיט אַנטעקס צופּייפן צום ריטעם פון זייער גאַנג, האָבן ביידע פאַרענדיקט דעם שפּאַציר. אַנטעק האָט איינגעקלאַמערט אַנקאַן אין זיינע אָרעמס, ליידנשאַפטלעך געדריקט זי צו זיך. נאָך דעם לעצטן געזעגענונג־קוש איז יעדער איינער אַוועק צו זיין באַראַק. ער האָט פון דער ווייטנס געשיקט עטלעכע לופטקושן, און אַנקאַ האָט אים געענטפערט מיט אַ צעפלאַכעט טיכל.

נאָכן לאַנגן שפּאַציר איז איר אין די אויערן שטעקן געבליבן דאָס וואָרט „היים", מיט וואָס אַנטעק האָט זי געטרייסט און געמיינט צו באַרויִקן. אוי, ווען ער ווייסט וויפל אומרו דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אין איר אַרויסגערופן, און וויפל צעוויטיקטע מחשבות, וואָס נאָך דער רעש פון די מיידן אין באַראַק האָט זיי געקענט דערשטיקן...

*

זינט אַנקאַ איז אָנגעקומען אין לאַגער, איז איר שלאָף געווען ווי ביי אַ האָז אין פעלד — דער מינדסטער שאָרך, דער פלי פון אַ פויגל, אַ סקריפּ פון אַ וואָגן האָבן איבערגעריסן איר שלאָף. איצט פלעגט אין אַזאַ פאַל אַנטעקס געשטאַלט אויפקומען אין איר דמיון. ער איז געוואָרן איר שוץ אויך אין חלום.

די נעכט זענען פאַר אַנקאַן געווען פּיינלעכע. יעדן מאָל ווען נאָך דער שלאָף איז זי שווער באַפאַלן, ווי דער קאָפּ וואָלט געווען צוגעבונדן צום שטרויענעם קישעלע, האָבן די צוואָיעטע אַלאַרעם־סירענעס אָנגעיאָגט אַ פּינצטערע שרעק אויף איר פאַרשלאָפן פּנים. ס׳קומט אַ צעטראָגן לויפעניש אין שוצקעלער אַריין. און אַזוי עטלעכע מאָל נאָך דער ריי. זענען די נעכט געווען לאַנגע און שלאָפלאָזע.

צו דער אַרבעט פלעגט אַנקאַ קומען מיט צעבראָכענע אָברים. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים לאַנגן טיש, אין דער זייט פון די זשומענדיקע מאַשינען, ביים סאָרטירן די בערג שרויפן. זי איז געזעסן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, כדי בעסער צו דערזען די שרייפלעך וואָס האָבן אַ בראַק. אַנקאַס אָנגעבויגענער קאָפּ איז פול געווען מיט שלאָף און מיט טראַכטענישן: אַזוי איז דער טאַטע אירער געזעסן אין די פרימאָרגנס איבער אַ ספר. מיט דער שניידער־נאָדל איבער אַ בגד און ביי דער ניימאַשין. אויך די געפאַנגענע ייִדן אין געטאָ, פאַרן ווערן אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין טרעבלינקע, זענען אַזוי געזעסן מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ. און איצט — איר געבויגענער קאָפּ ביי דער שקלאַפן־אַרבעט... זי האָט נישט געפילט ווי אירע אויגן שליסן זיך און דער קאָפּ בייגט זיך נאָך טיפער צום טיש...

יאַנינאַ, איר אַרבעט־חברטע, האָט אַ קוק געטאָן אין אַנקאַס זייט, אַ כאַפּ געטאָן אַנקאַס פאַרוואָרפענעם קאָפּ וואָס האָט אויסגעזען ווי אַוועקגעפאַלן אין חלשות. דערפילט דעם האַסטיקן באַריר פון יאַנינאַס הענט, האָט אַנקאַ צעעפנט די אויגן, אַרויסגעמורמלט עטלעכע פאַר־שלאָפענע ווערטער. מיט שרעק האָט זי זיך דערמאָנט ווו זי געפינט זיך. יאַנינאַ האָט אַנקאַן אין אויער אַריינגעשעפּטשעט:

— האָסט געהאַט מזל וואָס ווילי איז פּונקט פון דעם אָרט אַוועק־געגאַנגען...

אַנקאַ האָט זיך אַנגעשטרענגט צו דעריאָגן די נאָרמע. די אינער־לעכע פרייד פון אויסגעמיטענעם דורכפאַל האָט ווי געשטאַרקט אירע הענט. איז עס ווילין, דעם דייטשישן אַרבעט־אויפזעער הינטער אַנקאָס רוקן, שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט איר צוגעוואָרפן אַן אויסגעדראָשן לויבוואָרט.

נאָך דער אַרבעט האָט אַנקאַ שוין געהאַט פאַרגעסן, וואָס מיט איר איז געשען. האָט איר יאַנינאַ דערמאָנט:

— וואָסערע ווערטער האָסטו געבעבעט, ווען איך האָב דיין קאָפּ אויסגעגליכן?

איבער אַנקאָס לייב איז אַריבער אַ קעלט. זי האָט שטום געהויבן די אַקסלען, פאַרקוועטשט די ליפן, יאַנינאַ זאָל פאַרשטיין, אַז זי ווייסט נישט אין וואָס איר גייט. אָבער יאַנינאַ איז געווען פאַרעקשנט, איז נישט אָפּגעטראָטן:

— פון קיין שום פּויליש מיידל האָב איך נישט געהערט אַזעלכע משונהדיקע ווערטער...

— גלייב מיר, יאַנינאַ, איך ווייס נישט וואָס דו מיינסט. לאָז מיר אין דעם פאַרגעסן, עס שאַפט מיר נערוון. ווייסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ נאַכט מיר האָבן נעכטן געהאַט. איך וואָלט נישט קוקנדיק אויפן גאַנצן טומל, געבליבן ליגן איבערגעדעקט אונטערן קאָץ. זענען אָבער די וואַכלייט אַרומגעלאָפן מיט די לעמפּעלעך און אויסגעטאַפּט יעדעס בעט. ווונדערסטו זיך, וואָס מיין קאָפּ איז געפאַלן אין שלאָף און כ׳האָב געבאַלעבעטשעט מאָדנע רייד?

אָבער יאַנינאַ איז געבליבן פאַרעקשנט:

— די אַלאַרעם־סירענעס הער איך פּונקט ווי דו, אַנקאַ. אויך אין אונדזער לאַגער יאָגן די וואַכלייט אין קעלער אַריין. מיך אינטע־רעסירט צו וויסן, פון וואַנען קומען אין מויל פון אַ קאַטויליש מיידל אַזעלכע ווערטער ווי „אוי־וויי״, וואָס איך פלעג הערן נאָר פון די זשידעס, ווען אונדזערע יינגלעך פלעגן זיי איבערשרעקן, אָדער צע־

וואַרפֿן זייערע סטראַגאַנעס אויפֿן מאַרק. האָסטו אפשר געוווינט אין דער נאָענט מיט ייִדן? געהאַט ייִדישע קאָלעזשאַנקעס? סתּם קומען נישט צו אַ פּויליש מיידל אַזעלכע חלומות מיט אַזעלכע רייד...

קעגן יאַנינאַן איז איצט אַנקאַ אַרויס מיט אַן אַנדער לשון:

— האָסט נאָך קיין מאָל נישט געהערט אַרויסרעדן אין שווערע מינוטן דאָס וואָרט „אַ־יעי״? אַזוי גוט איז דיר שטענדיק אויפֿן האַרץ? פֿילסט נישט, אַז ביסט אַ פּאַריאַגטע פֿון דיין היים? פֿעלן דיר נישט דיינע נאָענטע קרובֿים? דיין ערד? דיין שטוב? דיין בעט? אויף מיינע איבערגעשראָקענע פּאָר אויסרופֿן וווּנדערסטו זיך? אויף דיין אָפּגעשטאָנענעם שׂכל איז זיך נישט צו וווּנדערן? צום טייוול, ווי די מלחמה האָט אונדז צעטרייסלט!

יאַנינאַ האָט נישט געוווּסט, מיט וואָס זיך צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן שלעכט פֿאַרשטיין אַנקאַס פֿאַרשלאָפֿענע רייד. זי האָט תּמעוואַטע זיך אומגעקוקט צו דער פֿאַרגייענדיקער זון:

— זע, אַנקאַ, ווי מיר האָבן ווי אַלטע באַבעס זיך צערעדט און ס'איז שוין שפּעט...

אַנקאַ איז געווען צופֿרידן, וואָס זי האָט צום נאָר אויסגעשטעלט די איבערגעשפּיצטע מויד. ווידער האָט זי געלערנט, אַז נאָר מיט מוטיקער האַלטונג וועט זי קענען זיך דורכשלאָגן...

אַז אַנטעק גרייט זיך איבערגיין אויף אַ צווייטן אַרבעטפּלאַץ, האָט זי געוווּסט. ווען, וועלכן טאָג — אויף דעם האָט זי געוואָרט. איז פֿאַר איר געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווען זי האָט אומגעריכט דערזען אַנטעקן אַריינקומען אין באַראַק, אַן אויפֿגעלעבטער, מאַנירלעך אַוועק־געלייגט אויף אַנקאַס בעט אַ טייל פֿון שפּייזפּעקל, וואָס ער האָט באַקומען פֿון זיין היים אין דאָרף. סיי זי, אַנקאַ, און סיי די מיידלעך אין באַראַק האָבן אים נאָך נישט געזען אַזאַ געשטימטן. דערצו נאָך — נישט אין קיין פֿרייען זונטיק, נאָר אין אַ געוויינטלעכן טאָג פֿון וואָך, ווען אַלע דרייען זיך אַרום מידע, אויסגעשעפּטע, און גאַרן נאָך אַ שעה רו.

אַנטעקס גוטע שטימונג איז נישט געווען קיין געמאַכטע, ווי

יינגלעך זענען צו דעם פּעזיק. אין פּעקל שפּייז האָט ער געפונען, איינגעגראָבן אין ברויט, אַן אומלעגאַל בלעטל פון דער פוילישער אונטערערד. נאָכן איבערלייענען האָט ער דערפילט, אַז די באַפרייונג איז גאָר נאָענט, דערנענטערט זיך צו פוילן פון ביידע עקן וועלט — פון מערב און מיזרח. הערנדיק עס, איז אויך אַנקאַ אַנגעשטעקט געוואָרן מיטן ענטוזיאַזם, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון אַנטעקס צע־שטראַלטע אויגן. אויך אין די באַראַקן האָט מען געוווּסט פון דער היטלעריסטישער צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך, אַז דער פּאַר־ריסענער טאָן פון די דייטשן איז שטאַרק געפאַלן. האָבן אַלע שוין געהאָפט אויף דעם גיכן סוף פונעם פּיין. אָבער קיינער פון די לאַגער־מענטשן האָט נישט געקענט אַזוי דאָס פילן, ווי אַנטעק נאָכן איבער־לייענען דאָס געהיימע בלעטל, פול מיט אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און וועגן די קאַמפּאַפּשניטן פון וועלכע די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן.

אַנטעק האָט אַנגעזאָגט אַנקאַן, זי זאָל די אַלע געהיימע פּרטים נישט צעטראָגן איבערן לאַגער און זיך אויסהיטן פאַר פאַרדעכטיקע פאַרשווינגען. אַנטעק האָט אויך דערציילט פון זיין נייעם אַרבעטפּלאַץ, ווו ער האָט באַגעגנט באַקאַנטע יינגלעך. אויך אין באַראַק האָט ער אַנגעטראָפן ווילע כלאַפּאַקעס. און דער עיקר, איבער אַלץ איז פאַר אים דער פופצן־מינוטיקער קורצער וועג צו איר, צו זיין אַנקאַ... זענען אויך אַנקאַס נאָענטע חברטעס אין באַראַק אַריינגעצויגן געוואָרן אין ביידנס געהויבענער שטימונג. אַנטעק האָט זיי קאָוואַלעריש מכבד געווען מיט שטיקלעך ווורשט אויף פּענעצן דאַרפיש קאָרנברויט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פאַר אַנקאַן. זיין וויזיט האָט געמוזט זיין אַ קורצער. די נאַכט־שעהען האָבן זיך דערנענטערט. איז אַנקאַ מיט אים אַרויס. ס'איז נאָך געווען צייט אַריינצושפּאַצירן אין זיין באַראַק, און ער זאָל פאַר זיינע יינגלעך פאַרשטעלן זי, און אויך באַראַטן האָבן זיי זיך, וועלכע פריטשע־בעט, לויט איר מיינונג, וועט פאַר אים באַקוועמער זיין.

אַ צווייט מאָל איז אַנקאַ מיט אים געקומען פאַרברענגען צווישן

זיינע נייע חברים. דאָרטן האָט ער אויסגעפונען צייט צו מאָלן פּאַר איר זייער בײדנס צוקונפט אין זיין דאָרפישער היים אין פּוילן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַנקאַ איז נישט קיין פּאַסיקער טיפּ פאַר אַ דאָרפיש לעבן, און ער וואָלט מיט זיין שלאָסערפאַך אפשר געקענט זיך איינאָרדענען אין דער גרויסער שטאָט, צו וואָס אַנקאַ איז מער צוגעפּאַסט. אָבער וואָס וועט זיין מיט די ערד־שטחים, וואָס זיין אַלטער קראַנקער פאָטער באַאַרבעט צוזאַמען מיט זיינע שוועסטער? ער איז דאָך דער איינציקער זון וואָס דאַרף איבערנעמען זייערווירטשאַפט...

אַנקאַ האָט נישט געוואָלט אים צעשטערן זיינע פאַנטאַזיעס וועגן זייער צוקונפט. פאַר איר איז עס נאָך דערווײַלע אַ ווייטער חלום, מיט אַ סך שטערונגען און טויט־סכּנות...

אַנטעקס דערנענטערן זיך אין שטח האָט ביידן דערפירט צו אינטימערער נאָענטקייט. אַנקאַ איז ווי געפאַנגען געוואָרן אין אַ נעץ, פון וועלכער זי האָט נישט געקענט זיך באַפרייען. זי האָט גוט פאַרשטאַנען אַנטעקס איינלאַדונגען און די פאַרצויגענע וויזיטן, כּדי זי זאָל שוין נישט קענען צוריקגיין נעכטיקן אין איר באַראַק. אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט אַ סך מיידלעך און דורך דעם פאַרלייכטערט זייער לאַגער־לעבן. האָט אויך אַנקאַ זיך באַפרייט פון פאָראורטיילן און איינזאַמע נעכט... ס'האָט אויך קיינער נישט געמאָנט קיין אויפקלע־רונג, פאַר וואָס איר בעט בלייבט אַזוי אָפט ליידיק, און זי האָט אויך פאַר קיינעם נישט געדאַרפט זיך אויספיינען מיט מיידלשער צניעות. זי האָט אין גאַנצן געהערט צו זיך און זייער אָפט צו אַנטעקן, וואָס האָט אין דעם געזען זיין מענלעכע שליטה. זי איז געוואָרן אַ פולע שותּפטע צו זיינע פּעטע שפּייזפּאַקעטן, צו זיין מונטערער שטימונג, צו זיין סביבה און צו זיין בעט.

אַז די טעג און נעכט מיט אַנטעקן זענען אַריין אין אַנקאַס רוטין, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַזוי וועט די צייט נאָך לאַנג זיך ציִען. אָבער די קריגס־געשעענישן האָבן זיך אַ שטאַרקן רוק געטאָן. דער פראָנט פון מערב האָט זיך דערנענטערט. די דייטשישע ערד האָט זיך געטרייסלט פון די אָנפליִענדיקע עסקאַדרעס. די פינצטערע נעכט

זענען באַלויכטן געוואָרן פון ברענענדיקע הייזער. דאָס דייטשישע פֿאָלק האָט אויף זיין הויט אָנגעהויבן פילן די פאַרדינטע שטראָף... די קנעכט — די זין און טעכטער פון פאַרשקלאַפטע פעלקער — האָבן אויסגעגלייכט זייערע רוקנס, אויפגעהויבן די קעפּ זייענדיק זיכער אין אָנקום פון דער ישועה. אין אַ זוניקן טאָג פון אָנהייב מײַ האָבן איבער די דייטשישע הייזער געפלאַטערט ווייסע קאַפּיטולאַציע־פענער. אַנקאַ און אַנטעק האָבן דערפילט די פרייהייט.

אַנטעק האָט געפּלאַנט וואָס גיכער אַרויסצובאַקומען זיך פון דייטשלאַנד. זענען אָבער אַלע וועגן דערוויילע געווען צעשטערט.

אויף אַנקאַ האָט נישט געזען קיין אויסוועג. ווי זי זאָל גאַנץ מאַכן איר לעבן און איר נשמה. דאָס פּנים האָט געדאַרפט צו אַנטעקן שמייכלען. אין דער זעלבער צייט האָבן איר נשמה געדריקט בייזע זאָרגן — דער אויפגעלאָפענער בויך אונטער איר צעשראָקן האַרץ... וואָס וועט זיין מיט איר און מיטן קינד? ווי אַזוי וועט אַנטעק וועלן געשטאַלטיקן זייער לעבן? ווי אַזוי וועט זי ווידער קענען לעבן אין לאַנד וואָס האָט איר שטאָם פאַרשניטן?

אַנטעק האָט נישט גערוט, איז אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג, אָנגע־קלאַפּט אין אַ סך טירן און מ'האָט אים געשיקט פון אָרט צו אָרט. אין זכות פון אַנקאַס מצב, וואָס לויט זיינע רייד, האָט זי געוואָלט איר קינד געבוירן אויף דער פּוילישער ערד, האָט מען אים אומעטום אויסגעהערט. אַן אַמעריקאַנער דאָקטער, פון פּוילישער אַפּשטאַמונג, האָט זיך איבערגענומען מיט אַנטעקס דערציילונג און איינגעשטימט זיי ברענגען צו דער פּוילישער גרענעץ אין זיין מיליטעריש קעטשל מיטן צייכן פון „רויטן קרייץ".

אַנטעק איז געלאָפן אָנזאָגן אַנקאַן די פריידיקע בשורה. מאָרגן אין דער פרי זאָל זי גרייט זיין אין וועג אַריין. נאָר אין באַראַק האָט אויף אים געוואַרט אַן אַנדערע בשורה: אַנקאַ ליגט אין שפּיטאָל. זי האָט באַקומען געבורטווייען.

אין שפּיטאָל איז אַנטעק אָנגעקומען אַ צעטראָגענער. געדרייט זיך איבער דעם לאַנגן קאָרידאָר, געזוכט מיט די אויגן, פולע מיט

שפּאַנונג. פּלוצעם האָט ער דערהערט אויסרופן זיין נאָמען. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר גיכע טריט צו אַ פּרוי אין ווײַסן מיט אַ „רויטן קרייץ" אויף איר היטעלע. זי האָט אים גראַטולירט צום געבורט. אַנטעק האָט אָנגעקוקט דאָס ווײַסע געשטאַלט מיט אַ נייגער און צעטומלט פּנים. ער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען וואָס די „שוועסטער" האָט מיט אַ גיכן זאָג אים מודיע געווען. האָט זי אים געוויזן אַ צעוויגטע האַנט: בייבי־בייבי... די „שוועסטער" האָט אים געגעבן אַ צייכן און מיטגענומען מיט זיך.

מיט שטילע טריט איז אַנטעק נאָכגעגאַנגען די „שוועסטער", אַריין אין אַ צימער וווּ אַלץ איז געווען ווייס, ווייס. זיינע מיט שפּאַנונג אָנגעשטעלטע אויגן האָבן גלייך אויפגעכאַפּט אַנקאָס אויפגעהויבענע האַנט. איר רויטלעך פּנים וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגיין אין אַ בלאַסקייט, האָט צו אים געשמייכלט. אירע אויגן האָבן אים אָנגעוויזן אויף דעם רויטן פּנימל וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אַ לענגלעך ווייס פּעקל ביי איר זייט. מיט פאַרכטיקע בליקן אויפן פּנימל האָט אַנטעק אין דער לופט מיט דער האַנט געצייכנט אַ קרייץ. ער האָט אַנקאָס האַנט געגלעט, געפרעגט ווי זי פילט זיך. די „שוועסטער" האָט זיי געלאָזן אַליין. אויף אַ מאָמענט האָט אַנקאַ געעפנט די אויגן, אים פאַר דער האַנט אַ צי געטאָן צו זיך, געקושט אים אין פּנים, שטיל אַרויסגעמורמלט:

— ענלעך צו דיר... האָר ווי דיינע, וועט ער פּונקט זיין ווי דו...

אַנטעקס פּנים האָט געשטראַלט:

— איך וואָלט אַזוינס זיך געווונטשן...

אַנטעק האָט זי אויסגעפרעגט וועגן דער באַציִונג צו איר, אויב ס'געפינען זיך אין צימער נאָך וועמען פון פּוילן און ווי אַזוי זי פאַרשטענדיקט זיך דאָ מיט אַלעמען. אויף אַלץ האָט אַנקאַ געענטפערט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים און מיט שטומע זשעסטן. אַנטעק האָט געוואָלט נאָך מיט איר שמועסן, געדאַט איר אַ סך איבערצוגעבן, און געמוזט עס אָפּלייגן אויף אַ פּאַסיקערער צייט. די „שוועסטער" איז אָנגעקומען און געמאָלדן, אַז די צייט פון באַזוך איז פאַרענדיקט.

אַנקאַ האָט מיט די אויגן אַרויסבאַגלייט אַנטעקן ביז צו דער טיר. דערנאָך איר בליק איבערגעפירט צום קינד. אין איר דמיון האָט זי געזען אַנטעקס אָנגעצייכנטן קרייץ איבער איר מיטן קינד...

אין באַראַק האָט אַנטעק געפונען אַלע זיינע חברים זיצן אויף פּאַרפּאַקטע פּעקלעך, געוואַרט מ׳זאָל זיי קומען נעמען צו אַ זאַמלפּונקט פאַר פּוילישע פּליטים צום איבערשיקן זיי אויף דער פּוילישער זייט. אַנטעק האָט נישט געוווסט ווו זיך אַהינטאָן: בלייבן אַליין אין לאַגער האָט ער נישט געקענט. מיטפאָרן מיט זיי, איז ער געבונדן מיט אַנקאַן און מיטן קינד. האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם אַמעריקאַנער מיליטערישן דאָקטער. בלויז ער, האָט אַנטעק געטראַכט, וועט אים קענען העלפן. איז ער גלייך אַוועק זיך צו דערשלאָגן צו אים. ווידער האָט ער דאָס האַרץ אויסגערעדט פאַר דעם מיליטער־מאַן, וואָס האָט דעם פּוילישן פּליט מיטגעפילט. פאַרשטאַנען זיין לשון, צו וועלכן ער, דער אַמעריקאַנער אָפיציר, האָט פון זיינע פּוילישע עלטערן געירשנט אַ שטאַרקן סענטימענט. אפשר טאַקע צוליב דעם האָט ער אַנטעקן צוגעזאָגט הילף, ווען אַנקאַ מיטן קינד וועלן באַפרייט ווערן פון שפּיטאָל.

ביים צווייטן באַזוך אין שפּיטאָל האָט אַנטעק וועגן דעם דערציילט אַנקאַן. מיט דער גוטער געלעגנהייט זיך אַרויסצובאַקומען פון קלעם האָט ער געוואָלט דערפרייען אַנקאַן. אָבער זי האָט זיינע רייד אויפגענומען איינגעהאַלטן, מיט פאַרפרעסטע ליפּן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַנטעק איז נישט מסוגל געווען צו פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אין אַנקאַס מוח און אין איר האַרץ. זי האָט דאָך שוין געזען דעם טאָג פון צוריקפאָרן קיין פּוילן...

און דער טאָג איז געווען אַ זומערדיק צעשיינטער. אַנטעק, אַ פאַרפּוצטן מיט אַ פריילעך געמיט ווי צום טאַנץ, און אַנקאַן מיטן קינד אויף די הענט האָט אַ קעטשל פון „רויטן קרייץ" מיט אַ שווינדלענדיקער גיכקייט איבער די פון נאָך דער מלחמה פאַרלאַטעטע אַספאַלט־וועגן געפירט אין דער ריכטונג צו דער פּוילישער גרענעץ. אַנטעק האָט אונטערגעברומט פּוילישע מאַרשן, פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אַ בליק אויף זיין, אין ווייסן אַרומגעטוליעטן זונעלע, מיט אַ שפּיציק

בעזעלע אויפן רויטן פּנימל, וואָס האָט זיך ריטמיש געוויגט אין אַנקאָס הענט צום טאַקט פון אויטאָ־געלויף. אַנקאַן איז שווער געווען דאָס זיצן, האָט איר אַנטעק געהאָלפן זיך לייגן אויפן פעלדבעטל און ער האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט, געוויגט עס צום טאַקט פון פּאַטריאָטישע לידלעך, וואָס ער האָט קיין איינס נישט דערזונגען ביזן סוף און געשפּרונגען פון ליד צו ליד...

מיטן פּנים צו זיי ביידן, איז אַנקאַ געלעגן, אַן איינגעשלאָסענע אין זיך, מיט אַ שווער געמיט. ביי יעדער טרייסל פון קעטשל איבער די נישט גלייכע וועגן האָט איר פּנים זיך פאַרקרימט אין ווייטיק, איר האַרץ איז ווי געווען אין אַ געיעג מיטן קעטשל, וואָס האָט געשניטן און פאַרקירצט דעם וועג ביזן אָפּשטעל ביי דער גרענעץ. אַנקאָס האַרץ איז נאָך ווייטער געלאָפן...

אַנטעק האָט גיך אָפּגעפאַרטיקט די פאָרמאַליטעטן אויף די ביידע זייטן גרענעץ — די דייטשישע, און דערנאָך די פּוילישע, ווו די גרענעץ־היטער האָבן זיך פריילעך אונטערגעהאַלטן:

— איר פירט קיין פּוילן אַ געבוירענעם אין דייטשלאַנד אָן דאָקומענטן?

אַנטעק איז נישט געבליבן שולדיק:

— באַלד, באַלד, נאָך אַ פּאָר טעג און דער קשאָנדז וועט אים מאַכן פאַר אַ קאַטאָליק און איך, דער טאַטע, וועל אים מאַכן פאַר אַ פּוילישן פּאַטריאָט.

— און די מאַטקאַ? — האָט אַ גרענעץ־וואַכמאַן פאַרווײלעריש געפרעגט, קוקנדיק אויף אַנקאָס שיינעם בלאָנדן קאָפּ האָר.

— ביי אַ פרוי — האָט זי אָפּגעענטפערט — איז דער מאַן, דער אויטשעך, דער גאַנצער דעה־זאָגער, און אויף אַנטעקן קען מען זיך פאַרלאָזן...

נאָך דעם קורצן אויפהאַלט ביי דער פּוילישער גרענעצוואַך, ווו ביידע האָבן זיך דערכאַפּט די הערצער מיט אַ כּוסה און מיט אַ געשמאַקן ביסן, איז דער וועג פאַר זיי געווען אָפן, פריי ביז צו זייער אַריינקום אין אַ דאָרפישער כאַטע...

*

אין דאָרף זענען די ערשטע צוויי טעג אַריבער מיטן אַרויסלאָזן פון קאָפּ דעם טשאַד פון דער רייזע, פון דריי יאָר לאַגער־לעבן, קאָ־טאָרגע אין דער פרעמד. אַנטעקס צוריקקומען מיט אַ ווייב און קינד האָט צוגעצויגן אַ סך נייגעריקע שכנים. זיי האָבן געוואָלט אָנקוקן זיין אויסקלייב, און פון דער פרעמד גאָר, נישט פון אייגענעם דאָרף ווו אַ סך מיידלעך האָבן פאַר אים זיך געסטרויעט. אָנקוקנדיק אַנקאָס פּנים האָבן זיי נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן און געווונטשן, אַז גאָטס ברכות זאָלן זיי באַגלייטן אין פעלד, אין דער שטוב־ווירטשאַפט, ביים האָדעווען קינדער.

אַנקאַ איז גיך פאַרהיימישט געוואָרן מיט אַנטעקס משפּחה. אַלע האָבן מיט קרובישער האַרציקייט אַרומגערינגלט דעם באַזונדערן חדר אין דער כאַלופּע, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ צייטווייליק ווינאָרט, ביזן אויפשטעלן אַ ניי הײַזל פאַר אַנטעקן, דעם טאָנגעבער איבער דעם אַלטן טאַטנס פאַרמעגן.

אוי, ווען ס׳קען אַזוי וואָס לענגער אָנהאַלטן די דאָזיקע אידיליש־שטילע דאָרפישע זאָרגלאָזיקייט, וואָלט זי, אַנקאַ, זיך געלאָזט אַריינ־וועבן אין דאָזיקן לעבן — צווישן די הילצערנע געקאַלכטע ווענט אונטערן שטרויענעם דאַך. זי וואָלט מער כּוח געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיטן קראַנק געוואָרענעם קינד, מיט איר צעריסענער נשמה, מיט זיך אין גאַנצן, וואָס ווערט געפּרוווט זיך איינגלידערן אין אַזאַ, פאַר איר, פרעמדער סביבה. אָבער אַנטעקס אימפּולסיווע נאַטור האָט אָנגעהויבן זיך אַנטפּלעקן און צערודערן די אידיליע. באַלד אין די ערשטע טעג האָט ער געוואָלט איינשטעלן זיין צוזאַמענלעבן מיט אַנקאַן לויט אַ שטרענגן סדר, ווי ביי זיינע טאָג־טעגלעכע אַרבעטן.

דאָס ערשטע וואָס דאַרף געטאָן ווערן: טויפן דאָס יינגל, ער זאָל אָנהייבן לעבן מיט זיין נאָמען און מיט דעם גייסט פון קאַטוילישן גלויבן. דאָס צווייטע, נישט ווייניקער וויכטיק, אויך אַנקאַן אַרונטער־נעמען אונטערן שוץ פון דער קאַטוילישער קירך, זי זאָל געבענטשט ווערן מיט די טראָפּנס פונעם הייליקן וואַסער. זי דאַרף אָנהייבן טראָגן

דעם קרייץ פון יעזוס, נישט קיין מאַסקע, ווי ביז איצט, נאָר ווי אַן אמת קאַטוילישע. און דאָס מוז געטאָן ווערן דורך דעם הייליקן פּאַטער מיט גרויס פייערלעכקייט, ביי די קלאַנגען פון די קלויסטערגלאָקן. און זאָל דאָס גאַנצע לאַנד וויסן, אַז אַנטעק פּאַלובטשיק, פון דעם און דעם דאָרף, פון דער און דער פּאַראַפיע, האָט דערפירט אַ פּאַרבלאָנדזשעטע „דושע" אונטערן שוץ פון דער הייליקער מוטער, און פאַרענדיקן מיט אַ פריילעכן „שלוב" (חתונה). די קלויסטערגלאָקן זאָלן דאָס גאַנצע דאָרף צונויפרופן, אַלע זאָלן שיכּורן און הוליען ביז טאָג...

✶

ס'איז געווען אַ זונטיק. די קלויסטערגלאָקן האָבן גערופן די דאָרף־איינוווינערס צו די מאָרגן־תּפילות. אין די זונטיקדיקע מלבושים זענען זיי געגאַנגען מיט די געבעט־ביכלעך אין די הענט, באַהאָנגענע מיט קרעלנצלעך קרעלן. אַלץ אַרום האָט גערוט אין שויס פון דער דאָרפישער שטילקייט. אויפן בוידעם איבערן חדר, ווו אַנטעק און אַנקאָ זענען געזעסן פאַרטאָן אין אַ שמועס האָט אַ הון זיך צעקוואָקעט נאָכן לייגן אַן איי.

זייער שמועס האָט זיך געדרייט אַרום די ענינים, מיט וועלכע אַנטעק האָט געוואָלט זיך פאַרנעמען. דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן, און אַנקאָ האָט נישט איינגעשטימט דעם קליינטשיקן טויפן אין אַט דעם צושטאַנד, כאָטש זי שטעלט זיך נישט אַנטקעגן דעם טויפן. אָבער וועגן איר שמד איז זי איבערראַשט וואָס אַנטעק איז אַזוי צודרינגלעך, האָט עס באַשטימט, איידער ער האָט אויסגעהערט איר מיינונג.

אַנטעק אָבער האָט געגלייבט, אַז דעם קינדס כּסדרדיק הוסטן און דאָס נישט שלאָפן ביי נאַכט איז דערפאַר, וואָס ער איז נאָך נישט געטויפט. און וועגן איר איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן האָט ער פון איר געהערט רייד, ווי עס וואָלט צו אים גערעדט אַ צווייטע, נישט די אַנקאָ וואָס ער האָט ביז איצט געקענט.

— זאָג מיר, אַנקאָ, — איז אַנטעק געוואָרן אָנגעשפּיצט — וואָס

איז די אמתע סיבה פון דיין ווערן אַנדערש... מיין איך דען עפּעס שלעכטס פאַר דיר? ווילסטו זיין אַנדערש ווי מיר זענען? שטעלסטו זיך אַנדערש פאַר אונדזער לעבן? איך האָב דיר דיין לעבן געראַ־טעוועט, מיין לעבן געשטעלט אין געפאַר. וואָס ביסטו אַזוי ערנסט געוואָרן, ווי דו וואָלסט פאַר מיינע רייד זיך געשראָקן. זיי ערלעך, אַנקאַ, און ענטפער מיר גלייך...

אַנקאַ האָט טיף אָפּגעאָטעמט:

— טייערער אַנטוש, ביסט פאַר מיר נישט אַנדערש ווי געווען. נאָר פאַרשטייסט מיך נישט גוט. אוי, ווי איך געדענק דיין שטעלן זיך אין טויטגעפאַר! דיין ראַטעווען מיך! האָסט געזען, ווי מ׳האָט די ייִדן אומגעבראַכט אין נאָמען פון גאָט. וויל איך נישט זיין פרום, נאָר אַ מענטש וויל איך זיין צו מענטשן, גוט צו דיר, ווי דו צו מיר. פאַרשטיי מיך, אַנטוש, אַזאַ ווי איך בין. אַ מענטש איז נישט קיין שטיק ליים...

אַנטעקס פּנים האָט זיך פאַרענדערט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, ווי עפּעס שווערס וואָלט פּלוצעם אַראָפּגעפאַלן אויף זיין קאָפּ, און זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייערפונקען:

— ניין, אַנקאַ! איך שטים נישט איין מיט דיינע גאָטלאָזע גע־דאַנקען. מ׳קען נישט זיין קיין גוטער מענטש אָן אַ רעליגיעזן גלויבן. איך וויל דיך זען די זעלבע ווי איך בין, ווי אַלע אונדזעריקע. לאָז דיך נישט פאַרפירן פון אַנטיקריסט־געדאַנקען. נישט צוליב דעם האָב איך פאַר דיר מיין לעבן איינגעשטעלט, און נישט פאַר דעם ביסטו לעבן געבליבן...

אַ פאַראומערטע איז אַנקאַ געזעסן און אויפגענומען אַנטעקס ווערטער ווי שמיץ איבער איר לייב. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן:

— אַנטעק, כ׳בעט דיך, לאָז, כ׳וועל איבער דיינע רייד זיך פאַר־טראַכטן. און וואָס שייך אונדזער קינד, מוז איך מיט אים פאָרן צום דאָקטער. כ׳מוז אויך איינקויפן פאַר אים זאַכן, צו האָבן וואָס אים אָנטאָן צום טויפן. באַרויִק זיך. לאָז צו צו זיך מיינע רייד.

ווי אַ קליין קינד, האָט אַנטעק זיך געלאָזט איינבעטן, נאָר מיט

איין באַדינג וועלכן ער האָט געפאָדערט און שאַרף אַקצענטירט:

— געדענק, אַנקאַ, אין מיינע רייד און אין מיינע פאַרלאַנגען.

מאַך גרייט דאָס קינד, נעם געלט, און פאַר, מיט גאָט, אין שטאָט אַריין.

נאָכן אָפּעסן מיט אַלעמען ביי איין טיש דעם זונטיקדיקן מאָלצייט, האָט זיך אַנקאַ באַשעפטיקט מיטן באַרויקן דאָס וויינענדיקע קינד. דער פריערדיקער שמועס איז איר נישט אַרויס פון קאָפּ. סיי זי, סיי אַנטעק האָבן זיך ערשט ווי אויף ס׳ניי דערקענט ביי די ערשטע טריט פון אַ סטאַביל לעבן. די דאָזיקע נייע דערקענטעניש האָט אַנקאַן צע־רודערט, נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע. זי האָט געפילט, אַז אויב זי וויל זיך ראַטעווען און נישט אַראָפּגיין פון זינען, מוז זי זיך דעצידירן צו אַ געוואַגטן שריט.

אויף צו מאָרגנס האָט אַנטעק איינגעשפּאַנט פערד־און־וואָגן, און דער טאַטע זיינער האָט אַנקאַן מיטן קינד אַוועקגעפירט צו דער באַנ־סטאַציע. אַליין איז ער אַוועק צו דער אַרבעט אין פעלד.

ווי געיאָגט פון אַ שטורעמווינט, איז אַנקאַ געלאָפן צו דער קאַסע אויף דער באַנסטאַציע. זי איז פּונקט אָנגעקומען פאַרן אָפּפאָר פון אַ באַן. וווהין די באַן פאָרט, האָט זי שוין נישט געדענקט וואָס דער בילעטן־פאַרקויפער האָט איר געזאָגט. זי האָט נאָר געוואָלט וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פון דעם אָרט, ווו די ערד האָט געברענט אונטער אירע פיס. ערשט אין באַנקופּע, ווו זי איז אַליין מיטן קינד געזעסן, האָט פון אירע אויגן אַ פּלייץ געטאָן אַ יאָמערלעך געוויין וואָס זי האָט מיט אַלע אירע כּוחות געוואָלט איינהאַלטן, דערשטיקן, און נישט געקענט. זי האָט אויסגעוויינט אַלע געוויינען, וואָס זי האָט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיך נישט געטאָרט אַרויסברענגען... נאָך דער ערש־טער סטאַציע זענען אַריין אין קופּע עטלעכע פּאַסאַזשירן. פון זייער רעדן צווישן זיך האָט זי זיך דערוווסט, אַז די באַן וועט זי פאַרפירן ביז פּראַגע, וואַרשעווער פאַרשטאָט. אַנקאַ האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווייל אין די קלענערע שטעט איז קיין ייִדיש פּנים נישט געווען בנימצא. אפשר דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, וועט זי ייִדן יאָ אָנטרעפן. ווען זי האָט דערהערט אויסרופן: וואַרשאַוואַ! איז איר

שטימונג געוואָרן געשפּאַנט. ווידער שטייט זי פֿאַר אַן אומבאַוווסטן גורל...

זי איז אַרויס פֿון דאַנציגער וואָקזאַל, אַריינגעפֿאַלן אין מענטשנ־שטראָם. פֿרעגן וועמען אויף אַ גאַס? אויף אַ באַשטימטן אַדרעס? אַזוינס האָט זי זיך גאָרנישט פֿאַרגעשטעלט. ווי מיט פֿאַרבונדענע אויגן האָט זי זיך געטראָגן איבעם מענטשנשטראָם. איין געדאַנק האָט געעקבערט איר מוח: אַנטרעפֿן אַ יידיש פּנים! וויפֿל נסים האָט זי שוין איבערגעלעבט אין איר יונג לעבן! אירע חושים זענען געווען אָנגעשפּיצט.

ביים דורכגיין די בריק איבער דער ווייסל האָט אַנקאַ הינטער זיך געהערט אַ שמועס וועגן עניינים, וואָס פּאָליאַקן רעדן נישט צווישן זיך. אויך דער אַקצענט פֿון זייער פּויליש האָט אויפֿגעוועקט איר נייגער. אין שמאָלן דורכגאַנג אויף דער בריק האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויף הינטן, און שוין האָט איר האַרץ געזאָגט, אַז דאָס גייען עטלעכע יידן... אַן איבערטראַכטן איז זי צו צו זיי און באַלד געפֿונען וועמען צו פֿאַרטרויען איר סוד, פֿאַר וועמען זיך אויסרעדן און פֿאַר וועמען לאָזן אַ טרער... די יידן זענען מיט אַנקאַן און מיט איר קינד פֿאַרפֿאָרן צו מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט בליידן מטפּל געווען. אין געציילטע שעהען האָט זי זיך שוין געפֿונען אין אַ סביבה, וואָס האָט דערמאָנט איר קינדהייט, אירע אָבות...

✶

ווען אַנטעקס טאַטע איז צוריקגעקומען פֿון שטאָט מיטן ליידיקן געשפּאַן, האָט שוין אַנטעק געהאַט איבערגעלייענט דאָס בריוול, וואָס ער האָט געפֿונען אויפֿן בעט. אַנקאַ בעט ביי אים אַנטשולדיקונג פֿאַר דער טאַט וואָס זי באַגייט קעגן זיין ווילן, אָבער זי האָט קיין ברירה נישט צוליב סיבות, וואָס ער איז נישט בכּוח צו פֿאַרשטיין...

זי האָט געשריבן:

„אויב וועסט דאָך בייז ווערן און אפֿשר מיט צאָרן טראַכטן וועגן מיר, וועל איך אָבער דיך שטענדיק געדענקען צום גוטן. דו האָסט מיך אויפֿגעהויבן פֿון געפֿאַלנקייט, ווען איך בין געלעגן אַ צעטראָ־

טענע. האָסט אויפגעהאַלטן מיין ווילן צו לעבן. כ׳וועל דיך געדענקען פאַר אַלע דיינע מענטשלעכע מעשׂים. האָסט גוט געוווּסט, אַז אין מיר לעבט נאָך דער זכר פון מיין שטאַם, און דו האָסט געוואָלט דעם זכר מיט כּוח פון מיר אַרויסרייסן. זיי זשע וויסן, אַז פון אַ נשמה קען מען קיין שטיקער גישט רייסן. אוי, ווען דו ווייסט, ווי שווער מיר איז אָנגעקומען דאָס שיידן זיך פון דיר! ווען דו ווייסט, וויפל קרעכצן איך האָב אויף דעם בעט געלאָזט, וויפל טרערן איך האָב מורא געהאַט אויסצוגיסן ביים איבערלאָזן מיינע לעצטע ווערטער צו דיר. דאָס קינד וואָס איך נעם פון דיר אַוועק, האָב איך רעכט אויף דעם, ווייל ס׳איז די פרוכט פון מיין ליבע. פאַרגעס אין אונדז ביידע, ווי אַ פאַרבייגייענדיקן איבערלעבעניש. לעב מיט דיין פאָלק און פאַרשטיי, אַז איך האָב געמוזט זיך אומקערן צו מיין שטאַם, אַהין ווו איך געהער. באַמי זיך דאָס אַלץ צו פאַרשטיין...

מיט די האַרציקסטע געפילן פאַר דיר און טיפן דאַנק —

אַ נ ק אַ.״

אַנטעק איז רויט געווען פון צאָרן. אָבער נאָכן איבערלייענען אַנקאַס לעצטע ווערטער צו אים האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם קאָפּ אויפן בעט, זיין פּנים איינגעגראָבן אין קישן...

*

אַנקאַ מיטן קינד אויף די הענט האָט זיך געפונען אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל, מיט נאָך הונדערטער יונגע־לייט, דאָס רוב מענער. נאָך לאַנגע אַרומוואָגלענישן איבער לענדער און גרענעצן האָט זי דערגרייכט צו ערגעץ אַ פּאָרט. אַנקאַס קומען אַהער איז געווען אַ סוד אַפילו פאַר די, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר און געהאָלפן איר פאַרלייכטערן די לאַסט פון טראָגן דאָס קינד. עפּעס אַ שטאַרקע געהיימע האַנט האָט איר געהאָלפן בייקומען שטרויכלונגען און זי געפירט איבער לענדער, געטראָגן איבער תּהומען. היצן, ווינטן, רעגנס, דונערן און בליצן פּאַטשן און שליידערן דעם פאַרוואָגלטן מענטש מיט

אַ פּיצל קינד אויף די הענט. אָבער די פֿאַרביסענע עקשנות און שטאַר־קער ווילן צו דערגרייכן דעם ציל שמידן צו דעם מענטשנס טריט צו דער ערד, גיבן אים מוט און כּוח אָנצוגייען מיט זיין גוראַל.

ווייט פון אַ ים־ברעג האָט געוואַרט אַ קליינע משׂא־שיף מיט אַ צעבראָכענעם קוימען. דער שוואַרצער רויך איז אין וואָיענדיקן ווינט צעטראָגן און צעשפּרייט געוואָרן איבער די רוישנדיקע כוואַליעס. אין דער שיף ברומען די מאַשינען, ווי זיי וואָלטן גערופֿן די אַריינגע־שמוגלטע מענטשן אין איר איינגעווייד זיך אויסצובאַהאַלטן אין די אַלטע, פון יאָרן־לאַנגן אַרומשלעפּן זיך איבער ימען און לענדער, אָפּ־געניצטע לעכער און ווינקלען פון דער שיף. די פֿאַרזשאַווערטע פּייכטע ווענט ציטערן און וואָרטשען — זיי זענען נישט געוווינט צו לעבעדיקע מענטשן־לאַדונגען. ביז איצט האָבן זיי געוווּסט פון גרויסע פּאַרקאַ־ווערטע קאַסטנס, פּעק, און אַנדערע שטומע באַגאַזשן, אָבער נישט צו קיין רעש פון מענטשן. און ווען די שיף האָט אין געהיים זיך דער־ווייטערט פון ברעג און אַריין איבעם געווירבל פון טונקעלע, צע־שטורעמטע וואַסערן און בידעריק הענגענדיקן גראָען הימל, האָט שוין די נאַכט אָנגעהויבן צופֿאַלן, צוזאַמען מיט אַ געדיכטן רעגן. די הימלען האָבן זיך געבראָכן פון דונערן און בליצן.

אַנקאַ, מיט איר „לעבעדיקן פּעקל", איז געווען איינגעגראָבן אין די איינגעווייידן פון דער שיף, צווישן אַן אָנגעוואַלגער פון אויסגעמאַ־טערטע יונגען און אויך דרייסטע מיידלעך אין ייִנגלשע מלבושים, געקומענע פון וועלדער, פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, פון באַהעלטע־נישן. עס האָט זיך באַוויזן דער וועגווייזער, דער אָנפירער פון דער „בריחה". ער איז געווען ספּאַרטאַניש אָנגעטאָן, מיט אַ בלאָנדן קאָפּ צעשויבערטע האָר איבערן העלן פּנים. ווען אַנקאַ האָט אים ס'ערשטע מאָל דערזען, איז זי פֿאַר שרעק שיִער נישט אומגעפֿאַלן. זי האָט געמיינט, אַז אַנטעק האָט זי אָפּגעפֿונען... אָבער זיין ייִדיש לשון האָט זי גלייך באַרויִקט. בלויז ער, דער וועגווייזער, האָט געוווּסט וועגן אַנקאַס סוד. אויפֿן גאַנצן וועג האָט ער געהאַט די השגחה איבער איר מיטן קינד. דאָס מאָל איז ער געקומען זיך אינפֿאָרמירן, ווי זי פֿילט

זיך צווישן דער צעוואָלגערטער חברה און וואָס דאָס קינד מאַכט. ער האָט זי געטרייסט, אַז נאָך אַלע איבערלעבונגען און וואָגלענישן פאַרט זי אין איר אייגענער מדינה, פון וואַנען זי וועט מער נישט דאַרפן וואַנדערן.

פאַר אַנקאַן האָבן ווי געשוועבט די גרויליקע יאָרן פון טויט און אומקום. נישט געגלייבט אירע אייגענע אויגן, אַז זי איז אַרויס פון אַלע סכנות און באַגעגעניש. ווי אַזוי האָט אַלץ געווירקט אויף אַנ־טעקן? ווי אַזוי האָט ער אויפגענומען איר געזעגענונגס־בריוול? צי האָט עס אים באַרויקט, נאָכגיביק געמאַכט, ווי בעת זי פלעגט אים איינגעמען אין אַגרעסיווע מאָמענטן, אָדער דער אומגעריכטער צעשייד האָט אויפגעברויזט אין אים זיינע צעקאָכטע בלוטן? זי האָט וועגן דעם נישט געוואָלט טראַכטן, אָבער די געדאַנקען זענען אַליין געקומען. און נישט בלויז דאָס. פאַרשיידענע מחשבות זענען איר דורכן קאָפּ אַדורכגעגאַנגען. אַט דאַכט זיך איר, אַז זי איז נישט יענץ תנהלע וואָס האָט געהאַט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און אַזוי פיל פעטערס און מומעס, נישט יענץ צעפּיעשטשעטע מיידל לעבן דער מאַמען. די אָ אַנקאַ איז אין גאַנצן אַן אַנדערע מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז זי האָט עס איבערגעלעבט אין איר יונג לעבן.

מיט אַנקאַן איז אין דער שיף מיטגעשוואומען איר עבר — בעיקר די מלחמה־איבערלעבונגען, וואָס זענען געלעגן אויסגעבאַהאַלטן טיף, טיף אין איר געדעכעניש. פריִער זענען זיי געווען פאַרמאַכט אין זיך. איצט האָבן זיי אַרויסגעשפּאַרט ווי אַ גרעזעלע צו דער זון, זיך געריסן צום מויל, נאָר זי האָט נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן. כאָטש פריי פון אַלע שרעקן, איז זי אויך דאָ אויף דער שווימענדיקער שיף געבליבן עלנט, ביז שמעון, וואָס האָט איר עטלעכע מאָל געהאָלפן טראָגן דאָס קינד, האָט זיך מיט איר פאַרהיימישט. יעדערער פון זיי האָט צעבונדן זיין „פּעקל״ — ביידע האָבן געהאַט וואָס צו דערציילן, און זיך נעענטער באַקענט.

שמעון האָט געשטרעבט צו באַקענען אַ פרוי וואָס האָט איבער־

געלעבט דעם חורבן. אָן אַנדערע וועט אים נישט פאַרשטיין. אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל האָט ער זיך דערגענטערט צו איינער, נאָר ווען זי האָט דערהערט — געטאָ, לאַגער, בערגען־בעלזן, באַפרייונג — איז איר געוואָרן לאַנגווייליק מיט אים. און אַנקאָ, נישט בלויז זי הערט אים אויס מיט געדולד, נאָר האָט אויך וואָס צו דערציילן, און וואָס זי דערציילט, הערט אויך שמעון אויס מיט געדולד, מיט גרויס אינטערעס און לאָזט איר נישט פאַרבייגיין קיין פּרט, וואָס אים איז נישט קלאָר, ווייל ער וויל עס וויסן. בעת די דאָזיקע שמועסן האָבן זיך אַנקאָס ווי־עס ממש צעעפנט ווי אַ פאָרהאַנג איבער אַ טעאַטער־בינע, וואָס איז פרי־ער געווען אָראָפּגעלאָזט, און פאַר שמעונען האָבן זיך אַנטפּלעקט אַ פּאָר טיפע בלאָע אויגן, וואָס באַהאַלטן אין זיך אירע מאַרטירער־יאָרן. שמעון האָט אַנקאָס רייד באַהאַלטן אין זיין האַרץ.

שמעון איז געפאָרן צו זיינעם אָן עלטערן ברודער וואָס האָט געלעבט אין אַ קיבוץ נאָך פון פאַר דער מלחמה, בעת ער איז קיין ארץ־ישׂראל געפאָרן ווי אַ חלוץ. דער נאָמען פון קיבוץ איז שמעונען אַרויס פון קאָפּ אין די מלחמה־יאָרן. נאָר דער וועגווייזער, וואָס פאַר־נעמט זיך מיט אַלע ענינים פון די אומלעגאַלע עולים, האָט אים פאַר־זיכערט אַז באַלד נאָכן אָנקומען אין לאַנד וועט ער זיין ברודער אָן שוועריקייטן אָפּגעפינען. און ווען שמעון האָט אַנקאָן געפרעגט, צי אויך זי האָט קרובים אין לאַנד, האָט זי מיט אַ קאָפּבאַוועג אומעטיק געענטפערט — ניין. האָט שמעון איר אָנגעהויבן איינרעדן, זי זאָל מיט אים פאָרן אין קיבוץ. אַנקאָ האָט אויסגעקוקט צו הערן דעם אָ פאָרשלאָג, אָבער זיך קודם געהאַלטן רעזערווירט, אָפּגעהיט איר ווײַ־בערישן שטאָלץ. נאָר איר צעשמייכלט פּנים ביים אויסהערן דעם פאָרשלאָג איז פאַר שמעונען געווען אַ סימן, אַז ער דאַרף נישט אָפּלאָזן, ביז ביידע האָבן איינגעשטימט צו גיין אויפן זעלבן וועג...

דעם רעשט פון דער אומרויקער אומלעגאַלער רייזע פאַרביי די פּאַטרולירנדיקע בריטישע שיפן האָבן ביידע שוין פאַרבראַכט צוזאַמען. שמעון האָט אַנקאָן פאַרלייכטערט אין אַלץ וואָס איז פאַר איר פרי־ער געווען שווער, ביז זיי האָבן דערגרייכט די ברעגעס פון ארץ־ישׂראל.

פון דעם זאַמלפונקט פאַר די נייע עולים אין עתלית זענען זיי אָנגעקומען אין אַ קיבוץ צווישן מידבר־זאַמדן. פון אָנהייב האָט אַנקאַ זיך געפילט ווי אַ זייטיקע צווישן די פאַרהאַרעוועטע מענטשן מיט די אָפּגעברענטע פּנימער פון זון און לופט. וואָס מער מ'האָט צו איר אַרויסגעוויזן גוטסקייט, ווי צו אַ געליטענער קרובה, אַן אַרויסגע־ראַטעוועטע פון דער גרויסער שׂרפה, אַלץ מער האָט דאָס הארץ איר ווי געטאָן. זי האָט געוואָלט זיין ווי אַלע — לאַכן מיט אַ פריידיק האַרץ, מיטוואַקסן מיט די צעוואַקסענע גראָזן, מיט די שלאַנקע ביימער...

די ערשטע טעג פון זייער קומען אין קיבוץ האָבן אַנקאַס און שמעונס אויגן נישט געקענט זיך אָנזעטיקן מיט די בלאָע, זוניקע הימלען און מיט דער אַרומיקער שיינקייט, ווי דאָס וואָלט זיי פאַר־גיטיקט פאַר די אַלע שטורעמס אין זייער לעבן און אויף דער צע־הוידעטער פּליטים־שיף אויפן ים. פאַרגאַפט האָבן זיי געקוקט אויף די ליכטיקע פּנימלעך פון די ציכטיק אָנגעטאָענע קינדערלעך און זיך דערמאָנט אין די אויסגעמאָרדעטע קינדערלעך פון דאָרטן...

האָבן ביידע זיך אָנגעטאָן אַ כּוח נישט צו טראַכטן פון פאַרגאַנ־גענעם גרויל. זיי אַנטקעגן האָט דאָ געשטראַמט אַ לעבן ראַשיק און זוניק. אַנקאַ, נאָך מער ווי שמעון, האָט אָבער געלעבט אויך מיטן נעכטן. ערשט ווי נעכטן איז זי געווען מיט אַנטעקן, און היינט — מיט שמעונען. די גיכע פאַרענדערונג אין איר יונג לעבן האָט זי נישט געלאָזט רוען. זי האָט נישט געקענט אַזוי גלאַטיק־לייכט זיך אַריינצי׳ען אין קיבוצישן לעבן. ביי איר האָט דאָס געמוזט נעמען צייט.

שמעון איז פלייסיק, ווי די אַלט־געזעסענע קיבוצניקעס, אַריין אין אַלע פעלדאַרבעטן און זיך באַמיט וואָס ווייניקער צו טראַכטן און רעדן וועגן זיינע איבערלעבונגען. זיין פּנים האָט זיך געברוינט און געטונקלט אונטער דער ישׂראל־זון. פּאַמעלעך האָט ער אויך אַנקאָן אַריינגעצויגן אין נייעם לעבן. אַנקאַ איז אים געווען נאָכגיביק. גע־וואָלט אַז איר נייע לעבנספרייד זאָל זי פירן ביי דער האַנט צו ווידער־געבורט, צו פאַרפלאַנצונג אין דער נייער וואָר, צו אויפבוי און דער־וויטערונג פון טרויעריקן נעכטן.

אַ גאַנצן טאָג האָט שמעון געאַרבעט מיטן טראַקטאָר אויפן פעלד. דאָס האָט אים אָנגעפילט מיט כּוח און פרייד. ער האָט פּאַראַקערט נייע שטחים, זאָמדיקן באָדן אויף תבואה. דאָס הילכיקע מאָטאָר־גערויש פון זיין טראַקטאָר האָט אים ממש פאַרשיכּורט. און דערנאָך, מיט אים ביים פּאַרזיי, געפינט זיך אַנקאַ. זי שפּרייזט פּאַמעלעך איבער די אויפגעאַקערטע שטיקער ערד, קוקט אויף אַראָפּ, און איבער איר פּנים הענגט אַ פּאַסמע בלאָנדע האָר, וואָס דער ווינט האָט אַרויסגעבלאָזן פון אונטערן קאָפּטיכל. קוקנדיק אויף דעם געל־ברוינעם צעאַקערטן אַרום מיט זיין אַנקאַ אין דער מיט, האָט די פרייד נאָך מער צעוואַרעמט שמעונס געבלוטן.

אין פרייע שעהען האָט שמעון נאָך דער אַרבעט מיט אַנקאַן גע־שפּאַצירט איבער די פעלדער, אין גאָרטן און אין די אַלעען וואָס האָבן געפירט צום קיבוץ. ער האָט געקוואָלן ביים באַריר פון אַנקאָס פאַר־וואָרפענער האַנט איבער זיין אַקסל. ביידע האָבן דעמאָלט אויפגע־בלעטערט זייער לעבן ביזן קומען אין קיבוץ. וויפל מאָל האָבן זיי שוין וועגן דעם גערעדט און נאָך אַלץ נישט אויסגערעדט זיך. אַזוי פיל פּאַסירונגען, אַזוי פיל דערמאָנונגען, אַזוי פיל נעמען האָבן זיי אַרויס־געצויגן פון זכרון! קיינער אַחוץ זיי ביידע האָט נישט קיין כּוח און געדולד דאָס אַלץ אויסצוהערן. ביידע האָבן זיי דאָס דערקענט אויף די קיבוץ־מענטשן און ביידע האָבן ווי באַשלאָסן: אויב שמועסן אויף דער טעמע, איז נאָר צווישן זיך. שמעונס ברודער האָט איין מאָל אויסגעהערט, אויסגעפרעגט וואָס ער האָט געוואָלט וויסן, און מער וועגן דעם נישט געוואָלט הערן.

אין אָנהייב האָט אַנקאַ אויסגעמיטן צו רעדן מיט שמעונען וועגן אַנטעקן. געוואָלט עס טראָגן פאַרשלאָסן אין זיך. זי האָט געמיינט, אַז דאָס דערמאָנען אַנטעקן וועט שמעונען וויי טאָן, און אפשר וועט ער עס שלעכט אויפנעמען. שמעון איז אָבער געווען טאָלעראַנט און געוווסט פון ענלעכע פּאַסירונגען מיט ייִדישע מיידלעך. יענע האָבן פאַרגעסן זייער ייִדישן אָפּשטאַם און זענען פאַרזונקען געוואָרן אין דעם נישט־ייִדישן לעבן מיט זייערע מענער. אָבער זי, אַנקאַ, האָט

געפונען אין זיך גענוג מוט אָפּצורייסן זיך פון אויפגעצווונגענעם שמד און צוריקקומען צו איר שטאָם. שמעון האָט אין אַנקאָס שריט געזען אַ העלדישקייט, גרעסער אפשר ווי אַלע אירע געראַנגלען פאַרן פיזישן קיום. מיט דעם איז זי דערהויבן געוואָרן אין זיינע אויגן.

און דאָס האָט אַנקאַ געפילט. שמעונס איבערגעגעבנקייט צום קינד, זיין לויפן קוקן, צי דאָס יינגל ווערט גוט באַהאַנדלט, צי ער איז שוין אין גאַנצן געזונט, צי ער איז שוין גרייט געיידישט צו ווערן און צו באַקומען אַ יידישן נאָמען. אַנקאַ איז געווען איבערצייגט, אַז אַזאַ געטרייער לעבנספריינד איז אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַלע אירע ליידן. נישט איין מאָל האָט זי אים דערפאַר מיט אַ סך ליבשאַפט אויסגע־דריקט אָנערקענונג. מיטן דערוויטערן זיך פון יענע טרויעריקע טעג איז זי אַלץ נעענטער געוואָרן צו שמעונען, וואָס האָט נישט איין מאָל געמורמלט צו איר: „מיין ליבע, אויסגעבענקטע — אַ־נ־ק־אַ!“

גאָלדעס לעצטער גאַנג

דעם גאַנצן יום־כּיפּור־טאָג איז די לאָמע גאָלדע געזעסן אין ווייבערשן טייל פון שטיבל, ווו אויף דער צווייטער זייט פונעם איבער־געהאָנגענעם ליילעך זענען געשטאַנען ייִדן אין טליתים, פאַרטיפטע אין די יום־כּיפּורדיקע תּפילות.

פּלוצעם איז עס געשען. אויף די טישלעך זענען געבליבן ליגן צעעפנטע מחזורים, איבערגעדעקטע מיט אויף גיך אַוועקגעלייגטע טליתים. די וואַקסענע ליכט אויפן עמוד האָבן זיך געשמאָלצן, נאָך נישט קיין אויסגעברענטע. ס׳איז געווען צו דערקענען, אַז די מתפללים האָבן אין איילעניש פאַרלאָזט דאָס שטיבל.

פון הינטערן פאָרהאַנג ווו עס זענען געזעסן די ווייבער, איז די לעצטע אַרויס גאָלדע.

די געטאָ איז געלעגן באַלויכטן פון אַ פולער לבנה. דורך די שטילע געסלעך האָבן ייִדן אַוועקגעאײַלט צו זייערע היימען. פון יעדער געעפנטער טיר איז זיי אַנטקעגן געקומען אַ באַהאַלטענער אומרו.

אין איר בוידעם־שטיבל איז גאָלדע געבליבן שטיין, אָנגעשפּאַרט אויף אירע קוליעס. זי האָט טיף געאָטעמט נאָכן שווערן גאַנג אויף די ברוקשטיינער. אָן אָפּגעשוואַכטע פונעם תּענית, איז איר שווער אָנגעקומען דאָס אַרויפגיין די טרעפּ און גרייכן צו דער קליאַמקע פון איר טיר.

גאָלדען האָט אַרומגעכאַפּט די טויטע שטילקייט וואָס אין צימער — אַ שוואַרצע, אַ געשפּאַנטע. פון דער פינצטערער סטעליע איז אַראָפּגעהאָנגען איבער איר קאָפּ די שטילקייט ווי אַ שווערער, גע־פלאָכטענער תּליה־שטריק.

גאָלדע האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט אַליין נישט געוווּסט ווי

לאַנג זי איז אַזוי געשטאַנען פאַרזונקען אין שווערע מחשבות. מיט אַן אויסגעשטרעקטער קוליע האָט זי אָנגעטאַפּט ווו עס שטייט איר בעט, און זיך אַריינגעוואָרפן אין איר ווי אַ שטיין.

געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט זי אָפּגעשפּאַרט דעם לאָדן פונעם בוידעם־פענצטער און אַראָפּגעקוקט אין געטאָ. ס'האָט זיך פון דאָרטן נישט געהערט דאָס מינדסטע גערויש. בלויז אַ קאַלטע האַרבסטיקע לופט האָט אויף איר אַ בלאָז געטאָן. דער גראַנאַטענער הימל, אָפּגעשאָטן מיט גרויסע שטערן, האָט געשוועבט פאַר אירע אויגן נאָכן צומאַכן דעם לאָדן.

אָנגעשפּאַרט אויףביידע קוליעס, האָט גאָלדע געמאַכט אַ פּאָר טריט צום טישל און אָנגעצונדן דאָס נאַפטלעמפּל. אויף די געקאַלכטע ווענט האָט זיך באַוויזן אַן אויסגעקרימטער שאָטן, וואָס האָט זיך באַוועגט צוזאַמען מיט גאָלדעס הינקעדיקע טריט איבערן בוידעם־שטיבל.

נאָכן נעמען עפּעס אין מויל אַריין צו שטילן דעם הונגער פון פאַסטן, האָט גאָלדע זיך אַרומגעקוקט איבער איר עלנט בוידעם־שטיבל. איר בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן בערגל אַלטע זאָקן, וואָס די געטאָ־איינוווינערס פלעגן איר ברענגען צום אונטערשטריקן. נעענטער צו איר בעט איז געלעגן אַ קליין בערגל קינדער־זעקלעך, וואָס זי האָט, צוליב די אָנקומענדיקע קעלטן, געוואָלט באַלד נאָך יום־כיפּור פאַרריכטן. די זעקלעך זענען געלעגן סאָרטירט, לויט גאָלדעס איינזען. זי האָט געוווּסט וועלכע קינדער עס נייטיקן זיך פריִער אין די וואַרעמע זעקלעך.

זיצט גאָלדע אַ פאַרטראַכטע, מיטן איינציקן פוס אַראָפּגעהאָנגען פון בעטראַנד, און ס'קומען איר אויף אין געדאַנק די רייד, וואָס ייִדן האָבן צווישן זיך גערעדט אין שטיבל: „אויב חלילה ס'וועט ווידער אויסקומען צו אַנטלויפן פון געטאָ...״

די טרויעריקע מחשבות האָט גאָלדע געוואָלט פון זיך פאַריאָגן, אָנקלייגנדיק זיך אויפן בעט מיטן פּנים אין קישן, בכדי זיך צו צווינגען איינשלאָפן. אָבער אַן אימהפולע שטילקייט האָט פאַר אירע,

אין קישן איינגעגראָבענע אויגן, געמאָלן פינצטערע בילדער. מען האָט שוין גוט געוווּסט וואָס אַזאַ שטילקייט אין געטאָ באַטייט. מיט אַ חודש צוריק, ווען די ייִדן זענען שוין איין מאָל אָנטלאָפן פון געטאָ, איז זי פונעם גאַנצן געסל אַליין געבליבן אין איר בוידעם־שטיבל. האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אויך אין יענער נאַכט איז זי געלעגן אין דער פינצטערניש. דורכן אָפּגעשפּאַרטן לאָדן האָט זי דעמאָלט געזען די אויסגעלייזיקטע שטובן, און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז די פינצטערע נאַכט וועט קיין מאָל צו קיין סוף נישט קומען. און זי, גאָלדע, האָט דאָך נישט אויפגעהערט האָפן... די אַרומיקע שטילקייט האָט דעמאָלט זיך טאַקע איבערגעריסן, און זי האָט ווידער דערהערט די צוריקגעקומענע שכנים אויפמאַכן אַ טיר, געהערט דעם אָפּהילך פון זייערע היימיש־נאָענטע רייד.

גאָלדע האָט איצט זיך אויפגעזעצט און ווידער אַרויסגעקוקט דורך דעם בוידעם־פענצטערל. די לבנה האָט געלויכטן און באַרויִקט אַ ביסל איר געמיט. זי האָט זיך צוריקגעלייגט און איינגעשלאָפן.

אין גראָען פאַרטאָג האָט זיך גאָלדע איבערגעוועקט פון שלאָף. אַ שטורעם האָט געריסן די לופט אַרום די ווענט פון שטיבל. ביקסן־שאָסן האָבן געקנאַלט אַרום און אַרום.

אין ערשטן מאָמענט האָט גאָלדע נישט באַנומען וואָס דאָ געשעט. ערשט ווען זי האָט אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַרעס פון לאָדן האָט זי דערזען, אַז די געטאָ איז באַלאַגערט פון באַוואָפנטע משחיתים.

גאָלדע איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט. לאַנג איז זי געלעגן אין אַ חלשות. דער נאַטירלעכער דראַנג צו לעבן האָט זי באַגינען אויפגעוועקט.

די פרימאָרגן־ליכט האָט זיך דורכגעריסן דורך די לאָדנשפּאַלטן. אין שטיבל איז געוואָרן העלער. דאָס ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון האָט אַנטפּלעקט פאַר גאָלדען די וועלט אין איר גאַנצער שיינקייט. איר אָרעם בוידעם־שטיבל ווו זי האָט געליטן און איבערגעוויינטיקט אַזוי פיל טעג און נעכט, איז איר גאָר ליב געוואָרן און אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אַרום איר איז איר פּלוצעם געוואָרן טייער —

אירע אָרעמע פיר ווענט, איר צעפּייניקט לעבן, איר פאַרשעמטע וועלט. מיט דעם אַלעם האָט זיך גאָלדע נישט געוואָלט שיידן. זי האָט געוואָלט לעבן!

אין געטאָ איז די בהלה געוואָרן פון מינוט צו מינוט גרעסער. ייִדן זענען געלאָפן צו די דראָט־פאַרצוימונגען, ווו אויסגעשטרעקטע ביקסן־לופעס האָבן זיי געיאָגט אויף צוריק. ייִדן זענען אַרומגעלאָפן און געזוכט אַן אַרויסגאַנג פון געשלאָסענעם רינג, אַרומגעלאָפן מיט קינדער אויף די הענט פון געסל צו געסל, פון שכן צו שכן — זיי האָבן זיך געצאַפּלט, ווי זיי וואָלטן שוין געווען אין טרעבלינקער גאַז־קאַמער.

גאָלדע האָט דאָס דאָזיקע אימהדיקע בילד געזען דורך די שפּאַלטן אין אַ לאָדן. כאָטש זי האָט געפילט זייערע אַנגסטן, האָט זי מקנא געווען די לויפנדיקע, ווייל זי, אַן אָנגעשפּאַרטע אויף קוליעס, האָט קוים געקענט שטעלן אַ טראָט. אָן כוחות איז זי געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אין וואַנט און געפילט, אַז דער טויט האַלט שוין איר לעבן אין זיינע הענט.

אין געטאָ האָבן אַריינגעמאַרשירט מיליטערישע אָפּטיילן, באַ־וואָפנטע ווי צו אַ שלאַכט. די שפּיצן פון די אַנטבלויזטע באַגנעטן האָבן געבלאַנקט אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער פרימאָרגן־זון. מיט ווילדע געשרייען האָבן זיך די צוררים געוואָרפן אויף די ייִדישע הייזלעך, געבראָכן טיר־און־פענצטער, דורכגעלעכערט ווענט און סו־פיטן — געזוכט אויסגעבאַהאַלטענע. גראַנאַטן האָבן אויפגעריסן קע־לערן און בוידעמער. אויף די ייִדן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ האָגל פון שטאָל און אייזן.

מאַסנווייז זענען די ייִדן געפאַנגען געוואָרן. מען האָט זיי אַרויס־געריסן פון בעטן, פון באַהעלטעניש. אַלע, אַלע זענען געטריבן גע־וואָרן צום זאַמלפונקט און פון דאָרטן — צו דער באַן קיין טרעבלינקע.

פאַמיליעס מיט קאַלך־ווייסע פנימער זענען געגאַנגען געאָרעמט, מיט די בליקן איינגעשטאָכן אין די באַנרעלסן, ווו ס׳האָבן געוואַרט ליידיקע פראַכטוואַגאָנען. קיינער האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח

און מוט צו אַנטלויפן. דאָס איז געווען די לעצטע אַקציע. אויף ביידע זייטן וועג זענען געשטאַנען קריסטן און רויק זיך צוגעקוקט ווי אויף עפּעס אַ פּראָצעסיע, אויף אַ צערעמאָניאַל אַזאַ.

די לעצטע אין לאַנגן צוג פון די געטריבענע ייִדן איז געגאַנגען גאָלדע, אַנגעשפּאַרט אויף אירע קוליעס, אַ דורכגענעצטע פון שוויס, מיט אַ ברייט צעעפנט מויל. אירע אויפגעריסענע אויגן האָבן געזען פאַר זיך די לעצטע ריי פון איינגעבויגענע פּלייצעס. פון אָט דער לעצטער ריי האָט זי נישט געוואָלט אָפּשטיין. מיט אירע לעצטע כּוחות האָט זי געשטעלט די קוליעס, וואָס האָבן איר געהאָלפן אויפהאַלטן דעם לעצטן פאַרלאַנג: נישט בלייבן אַליין!

אַ געדיכטער שטויבוואָלקן האָט זיך געהויבן איבער דער מחנה ייִדן, און גאָלדע האָט זיך פון אים קוים אַרויסגעזען. פאַר אירע פאַר־נעפּלטע אויגן — אַ ברייטע ריי פון שוואַרצע שוויגנדיקע שאָטנס; הינטער איר — צעיושעטע רוצחים מיט ווילדע געשרייען: „שנעלער! שנעלער!" גאָלדע האָט זיך געוויגט אויף די קוליעס, אָנשטרענגענדיק איר לעצט ביסל חיות. זי האָט געפילט הינטער זיך די בלאַנקע באַגנעט־שאַרפן.

דער שפּיץ פון צוג געטריבענע ייִדן האָט שוין דערגרייכט צום מיט מיליטער אַרומגעצוימטן וואָקזאַל, ווען אַ שאָס האָט געצילט אין גאָלדען, וואָס איז געבליבן הינטערשטעליק. זי איז געפאַלן נישט פאַרענדיקנדיק דעם לעצטן גאַנג מיט אַלע ייִדן.

דער רופא־חולים אַהרן וואַנס

די צייט ווען ס׳האָט געהערשט אין סאָקאָלאָווער געטאָ די טיפוס־עפּידעמיע, איז געווען אַ פּיינלעך־טראַגישע. אין שרעקלעכער ענג־שאַפט, אָן די פּשוטסטע היגיענישע באַדינגונגען, אָן דער נייטיקער מעדיצין, אין הונגער און קעלט, האָט די מגפה געקאָסיעט די מענטשן. וויפל מאָראַלישע שטאַנדהאַפטיקייט האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ גע־פּייניקטער געטאָ־ייִד, בכדי נישט אַריינצופאַלן אין ייִאוש? שטאַרקן דעם אויסדויער־כוח פון די מענטשן אין זייער שווערן געראַנגל פאַר אויסקומעניש און בעיקר מיט דער עפּידעמיע, האָט מסירת־נפשדיק געהאָלפן דער באַליבטער ביי אַלעמען שטעטלשער פעלדשער אַהרן וואַנס.

אַהרן איז געווען אַ דאַר, נידעריק ייִדל, נאָענט צו די זעכציקער. ער האָט געהאַט אַ סאָלידן, רויִקן גאַנג, איז געווען שטענדיק זויבער און מאָדערן געקליידט. אַ צוגעקעמט און שיין אַרומגעשוירן, צוויי־שפּיציק גרוי בערדל האָט באַצירט זיין ערנסט פּנים מיטן הויכן געקנייטשטן שטערן. און אויגן — שטילע, קלוגע.

מיט זיין אייגנאַרטיקן אויסזען האָט ער געצויגן צו זיך אין שטעטל אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. צווישן די ייִדן אין טראַדיציאָ־נעלע ייִדישע בגדים, האָט דער פעלדשער זיך אויסגעטיילט מיט זיין אייראָפּעיִשער קליידונג: אַ קורץ רעקל מיט שטײַפע, געפּרעסטע הויזן, אַ „ליסאָפּעד״־היטל מיט אַ קנעפּעלע אין מיטן. גייענדיק מיט זיין שפּאַציר־שטעקעלע אין האַנט, האָט ער ווי געציילט די פּאַמעלעכע טריט פון זיינע פיס אין די גלאַנציקע לאַטשן. מיט זיין אויסזען, באַנעמונג און אופן פון רעדן האָט ער זיך אונטערשיידט פון די

שטעטלדיקע ייִדן. דאָס האָט אַרויסגערופן רעספּעקט צו „פּאַניע וואָנס“, דעם „סטאַרשי פעלדשער“...

אין די יונגע יאָרן האָט אַהרן וואָנס געלערנט אין גערער ישיבה. פון דאָרטן האָט אים, ווי דעם בעסטן ישיבה־בחור, גענומען פאַר אַן אײדעם יאַנקל פעלדשער פון גער, ביי וועלכן ער האָט געגעסן קעסט.

דעם יונגן וואָנס האָט געצויגן צו מאָדערנער בילדונג, איז ער אַריין אין אַ פעלדשער־שול און באַקומען אַ דיפּלאָם. אין סאָקאָלאָוו האָט ער זיך באַזעצט באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און אָנגעהויבן דערפאָלגרייך פּראַקטיצירן.

דעם פעלדשער אַהרן וואָנס׳ פּנים איז תּמיד געווען ערנסט. זעלטן ווען מ׳האָט אויף אים באַמערקט אַ שמייכל. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, ער זאָל ווערן באַליבט ביי אַלעמען אין שטעטל און אין דער אומגעגנט. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער און פריינדלעכער מענטש, זיך נישט געמישט אין די שטעטלדיקע קהלשע מחלוקתן און זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיטן מעדיצינישן באַרוף, וועלכן ער איז געווען ביז גאָר איבערגעגעבן און געטריי. היילן קראַנקע איז געוואָרן זיין לעבנס־אידעאַל. גאָר גיך האָט ער זיך דערוואָרבן ביי די ייִדן און נישט־ייִדן פון דער געגנט אַלגעמיינע אָנערקענונג, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. נאָך לאַנגע יאָרן פּראַקטיק, פלעגט מען אים רופן אויך צו ערנסט־קראַנקע. מען האָט זיך גערעכנט מיט זיין דיאַגנאָז און רפואות. ער איז געווען אי אַ כירורג, אי אַ ספּעציאַליסט פאַר אינערלעכע קראַנקייטן. ער האָט געהאָט זיינע געשווירענע פּאַציענטן וואָס האָבן פון קיין אַנדער רופא וויסן נישט געוואָלט. זיין קאַבינעט איז פול געווען מיט מעדיצינישע מכשירים, און די וווינונג — מיט געשמאַק איינגעאָרדנט, כמעט גרויסשטעטיש.

אַהרן וואָנס איז געווען אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער ייִד, זיין באַרוף און די היינטצייטיקע הלבשה זענען ביי אים נישט געווען קיין קאָנטראַסט צו זיין רעליגיעזן פילן און דענקען. מען האָט געקענט געפינען ביי אים אין שטוב מעדיצינישע און וועלטלעכע ביכער, און דערנעבן — אַ שאַנק מיט תּורה־ספרים: אַ שיין געבונדענער ש״ס, איבער

וועלכן ער פלעגט גאַנץ אָפט זיצן און לערנען, ווי אין די יונגע יאָרן אין דער ישיבה.

אַהרן וואַנס האָט געמוזט, צוזאַמען מיט אַלע ייִדן, זיך איבער־טראָגן פון דער הויפטגאַס אין דער סאַמע ענגשאַפט פון געטאָ. אויס מיט דער געמיטלעכער היים, אויס מיטן נאָרמאַלן לעבן. קוים זיך צונויפגעקוועטשט מיטן קאַבינעטל, מיט די ספרים אין די בייע מורא־דיקע באַדינגונגען. ווער האָט געטראַכט וועגן רו און געמיטלעכקייט? מען האָט געדאַרפט ווי נישט איז אויפהאַלטן די נאַקעטע עקסיסטענץ און — העלפן מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז אין אָנבליק פון דער דיס־קרימינאַציע און דערנידערונג פון די ייִדן, איז זיין שטימונג געווען גאָר אַ געדריקטע. ס'האָט אים אויסגעזען, אַז אַפילו דאָס שענקל מיט דעם איינגעבונדענעם ש״ס און אַלע ספרי־קודש טרויערן אין זייער בייעם, פאַרשעמטן אָרט הינטער די שטעכלדראָטן...

דאָס געפיל פון דערנידערונג האָט וואַנס געזוכט צו שטילן מיט זיין אומדערמידלעכער אַרבעט אַרום די קראַנקע אין געטאָ, און בעיקר — די טיפוס־קראַנקע. נאָך דער אַרבעט אין געטאָ־שפּיטאָל איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די שטיבער, ברענגענדיק מעדיצינישע הילף. אַממיינסטן האָט מען אים געטראָפן ביי די אָרעמסטע ייִדן, וואָס האָבן באַזונדערש שווער געקאָנט זיך אַן עצה געבן. הונגער, קעלט, נויט, טויטפאַלן... און די מעגלעכקייט צו העלפן — אָן דער בייטיקער מעדיצין, אָן סאַניטאַרע באַדינגונגען. פלעגט דער פעלדשער אָפט אַריינפאַלן אין אַ ייִאוש.

נאָכן קומען פון די וויזיטן אין די ענגע, מיט איינוווינערס איבער־פולטע געטאָ־שטיבלעך איז ער געווען פיזיש און גייסטיק צעבראָכן. די טיפוס־מגפה האָט ממש אָנגעגריפן, צעוויטיקט זיין פילוודיק ייִדיש האַרץ. ער האָט קלאָר געזען, ווי דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן גייט אונטער, שרייט פון פאַרצווייפלונג, און קיין רעטונג איז נישטאָ. אין אָנבליק פון דעם אַלעם האָט ער זיך דערפילט אַזוי שוואַך און אומ־באַהאָלפן.

דאָס אָפטע קלאַפּן אין זיין טיר פלעגט איבעררייסן זיינע טרויע־

ריקע מחשבות. צום קלאַפּן אין טיר האָט דער פעלדשער זיך צו־געוווינט, ווי צום קלאַפּן פונעם וואַנטזייגער. דאָ, הינטער דער טיר, האָבן זיך צונויפגעקומען די בלייכע און דערשלאָגענע וויזיטן־באַשטעלערס, שכנים און קרובים פון קראַנקע מיט באַריכטן וועגן מצב פונעם חולה. אַנדערע באַזוכערס זענען געקומען לייען אַ גומי־פלאַש, בעטן אַן אַנטי־טיפוס־איינשפּריצונג. ווי ער וואָלט זיך אַ נדר־געטאָן צו העלפן יעדן איינעם טראָגן דעם ביטערן יאָך פונעם געטאָ־לעבן, האָט ער זיך באַמיט אַנטקעגנצוקומען די בקשות פון די מענטשן.

כדאי צו דערמאָנען כאָטש איינעם פון די סך קאָנקרעטע מע־שים, וואָס זאָגן עדות וועגן דער איידעלער נשמה און מענטשלעכער גרויסקייט פון דעם רופא־חולים אַהרן וואָנס.

אין אַ קליין קיכל האָט געוווינט אין געטאָ אַ פּליטים־משפּחה. ווען די טיפוס־עפּידעמיע האָט זיך פאַרשפּרייט, האָט זי קודם־כל אַרומגעכאַפּט די ענג־באַוווינטע ערטער פון די פּליטים. וואָנס האָט זיי אַלע באַהאַנדלט.

אויך ביי דער משפּחה ענגעל האָט ער די קראַנקע געהיילט מיט מסירת־נפש און ממש באַוויזן אַ נס: געשטעלט אויף די פיס אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה, אויסער דעם פאָטער, ביי וועמען די קראַנקייט האָט זיך קאָמפּליצירט און ס'איז נישט מעגלעך געווען אים צו ראַטעווען.

וואָנס האָט געוווּסט, ווער עס זענען אין געטאָ די איבערגעגעבענע פריינד פון דער משפּחה ענגעל. איז ער אין אַ פראָסטיקן ווינטערטאָג אַריין צו איינעם פון זיי, וואָס איז געלעגן שווער קראַנק. געווען איז ער לייכט אָנגעטאָן און אַזש געציטערט פון קעלט. אָוועקגעשטעלט זיין וואַליזקעלע, געריבן די אָנגעפרוירענע אויערן און קוים אַרויס־גערעדט:

— אַ שוואַרץ יאָר אויף די דייטשן! ס'איז שוין ווי און ווינד צו זיי, אַז אונדזערע יידישע פעלצן דאַרפן זיי וואַרעמען אין די פרעסט. גיי, פיל אויס זייער פאָדערונג: אָפּגעבן זיי אַלע פוטערס. אַלע יאָרן אָפּגעטראָגן מיין פוטער, ערשט נעם, גיב אים אַוועק. איך קאָן זיי

אַוועקגעבן אַלע קרענק פֿון מיינע פּאַציענטן. דעם פֿוטער האָב איך גוט אויסגעבאַהאַלטן. זאָל ער בעסער וואַרעמען די קאַלטע ערד אין קעלער, איידער די דייטשן...

איבערהאַקנדיק די רייד האָט ער אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ פּעקעלע.

— דאָס איז — האָט ער געוויזן אויפֿן פּעקעלע — דער האָנאָראַר פֿון מיינע וויזיטן ביי דער משפּחה ענגעל. נעמט, באַשטעלט דערפֿאַר אַ קאָנסיליום פֿון דאָקטוירים. דאָס וועט אויך סטייען אויף איינקויפֿן רפֿואות אויסערן געטאָ.

ווען מ'האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס געלט, האָט ער מיט אַ באַפֿעלערישן טאָן געזאָגט:

— נעמט דאָס געלט! איך ווייס, אַז דאָס האָבן גוטע מענטשן צונויפֿגעקליבן פֿאַר די ענגעלס. אַזאַ געלט טאָר איך אין געטאָ נישט פֿאַרניצן פֿאַר זיך.

ער האָט האַסטיק געכאַפּט זיין וואַליזקעלע און זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער צו זיינע פּאַציענטן — אין שניי און פֿראָסט.

אַהרן וואַנס' מעדיצינישע טעטיקייט אין געטאָ איז געווען פֿול מיט אַ סך שטילע, שיינע מעשׂים, פֿון וועלכע נאָר ווייניקע האָבן געוווּסט. אָבער ווען די טיפֿוס־עפּידעמיע איז איינגעשטילט געוואָרן, האָבן ייִדן צווישן זיך אַ סך גערעדט וועגן דעם פֿעלדשער און זיינע אויפֿטוען פֿאַר די געטאָ־קראַנקע, וועגן זיין חלק אין ליקווידירן די שרעקלעכע מגפֿה. באַזונדערש צווישן די פּליטים האָט מען מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנט די איבערמענטשלעכע איבערגעגעבנקייט פֿון ייִדישן פֿעלדשער פֿאַר אָרעמע, געטרודפּטע ייִדן.

נאָך דער ליקווידאַציע פֿון סאָקאָלאָווער געטאָ האָט דער פֿעלדשער באַדינט די ייִדן אין קורטשעווער לאַגער, וואָס די דייטשן האָבן אויפֿ־געשטעלט לעבן שטעטל. וועגן דעם פֿאַרלענד פֿון די סאָקאָלאָווער ייִדן אין אָט דעם לאַגער לויטן רוצחישן פּלאַן פֿון דעם טרויעריק באַקאַנטן פֿון פֿריִער דאָקטאָר הערמאַן, איז כדי צו דערציילן.

נאָך הערמאַנס לעצטן באַזוך אין לאַגער, האָבן זיך אַ סך פֿון די

ייִדן נישט געמאַכט קיין אילוזיעס. די סקעפּטיקער האָבן געוווּסט ווי זיך צו באַציִען צו זייִנע פאַרזיכערונגען. זיי האָבן געפילט, אַז דער חלף הענגט איבערן קאָפּ. אָבער מענטשן ווילן נישט צולאָזן צו זיך קיין שלעכטע מחשבות. די לויט הערמאַנס באַפעל אויסגעגראָבענע הינטערן לאַגער טיפע גריבער אויף צו האַלטן ווינטער קאַרטאָפל... מען האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַ מענטש מיט אַ דאָקטער־טיטול קאָן אָפּנאַרן. און ער האָט אָפּגענאַרט. דאָס זענען געווען מאַסן־קברים, וואָס האָבן פאַרשלונגען די לאַגער־אַסירים ———

אויף אַן אויסטערלישן אופן האָט דער שרייבער פון די שורות זיך דערוווּסט פּרטים וועגן טראַגישן סוף פון די ייִדן אין קורטשעווער לאַגער.

געפינענדיק זיך אין דייטשלאַנד אויף צוואַנגאַרבעט ווי אַ פּאָליאַק צווישן פּאָליאַקן, איז געווען דעם מחברס אַ שכן אין באַראַק איינער, סטאַניסלאַוו כאַמעלאַנטשיק. דערוויסנדיק זיך אַז ער שטאַמט פון קורטשעווער געגנט, האָט דער מחבר אים אַרויפגעפירט אויף אַ געשפּרעך וועגן גורל פון די ייִדן אין קורטשעווער לאַגער. זיין דער־ציילונג קען באַטראַכט ווערן ווי די באַגלייבטסטע גבית־עדות.

כאַמעלאַנטשיק האָט דערציילט:

— איך בין געווען איינער פון די פּוילישע אויפזעערס איבער די ייִדן ביי דער אַרבעט. דעם 26סטן נאָוועמבער 1942 בין איך, ווי יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט געקומען אָפּצונעמען די גרופּע ייִדישע אַרבעטער. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צום לאַגער, האָב איך דערזען מיליטערישע אויטאָס מיט שווערן מאַשין־געווער, גרייט צום שיסן. אַרום דעם לאַגערצוים זענען געדיכט געשטאַנען באַ־וואָפנטע וואַכן פון אוקראַיִנער און פון דער זאָנדערדינסט. איך בין צו זיי צוגעקומען און אויפגעקלערט דעם ציל פון מיין קומען אַהער. מיט שפּאָט האָבן זיי מיר געענטפערט: „קוק זיך גוט איין, וועסטו זען וואָס מיר מאַכן פון די ייִדן". איך האָב זיך דערנענטערט צו די דראָטן און דערזען, ווי אַרום יעדן באַראַק וווּ די ייִדן זענען געווען פאַרשפּאַרט, זענען געשטאַנען באַוואָפנטע סאָלדאַטן אין קאַמף־גרייט־

קייט. אַנדערע האָבן גרופּעסווייז אַרויסגעפירט ייִדן צו די אָפענע גרוי־בער, ווו עס זענען געשטאַנען צענדליקער אוקראַיִנער אין גרינע מונדירן. מיט אייזערנע פרעגנטן האָבן זיי געהאַקט איבער די קעפּ פון די קרבנות. נאָך אַזאַ זעץ איבערן קאָפּ איז דער ייִד אַריינגעפאַלן אין גרוב.

דאָקטאָר הערמאַן האָט אָנגעפירט מיט דער רציחה. ער איז אַרומ־געלאָפן פון גרוב צו גרוב און אָנגעוויזן די שלעגערס צו בייטן די ערטער, כּדי די גריבער זאָלן גלייכמעסיק אָנגעפילט ווערן מיט די טויטע קערפּערס. ביים אָנהייב פון דער אַקציע האָט הערמאַן נישט געלאָזט באַנוצן קיין הייס געווער, כּדי די לאַגער־מענטשן וואָס גע־פינען זיך נאָך אין די באַראַקן, זאָלן זיך נישט אָריענטירן וואָס דאָ געשעט, אַז מען פירט זיי צום טויט ביי די אָפענע גריבער. גיך האָבן אָבער די ייִדן דערפילט וואָס עס קומט פאָר. פון די באַראַקן האָבן זיך מיט אַ מאָל דערטראָגן געשרייען. ס'האָט אויסגעזען ווי די אינעווייניק פאַרשפּאַרטע מענטשן וועלן דורכרייסן די ווענט, וועלן זיך אַרויסרייסן פון די באַראַקן. דאָקטאָר הערמאַן האָט געגעבן אַ באַפעל און גלייך האָט אַ קוילן־האָגל פון שווערע מאַשין־געווער זיך אַ שאָט געטאָן אויף די באַראַקן. דער פריִערדיקער פאַרצווייפלונג־אויפבּרויז פון די ייִדן האָט זיך איינגעשטילט. מען האָט איצט געהערט גסיסה־קרעכצן פון פאַרוווּנדיקטע. די פאַרטיליקונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען. ווידער האָבן אוקראַיִנער און די זאָנדערדינסט־טרופּן אַרויסגעשלעפּט די ייִדן פון די באַראַקן און מיט באַגנעטן אויף די ביקסן געשטויסן זיי צו די גריבער. די ייִדן האָבן אויסגעזען פאַרלוירן און מאַכטלאָז. מ'האָט אויך געזען ייִדן, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, געשאָלטן, נישט געלאָזט זיך טרייבן. די זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט. ביי די גריבער האָט דאָס האַקן איבער די קעפּ געדויערט שעהענלאַנג. אין דעם פּראַסטיקן ווינטערטאָג האָט דאָס ביי זיי אויסגעזען ווי אַן אַרבעט זיך צו דערוואַרעמען. ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן, ווי הונדערטער מענטשן פאַלן ווי אונטערגעהאַקטע ביימער, און די גרוי־בער ווערן פאַרפולט מיט טויטע און נאָך לעבעדיקע, זיך צאַפּלענדיקע

קערפּערס. איך האָב מער נישט געוואָלט קוקן, בין אַוועק צוריק אין דאָרף אַריין.

שפּעטער האָט מען ביי אונדז אין דאָרף דערציילט, אַז אַזוי ווי דער ווינטערטאָג איז געווען קורץ פאַר אַזאַ מאַסן־פאַרטיליקונג, האָבן די דייטשן לסוף באַנוצט מאַשין־געווער און דערמיט צוגעאיילט דאָס אומברענגען אַלע לאַגער־ייִדן. פּאָליאַקן פון דער געגנט זענען דערנאָך גערופן געוואָרן מיט לאָפּעטעס צו פאַרשיטן די גריבער. דער גאַנצער לאַגער־שטח האָט אויסגעזען ווי אַ שעכטהויז. דער שניי איז געווען באַדעקט מיט קאָלוזשעס בלוט. די טריט פון טויזנטער פיס אין ווייס־רויטן שניי זענען געבליבן, ווי די לעצטע סימנים פון דעם מאַסנמאָרד אין קורטשעווער אַרבעטס־לאַגער — — —

*

צווישן די קרבנות פון אָט דער שוידערלעכער רציחה איז אויך געווען דער האַרציקער מענטש און מסירת־נפשדיקער רופא־חולים פון די ייִדן אין געטאָ און לאַגער — אַהרן וואַגנס.

דער פוח צו לעבן

אַ פרייטיק־פאַרנאַכט אין בלאַשקער געטאָ. נאָך די לעצטע כאַ־פּערייען און פאַרשיקונגען האָט אויסגעזען דער ערב־שבת אַן איינ־געשטילטער. פאַר דער מאַמען זיינער, די אַלמנה פון בלאַשקער רב, ר׳ יואל פוקס ז״ל, האָט איר זון, דוד, געבראַנגט פון דער אַרבעט אַ באַזונדערש דערפרייענדיקע מתנה — צוויי ליכטלעך.

„זי האָט ליכט! זי האָט ליכט!" — האָט די פרומע רביצין, הינדע, געמורמלט צו זיך. נישט איין מאָל האָט זי זיך געווונטשן, דער איבערשטער זאָל איר העלפן, זי זאָל ווידער קענען מאַכן אַ ברכה איבער געצונדענע ליכט. האָט גאָט געהאָלפן... ווען זי האָט זיך אָנ־געטראָפן מיט דודס אויגן, האָט זי זיך דערמאָנט: מען דאַרף אים געבן עסן.

— באַלד, מיין זון, מיר וועלן באַלד עסן. פריִער אָבער דאַרף איך בענטשן ליכט.

ליכט בענטשן! אַ מאָל, סך־הכּל איז עס נישט מער ווי עטלעכע יאָר, פון פאַרן קריג ביז צו דער געטאָ, געדענקט דוד די מאַמע זיינע יעדן ערב־שבת מיט די הענט איבערן פּנים ביי די געצונדענע ליכט. אָבער שוין לאַנג ווי זי טוט עס נישט. און קלאָר פאַר וואָס. היינט האָט ער איר פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד אין מיטן אירע פאַר־אומערטע טעג. ער האָט נאָכגעקוקט איר יעדן קער און ווענד: זי האָט אַרויפגעצויגן אַ טיכל אויפן קאָפּ, טיף איבערן שטערן, מיט אַ ציטע־ריקער האַנט אָנגעצונדן אין די אָפּגעפּוצטע לייכטערס איין ליכטל, דערנאָך דאָס צווייטע. אַנטקעגן ביידע האָט זי פאַרשטעלט איר פּנים מיט די הענט און... פון די אָפּגעדעקטע אויגן אויסגעווישט אַ פאַר־בליבענע טרער און גערעדט צום רבונו־של־עולם:

— אין זכות פון ליכט־בענטשן זאָלסטו, גאָט אין הימל, אונדז באַשירעמען, עס זאָל נישט פינצטער ווערן דאָס ליכט אין די ייִדישע שטובן, דאָס ליכט פון מיר און פון מיין דודן, וואָס האָט דאָס ליכט מיר אַריינגעבראַכט אין פינצטערן געטאָ. אַ נשמה־ליכט, אַ יאָרצייט־ליכט פאַר מיין מאַן, פאַר זיין טאַטן, זכרונו לברכה...

פון דודן האָט זיך דערהערט אַ טיפער קרעכץ. די מאַמע האָט אויפגעציטערט:

— גענוג, מיין זון, קרעכץ נישט. שבת טאָר מען נישט קרעכצן, און ס'איז שוין באַלד שבת. זע, מיין זון, זיי ברענען, די קליינע ליכט־לעך. נאָך ליכטיקער ווי יענע גרויסע, פון אַ מאָל, אַ מאָל... נו, איצט וועלן מיר עסן די אמתע שבתדיקע סעודה... וואָס די הענט, אָט איז אַ שטיקל ברויט, כ'האָב נאָך אַ ביסל מאַרמעלאַד פון רויטע בורעקלעך און איבערן כּוס רויטן באַרשטש מאַך קידוש אָן דער ברכה איבער וויין. און דערנאָך — קניידלעך פון דעם ביסעלע צע־ריבענע קאָרענע קערנער. און וועסט פאַרבייסן מיט דעם צעריבענעם קילעריב, און גאָט צו דאַנקען פאַר דעם...

— און דו, מאַמע?

— באַלד, דוד, איכ'ל באַלד עסן, קוק נישט אויף מיר. איך וועל זיך אויך נישט פאַרטיילן. עס, מיין זון.

אַ גאַנצן טאָג ביים גראָבן די ערד האָט דוד געהונגערט. האָט ער איצט געקייט וואָס די מאַמע האָט אַלץ געהאַט פאַר אים אויס־געשטעלט אויפן טיש. ער האָט גיך געשלונגען און געקוקט אויף דער מאַמען און געזען: די הענט, פאַרלייגט אויפן בוזעם, איז זי געזעסן און געקוקט אויף די צאַנקענדיקע ליכטלעך, איבער אירע באַקן האָבן זיך געקייקלט טרערן. און זי האָט דאָך אַליין פריִער געזאָגט, אַז מ'טאָר נישט וויינען, ס'איז שבת. די מאַמע... שווער זי צו פאַרשטיין.

דער הייליקער שבת האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער אַמאָליקער רבנישער שטוב אינעם איצטיקן געטאָ. הינדע, די פריִערדיקע רביצין, האָט דאָס מאָל באַגעגנט דעם שבת מיט שוין פון לאַנג נישט געצוונ־

דענע ליכט. איז גרינג געווען איר געמיט, ווי דאָס שבתדיקע ליכט־צינדן וואָלט זי באַפרייט פון אַלע געטאָ־צרות. מקבל־שבת זיין, הנאה האָבן, לויבן און דאַנקען דעם אייבערשטן ביי די געצונדענע ליכט דאַרף מען, און מען מוז...

*

די שטילקייט פון זומערדיקן פאַרטאָג איז צעשטערט געוואָרן פון געשרייען אין די שכנותדיקע הייזער. דוד און זיין מאַמע האָבן פון אָט די געשרייען אויפגעריסן די אויגן. אויגן און אויערן האָבן זיך אָנגעשטעלט: וואָס איז ווידער געשען? נעכטן געווען אַן אַקציע, די געטאָ איז שיטערער געוואָרן, אַרויסגעשלעפּט אַזוי פיל ייִדן. און ווידער אַ בראָך?

דודס אויגן האָבן געקלעפּט צו דער פענצטערשויב, צו די שפּאַלטן אין לאָדן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיצט צו דערזען עפּעס פון דעם, וואָס דאָרטן געשעט. ער האָט אַרויסגעשטעקט אַ שפּיץ פון פּנים. ס'איז געוואָרן שטילער. די פריערדיקע געשרייען זענען אַריבער אין שטילע קרעכצן. ס'זעט נישט אויס ווי אַן אַקציע. פון דעסטוועגן איז דאָרטן עפּעס געשען...

דוד איז פאַרזיכטיק אַרויסגעגאַנגען פאַר דער שוועל. נאָר דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט און זיך צוריקגעצויגן. עטלעכע צעיושעטע יונגען זענען אַרויסגעלאָפן פון די שכנותדיקע שטובן... דוד איז אַריין צוריק אין שטוב. דערפילנדיק אויף זיך זיין מאַמעס אויגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אונדזער לעבן איז הפקר...

— וואָס איז געשען? וואָס האָסטו געזען?

— אויף דער גאַס ליגן עטלעכע ייִדן. וואָס, ווען, וויס איך נישט, אָבער דער טויט שטייט פאַר די אויגן...

טונקעלע געשטאַלטן זענען געלאָפן איבער די געטאָגאַסן, אַריין און אַרויס אין ייִדישע הייזער. יאָמערלעכע געשרייען האָבן זיך פון דאָרטן צעטראָגן. אַ בהלה האָט אַרומגעכאַפּט די געטאָ. דוד איז באַהערשט געוואָרן פון פיינלעכע געדאַנקען: נעכטן געלעגן אין אַ זי־

כּערער באַהעלטעניש. אַלע האָבן געמיינט, אַז נאָך דער אַקציע וועט ווערן שטיל, און דאָ — ווידער טויט און בלוט... שווער צו לאָזן אַליין די מאַמע, די אַלמנה. און ער האָט זיין יונג לעבן נישט געוואָלט אויסשטעלן אויף הפקר. די רביצין האָט געפילט וואָס עס טוט זיך אין איר זונס האַרץ. האָט זי מיט אַ געבראָכענער שטים געזאָגט צו אים:

— דוד, פּאַק איין דאָס נייטיקסטע און ראַטעווע דיין לעבן.

— מאַמע... מאַמע...

מער האָט דוד נישט געקענט אַרויסרעדן.

— לאָז מיך אַליין — האָט די רביצין עטלעכע מאָל איבער־געחזרט:

די גאַנצע צייט האָט זי נישט געגלייבט, אַז עס קען דערגיין ביז אויסהרגענען די ייִדן. גאָט וועט צו דעם נישט דערלאָזן, האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן. נאָר די לעצטע געשעענישן אין געטאָ האָבן זי אין גאַנצן דערדריקט. אַ פּאַרטייעטע האָט זי אָן איבעררייס געמורמלט תּפילות און געוואַרט... געוואַרט, איר געבעט זאָל דערהערט ווערן.

אַ שכן איז אָנגעלאָפן, אָפּגעשפּאַרט די טיר און אַריינגעשריגן:

— זיצט נישט מער אין שטוב! צי ווייסט איר וואָס עס טוט זיך אין געטאָ?

די רביצין האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, צוגעגאַנגען צו דודן, אים געשטויסן צו דער טיר:

— לאָז מיך אַליין, ראַטעווע זיך!

דוד האָט אַ לעצטן קוק געגעבן אויף דער מאַמען, זי אַרומגענו־מען, נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט...

אויף די גאַסן האָבן געווילדעוועט רוצחים. געשרייען, גוואַלדן האָבן אים ווי פאַרשטעלט דעם וועג. איז ער אַריין צו אַ שכן און איבערגעוואַרט אין אַ קעלער ביז ס'איז שטיל געוואָרן. צוריקגעקומען אין שטוב האָט ער די מאַמען געפונען אַ טויטע.

*

אין וואַלד אַריין! אַט דער געדאַנק האָט אים געטריבן פון געטאָ. אַליין איז ער אַרויס, אָן אַ דאָקומענט, אָן באַקאַנטשאַפט, מיט זיך האָט ער מיטגענומען בלויז אַ „גוטן אויסזען", אַ גוטע שפּראַך און אויפן קאָפּ — אַ גוייִש היטל.

די ייִדן אין געטאָ האָבן די גאַנצע צייט, ביז דער לעצטער מינוט געקעמפט פאַרן לעבן. נאָר ווען די מינוט קומט און זיי דערזעען דעם טויט, האָבן זיי נישט מיט וואָס ווייטער צו קעמפן, און בלויז יחידים זענען גרייט צו קעמפן מיט ליידיקע הענט. נישט אין געטאָ גופא, וועלן זיי גיין אין וואַלד. נישט מיט קיין געווער, איז מיטן צאַרן פון הארץ. דוד איז געווען אַזאַ.

דער וועג צום וואַלד איז געווען אַ קורצער. דוד איז אין אים אַריין אַלץ טיפער. קיין ייִדן האָט ער זיך נישט געריכט צו טרעפן. דערפאַר איז אים אַנטקעגן געקומען אַ פּאַטרול פון פּוילישע אַ־קאַ־פּאַרטיזאַנער.

— ווער ביסטו? — האָבן עטלעכע באַוואָפנטע לייט אים אַרומגערינגלט.

— איך בין אַן אַנטלאָפענער פּאַליאַק פון קאַלישער געגנט. די דייטשן אַרעסטירן און פאַרשיקן די אומדזעריקע אין לאַגערן.

— ווי הייסטו?

— יוזעף זאַבאַראַווסקי.

— ווייז דיין דאָקומענט.

— קוים אַנטלאָפן. נישט באַוויזן גאַרנישט נעמען מיט זיך.

— אָן אַ דאָקומענט, אָן געווער? וואָס זוכסטו אין וואַלד?

— איך וויל קעמפן קעגן די דייטשן. איך בין גרייט אויסצופירן אַלע באַפעלן.

אַ בייזע שטים האָט אים איבערגעהאַקט:

— אַזוי ווי דו זעסט אויס, נעמען מיר דיך אָן פאַר אַ פאַרדעכטיקן...

— איך, יוזעף זאַבאַראַווסקי, אַ פאַרפאָלגטער פון די דייטשן,

זע אויס פּאַרדעכטיק? אַזוי רעדן ברידער פּאָליאַקן צו אַ פּאָליאַק?

— קום מיט אונדז צום קאָמענדאַנט. זאָל ער באַשטימען וואָס מיט דיר צו טאָן.

לעבן אַ שייטער פון וועלכן ס'האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון געבראָטן פליש, האָט זיך אויפגעשטעלט איינער, האַלב מיליטעריש אָנגעטאָן, וועמען די פּאַטרולליט האָבן, שטייף אויסגעצויגענע, סאַלוטירט און געמאָלדן וועגן דעם פאַרהאַלטענעם אין וואַלד, וואָס האָט נישט קיין דאָקומענטן.

נאָך דעם קורצן געשפּרעך צווישן זיי האָט דער קאָמענדאַנט, אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף דעם פאַרהאַלטענעם, פאַראָרדנט אים צופירן צום ראַנד פון וואַלד. מיט געווער און מיט אַ דאָקומענט מעג ער צוריקקומען.

דוד האָט זיך ווידער געפונען אויף הפקר. גוט וואָס ער איז אַרויס אַ גאַנצער פון דער באַגעגעניש אין וואַלד. אָבער אין האַלדז איז אים אַזוי ענג, און דער קאָפּ שפּאַלט זיך אים פון קלערן: וווּ זאָל ער גיין? צוריק אין געטאָ? צו דער חיה־רעה? דאָס קומט נישט אין באַטראַכט. וווּ טוט מען זיך אַהין?

עס זענען צו אים געווען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז טעטיק אַן אונטערערדישע קאַמף־באַוועגונג. איז ער געקומען צו אַ באַן־סטאַציע, אויסגעקויפט אַ בילעט קיין ביאַליסטאָק און אין וואַגאָן זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל מיט זעק און פעק. גערעדט צו די מענטשן לעבן די באַגאַזשן מיט דער שפּראַך, ווי אַ געניטער שמוגלער. אַ יונגע פויערטע, שטאָטיש אָנגעטאָן, האָט אין „יוזעפס" באַרעדעוודיקייט זיך אָנגעכאַפּט אים אויסצונוצן פאַר איר שמוגל מיט דער געטאָ.

דערוויילע האָט ער טועם געווען פון איר פעטן מאַלצייט. ער, „יוזעף", האָט געדאַרפט באַגלייטן די גויע ביז די געהיימע ערטער ביים געטאָצוים. בכדי זיך איינצוקויפן צוטרוי, האָט דוד—יוזעף דערציילט קוריאָזן פון זיינע יאַזדעס ווי אַ שמוגלער, פון וואָס די צוהערערס האָבן זיך גוט אונטערגעהאַלטן. אין אַזאַ שטימונג זענען זיי

אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, פאַרפאָרן מיט די פּעק צו דער גויעס סטאַבילער מאַלינע פאַר איר שמוגל.

די ערשטע איבערגעלעבטע טעג אויף דער אַרישער זייט האָבן געשטאַרקט זיין מוט. און אַט איז ער שוין אין ביאַליסטאָקער געטאָ. גרויס, אין פאַרגלייך מיט דער געטאָ אין זיין שטעטל. דערווייל איז דאָ רויִק אָבער דוד איז שוין געפּרוּווט געוואָרן מיט אַזעלכע „רויִקע" טעג אין זיין געטאָ. זוכט ער דערווייל אַ שטיקל אָנהאַלט אין נייעם אָרט און געפינט אַ קאָנטאַקט מיט די וואָס פאַרנעמען זיך מיט קאָנספּיראַציע.

פאַר די מענטשן פון דער יִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט דוד נישט געדאַרפט, ווי ביי די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, זיך לעגיטי־מירן. דאָ איז אים גענוג געווען זיין יִדיש־לשון, כּדי מ׳זאָל אים געבן הילף. מען האָט אים באַזאָרגט מיט אַן „אַרישן" דאָקומענט און מיט אינפאָרמאַציעס, ווו צו שטעלן די ערשטע טריט נאָך דעם ווי ער וועט אַרויסגיין פון געטאָ.

דוד האָט באַקומען אַ דאָקומענט, צוזאַמען מיט אַ מיידל וואָס האָט געדאַרפט אָנגיין פאַר זיין „ווייב", און געדאַרפט זאָרגן פאַר איר. ער איז גרייט געווען אויסצופּילן אַלע באַפעלן, אָבער דער דאַזיקער באַפעל האָט אים באַלד פון אָנהייב געשראָקן צוליב דעם מיידלס נישט פּאַסיקן „אויסזען" פאַר „האַלינאַ וואָראָנוסקאַ". די טונקעלע האָר, איר באַחנט יִדיש פּנים און דער באַהאַלטענער שרעק אין אירע ברוינע אויגן האָבן אויף אים אָנגעיאָגט אַ פּחד. אָבער אַ באַפעל איז אַ באַפעל. דער טערמין צו פאַרלאָזן די געטאָ איז געווען אַ קורצער און אַ שטרענגער. די אונטערערד־מענטשן האָבן שוין געוווּסט, אַז די שעהען זענען געציילטע. אַלע געהיימע קאַמף־פּאָזיציעס האָבן געמוזט ווערן פאַרנומען.

ווען בײדע זענען בשלום אַריבער די צוים, איז אין געטאָ די לאַגע געווען געשפּאַנט. אויף דער אַרישער זייט אין שטאָט האָט דאָס לעבן אויסגעזען נאָרמאַל. זייער אָנקומען אין אַ ביליקן האָטעל איז געווען אָן שוועריקייטן. נאָר דאָ, גלייך אין ערשטן טאָג, האָבן זיי איבער־

געלעבט צוויי איבערראַשונגען: פון געטאָ האָט מען דערהערט אַפּהילכן פון אַ שיסעריי, וואָס ביי די געסט אין האָטעל האָט עס נישט אַרויס־גערופן קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. נאָר אין זיי ביידע — אַ באַהאַלטענער אומרו וואָס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליבן פאַרדעכטיקן נאָכקוקן „האַלינאַן״ פון די האָטעל־אייגנטימערס און זייער לייכטן רמז וועגן איר באַזונדערן אויסזען... איז עס פּאַר דודן געווען דער ערשטער סיגנאַל וואָס גיכער פון דאַנען זיך אָפּ־צוטראָגן. זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין אין דייטשישן אַרבעטסאַמט.

זי האָט זיך גוט איינגעחזרט איר נייעם נאָמען און דעם נאָמען פון איר „מאַן״, און אויך דאָס וואָס זי האָט געדאַרפט וויסן צו ענטפערן אויף די פראַגעס אין אַרבעטסאַמט. וועגן זיי האָט דוד געוווּסט פון די אָנגעזאַמלטע אינפאָרמאַציעס. דאָס האָט איר געגעבן אַ געפיל, אַז זי האָט אַן ענטפער, איז נישט אַליין.

אין ביאַליסטאָקער אַרבעטסאַמט איז פול געווען מיט געכאַפּטע פּאָליאַקן פאַרשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. ביידע האָבן זיך אויסגעמישט צווישן די פאַרזאַמלטע, דורכגעמאַכט די ערש־טע רעגיסטראַציעס, און שוין האָבן זיי זיך געפונען צווישן די גע־פירטע צו דער באַן קיין וואַרשע, אויף סקאַרזשעווסקאַ 4, אין פראַגע, דער לעצטער גרויסער זאַמלפּונקט פאַר זייער אָפּגעשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד.

ביסלעכווייז איז „האַלינאַ״ אַריין אין דער נייער ראָלע. דוד, מיט זיין דרייסטער האַלטונג, האָט נישט געדאַרפט זיך אַזוי אויסהיטן ווי זי, וואָס האָט ווייניק גערעדט און וואָס מער באַהאַלטן איר פּנים אינעם קאָפּטיכל.

אין פראַגע, צווישן די טויזנטער געכאַפּטע, האָבן ביידע זיך נישט אָנגעזען. יעדערער אויף זיין שטרויזאַק, האָט געוואַרט אויף די לעצטע פאָרמאַליטעטן פאַרן טראַנספּאָרט. זיי ביידע, דאָס איינציקע פּאָרל צווישן בלויז מענער, האָבן געצויגן אויף זיך בליקן, באַגלייט פון ביליקע ווערטלעך. דאָס האָט זיי אויסגעטיילט פון אַלעמען. צו זייער מזל האָט דאָס נישט לאַנג געדויערט. ס'איז געקומען די צייט

זיך צו שטעלן אין דער ריי צו די פוילישע באַאַמטע. „יוזעף“, צווישן די מענער, האָט זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט. אין דער מיידלשער ריי האָט עס גענומען מער צייט.

אַז „האַלינע“ האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם באַאַמטן און דערפילט אויף זיך זיין בליק, האָט איר זיך אויסגעדאַכט אַז דער וואָס האָט אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן, האָט דערהערט איר האַרץ קלאַפּן. אויף אַלע פראַגעס האָט זי געענטפערט גלאַטיק, נאָר אויף דער פראַגע: „וואָסער גלויבן?“ האָט עס געדויערט, ביז די צוויי ווערטער „רוימיש־קאַטוליש“ זענען אַרויס פון אירע צעציטערטע ליפּן. דעם באַאַמטנס אַריינקוקן זיך אין די פּאַפּירן האָט זי אויסגעלייזט פון אַ גורלדיקן דורכפאַל... דוד האָט איר דערנאָך אויפמערקזאַם געמאַכט:

— נו, איז עס שוין דער צווייטער נס...

דער וועג קיין דייטשלאַנד האָט גענומען אַ טאָג מיט אַ נאַכט. בעת דער נסיעה האָט דוד געזאָרגט, אַז זיין „קראַנק געוואָרן ווייב“ זאָל וואָס ווייניקער האָבן אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרנדיקע. „האַלינאַ“ האָט זיך אויסגעלייגט אויף אַן אייבערשטער פּאָליצע און די רוישנדיקע באַנרעדער האָבן זי איינגעוויגט אין „אַ לאַנגן שלאָף“... דאָס דערנענטערן זיך צו אַ לעבן וואָס איז פאַר זיי שווער געווען אויסצומאָלן זיך, איז נישט פריי געווען פון שווערע געפילן און אויך נישט פון פאַנטאַסטישע האָפענונגען.

אָנגעקומען אין שטאַטהאָף. זיי זענען צעטיילט געוואָרן אין באַזונדערע באַראַקן פון אַ שכנותדיקן לאַגער. ערשט דאָ, אויף דער דייטשישער ערד, וואָס האָט געדאַרפט פאַר ביידן זיין אַן אַנטרינונג פון אַלע טויט־סכנות, האָט פאַר זיי זיך אָנגעהויבן אַ נייער ביטערער געראַנגל פאַרן לעבן.

אין דער מעטאַל־פאַבריק ווו דוד איז געשיקט געוואָרן אַרבעטן, האָט „יוזעף זאַבאָראָווסקי“ נישט נושא־חן געווען ביי די פוילישע מחורים. ס'איז זיי פאַרגעקומען, אַז זיין גאַנג איז אַן אַנדערער. ער איז נישט אַזוי רירעוודיק ווי זיי, ווערט גיך פאַרמאַטערט. איינער, באַליעק,

אַ ברייט צעוואַקסענער, מיט אַ פּערדישן כּוח וואָס אין זיין פּוילישן דאָרף איז ער געווען דער אָנפירער פון אַלע אַוואַנטורעס, האָט אויך דאָ, אין דער דייטשישער פאַרשקלאַפונג, געזוכט אַ קרבן וואָס זאָל פאַר אים מורא האָבן. אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן האָט ער יאָרן געאַר־בעט ביי ייִדן, געקענט זייערע פּירעכצן. האָט ער אין דעם „יוזעפן" אויסגעפונען ענלעכע צו יענע ייִדישע פּאַוואַדקעס, אָנגעהויבן אים פאַרפאַלגן מיט חוזק־זשעסטן און שפּאָטווערטלעך. האָט עס ביידן דערפירט צו קעגנזייטיקע זידלערייען און באַליידיקונגען. דוד האָט איינגעזען, אַז נאָר מיט באַלעקס גראָבע לשון וועט ער קענען אים זיך אַנטקעגנשטעלן.

אויך איר, „האַלינאַן", האָט דאָס מזל נישט צוגעשפּילט ביי דער אַרבעט. זי איז אַריינגעפאַלן פאַר אַ שטובּ־ און קינדער־באַדינערין ביים שעף פון געהיימדינסט אין דער פּאָליציי. דער בלויזער אַדרעס מיט דעם באַרוף פון די בעלי־בתים האָט אין איר אַרויסגערופן אַ שרעק, וואָס האָט דערפירט, זי זאָל בכיוון זיך אָנמאַכן מיט קאָכעדיק וואַסער בריוונדן אויף דער האַנט.

האָבן ביידע, „יוזעף" און „האַלינאַ", יעדן טאָג געלעבט מיט פאַרטראַכטע פּלענער, ווי אַזוי צו פאַרמיידן סכנות. אין דער אַרבעט־גרופּע צווישן די פּוילישע מיידלעך האָט מען אויף „האַלינאַן" געקוקט מיט באַהאַלטענעם און צו מאָל מיט אָפענעם חשד...

אין לאַגער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ מעלדונג אַז עס ווערן ווערבירט פאַכלייט צו פאַרריכטן דעכער. דוד איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן צו דער אַרבעט. דערמיט געוואָלט פּטור ווערן פון באַליעקן. אים איז נישט איינגעפאַלן, אַז אויך באַליעק וועט זיך כאַפּן צו דער דאַזיקער אַרבעט. צו דודס ביטערער אַנ־טוישונג איז דער כוליגאַן אַריינגעפאַלן אין דער זעלבער אַרבעט־גרופּע וואָס ער.

איז עס געווען אַ גורל־זאַך וואָס ביים אויסלייגן אויף אַ דאַך דאַכלקעס איבער די לעכער נאָך די לופטאַנגריפן, האָט דוד געפונען פאַרשטעקט צווישן די הילצערנע לייסטן אַ זעקעלע מיט תּפילין.

קענטיק, ייִדן האָבן געוווינט אין דעם הויז. האָט אַ צאַפּל געטאָן דודס האַרץ. מיט אַ פֿאַרכטיק געפֿיל האָט ער געדריקט אין האַנט דאָס פֿאַרשעמטע הייליקייט...

אָבסערווירנדיק דודן ביי אַלע זיינע טוונגען, האָט באַליעק אים געכאַפּט מיטן פֿאַרקוועטשטן תּפֿילין־זעקעלע אין האַנט. ווי אַ קאַץ, מיט שטילע טריט, האָט דער גזלן זיך צוגעשאַרט צו דודן און מיט אַ צופֿרידענעם פּרצוף געפֿרעגט:

— וויפֿל מאָל האָסטו מיט דעם זיך שוין געמאָדליעט? איינס אויפֿן קאָפּ און דאָס צווייטע אויף דער האַנט... גוט אַזוי! איצט וועסטו פֿון מיינע הענט זיך שוין נישט אַרויסבאַקומען...

דוד האָט גלייך באַנומען וואָס מיט אים איז דאָ געשען, איז ער אויפֿן קול באַפֿאַלן באַליעקן מיט אַ שפּראַך, וואָס אַזאַ גאַסניונג האָט געקענט פֿאַרשטיין.

ווען אַלע זענען נאָך דער אַרבעט אַראָפּ פֿון די דעכער, האָט זיך ערשט רעכט באַליעקס יוכע צעפֿלאַקערט. מיט אויפֿגעלאָפֿענע אָדערן אויפֿן האַלדז האָט דוד איבערגעשריגן באַליעקס דראָענדיקער לייבנשטים:

— ער — האָט זיין פֿינגער אָנגעוויזן אויף באַליעקן — איז אַ מאַסקירטער ייִד. איך, יוזעף, האָב נישט געוווּסט וואָס אין דער טאָרבקע געפֿינט זיך, און ער ווייסט גענוי צו וואָס מ׳ניצט דאָס. ווער איז דער „זשיד״? אין זיין מאַמען אַריין!

נאָך דער קריגעריי זענען בײדע פֿאַרשטומט געוואָרן. באַליעק, מיט כּוונות צו מאַכן ווייטערדיקע אָנגריפֿן, און דוד, מיט אַ צעשראָקן האַרץ...

האָבן פֿאַר דודן מיט „האַלינאַן״ זיך געצויגן פּינצטערע טעג און שלאָפֿלאָזע נעכט. קיין אויסוועג פֿון זייער לאַגע האָבן ביידע נישט געזען. דודן איז נאָכגעגאַנגען באַליעקס שאָטן און איר, „האַלינאַן״ — די אויגן פֿון די פּוילישע מיידלעך... איז זי אין אַ טאָג געקומען צו דודן, אים פֿאַרטרויט, אַז זי מוז מאַכן אַ סוף צו איר לעבן. זי קען עס מער נישט איבערטראָגן. זי פֿילט, האָט „האַלינאַ״ געקוקט אויף

דודן מיט אירע גרויסע, אויפגעריסענע אויגן, אַז זי גייט פון זינען אַראָפּ. נאָך וואָס דאָס מאַטערן זיך? יעדן טאָג וואַרטן אויפן טויט? דאָרטן אין געטאָ, האָט זי געקענט שטאַרבן צוזאַמען מיט די אויפשטענדלערס אויף באַריקאַדעס. דאָ, דערוואַרט זי אומצוקומען ווי אַ הונט...

דוד האָט מיט איר איינגעטענהט, אַז כּל־זמן מען האַלט אָפן די אויגן, טאָר מען נישט פאַרלירן די האָפענונג, אַפילו ביים ראַנד פון קבר דאַרף מען זיך ראַנגלען פאַרן לעבן. ליידן און לעבן, ביז מען קען...

— איך קען שוין נישט מער... — האָט גלייך אַרויסגעפּלאַצט „האַלינאַ".

— דו מוזסט קענען! פאַרליר נישט דעם קאָפּ! אין געטאָ וואָלסטו זיך געראַנגלט פאַר אַ העלדישן טויט. דאָ מוזסטו זיך ראַנגלען פאַר אַ העלדישן לעבן!

„האַלינאַ" איז אַוועק פון דודן מיט דער זעלבער שטימונג ווי זי איז געקומען. אָבער ער האָט געמיינט אַז זיינע רייד האָבן אויף איר געווירקט. און דאָס האָט אים באַרויִקט.

צווישן דודס שכנים איז באָגוסלאַוו געווען דער מער אָנגעזעענער צוליב זיין עלטער און מיט זיין סאָליד רעדן. בעת באָליעקס און „יוזעפס" קריגערייען האָט ער זיך געהאַלטן אין אַ זייט. באָליעקן האָט ער נישט פאַרטראָגן צוליב זיינע פּראָסטע שטיק, און צו „יוזעפן" האָט ער נישט געוואָלט זיך דערנעענטערן, כּדי נישט אַרויסרופן קיין רייד וועגן שטעלן זיך אויף איין זייט. איז ער געווען, אַזוי צו זאָגן, נייטראַל אויך ביי אַנדערע שטרייטן צווישן די לאַגער־שכנים. האָט ווער יאָ אַ מאָל געהערט פון אים אַ וואָרט, האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערן כּבוד — צו ווערן געשעצט פון דעם פרומען און שטילן באָגוסלאַוו.

אַז ער האָט „יוזעפן" געבעטן מאַכן פאַר אים ביי זיין שלאָסער־אַרבעט אַ בלעכן קעסטעלע פאַר זיינע קליינקייטן, וואָס ליגן ביי אים צעוואָרפן אין שאַפּקע, האָט דוד זיך דערפרייט, ווייל דורך דעם

וועט ער מיט באַגוסלאַוון ווערן אַ ביסל פֿאַרהיימישט און געווינען אַלעמענס אָנערקענונג. האָט „יוזעף" פֿון וואַרשטאַט טאַקע געבּרענגט אַ צוגעשניטן און אויסגעפּאַרמירט שטיקל בלעך, און באַגוסלאַוו האָט פֿון מאַגאַזין ווו ער האָט געאַרבעט, געבּרענגט צוויי פּיילעכלעך אויס־צופּאַרטיקן דאָס קעסטעלע.

„יוזעף" האָט זיינס געטאָן און באַגוסלאַוון איבערגעגעבן די מתּנה. די צוויי פּיילעכלעך וואָס באַגוסלאַוו האָט געדאַרפֿט צוריקברענגען אין מאַגאַזין, האָט ער פֿאַרגעסן אַראָפּנעמען פֿון טיש. אין צווישן זענען וואַכלייט אַריין קאָנטראָלירן די אָרדענונג אין באַראַק און דער־זען די פּיילעכלעך. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספֿאַרשונג, און די מעשׂה מיט דעם בלעכענעם קעסטעלע האָט די וואַכלייט געבּרענגט צו „יוזעפֿן", וואָס האָט אין דעם זיך מודה געווען און איז דורכן לאַגער־פֿירער פֿאַרמישפּט געוואָרן מיט דרייסיק שמיץ.

דאָס שמייסן פֿאַר קליינע פֿאַרברעכנס איז שטענדיק פֿאָרגעקו־מען עפֿנטלעך, אַז אַלע לאַגעריסטן זאָלן אין דעם זען אַ וואָרענונג. דער שמייסער האָט געקענט זיין דער אָרדענונגס־עלטסטער אין באַראַק, אָדער סתּם אַ פּריוויליקער פֿאַר נאָך אַ שיסעלע געקעכטס. אין „יוזעפֿס" באַראַק האָט באַליעק זיך געריסן צו זיין דער שמייסער און איז באַלד שוין גרייט געווען צו גיין צום לאַגער־קאָמענדאַנט זיך מעלדן. באַגוסלאַוו האָט מיט אַ דראָענדיקער פֿויסט אים פֿאַר־שטעלט דעם וועג:

— דו לאָבוז! שעמסט זיך נישט?! איין פּאָליאַק צום צווייטן?!

באַליעק האָט באַגוסלאַוון אָפּגעמאָסטן מיט אַ ווילדן קוק ווי אים איינצושלינגען:

— פֿאַר מיר איז ער נישט קיין פּאָליאַק, נאָר אַ באַהאַלטענער „זשיד"...

— יעדער איינער קען דאָס זעלבע אויך אויף דיר זאָגן, און זיי נישט קיין קלוגער!...

האָבן זיך אַריינגעמישט אַנדערע שכנים און באַליעקן געראָטן זיך אָפּרוקן פֿון אַזאַ חרפּה. די שפּאַנונג צווישןביידע האָט נאָכגע־

לאָזט נאָר ווען ס'איז געקומען די שעה פון אַרויספירן „יוזעפן" צו דער באַנק אויפן אָפענעם לאַגער־שטח. אַלע „יוזעפס" שכנים זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע פּנימער, נאָר באַליעק — מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ און אונטערגעאיילטע שפּרייזן, האָט זיך באַמיט צו זיין פון דער נאָענט...

דער לאַגער־קאָמענדאַנט און צוויי וואַכליים זענען געגאַנגען הינ־טער „יוזעפן". דער מושל האָט אָנגעקוקט די פּאַרזאַמלטע, זיי באַ־גריסט מיט אַ שמייכל און איינעם פון זיינע באַגלייטערס דערלאַנגט די געפלאָכטענע בייטש:

— נעם און לערן אים אָן...

אויף דער באַנק איז איצט געלעגן נישט „יוזעף" נאָר דער גע־פייניקטער ייִד, דוד, וואָס האָט מיט צאָרן און מיט אַ הויכן קול געציילט די שמיץ ביז זיבן... אַכט... וואָס נאָך דעם? וואָס נאָך דעם איז געווען האָט ער נישט געדענקט. ער האָט אַפילו נישט געוווּסט, צי מען האָט אים געגעבן די פולע דרייסיק שמיץ אָדער ווייניקער, און אפשר גאָר מער, ווייל ער האָט אויפגעהערט ציילן... ער האָט בלויז געדענקט אַז ביז די אַכט האָט ער נישט געשריגן, נאָר געזען רויטע פייערפונקען פאַר די אויגן... ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער שטיל געקרעכצט. דער גאַנצער קערפער האָט געברענט ווי אָן אָפענע ווונד. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען באַ־גוסלאַוון, וואָס האָט אויף אים געלייגט נאַסע שמאַטעס...

נישט דאָס ערשטע מאָל האָט באַגוסלאַוו צוגעזען אַזעלכע סצענעס אין דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט. זיי פירן דורך דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל מיט אַ באַזונדערער הנאה, מ'קען זאָגן, מיט חשק. אַ פאַר־ווילונג אַזאַ ביי זיי עס צוצוקוקן מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, אַט ווי אַנדערע זייערע טאָגאַרבעטן — קאַלט, אַכזריותדיק, דיסציפּלינירט, פּינקטלעך. אַפילו באַליעק, וואָס האָט זיך פריִער געריסן צו זיין דער שמייסער, איז צוריקגעגאַנגען פון דער עקזעקוציע ווי אַ מיד פערד מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און מיט שווערע העלפאַנדישע טריט. אפשר האָט אויך אין אים דערוואַכט אַ שפּור פון מיטלייד צום געליטענעם

„יוזעף״ און אַרויסגערופן אַן עקל צו די גערמאַנסקע שמייסערס...

דוד האָט ביי זיך געשווירן, אַז אויב ער וועט לעבן בלייבן, וועט ער געדענקען נישט בלויז דעם טאָג, נאָר אויך די שעה, די מינוט, ווען זיין האַרץ האָט נאָך געפילט דעם אַכטן שמיץ... און נישט בלויז דאָס, אויך די פריילעכע פּנימער פון די שקלאַפן־טרייבערס וואָס האָבן געפירט אים צום שמייסן ווי צו אַ פאַרווייַלונג. אויך באַגוסלאַוון וועט ער געדענקען מיט די נאַסע שמאַטעס און מיט זיינע דערמוטיקנדיקע ווערטער.

*

אין איינעם אַ טאָג האָט מען דודן גערופן אין שטאַטהאַופּער פּאָליציי־אַמט וועגן אַן אינפאָרמאַציע־ענין. דוד האָט ווי געפילט, אַז דער צעטל מיט דער אומשולדיק־העפלעכער איינלאַדונג זאָגט קיין גוטס נישט אָן. אַוועק איז ער אַהין מיט אַ געפיל, אַז זיין לעבן איז אין אַ גרויסער סכּנה. נאָר שטאַרק מוז ער זיין ביז דער לעצטער מינוט! דאָס פּאַפּירל מיטן האַקנקרייץ האָט אים דערפירט אין אַ חדר צו אַ טיש, ווו עס זענען געזעסן עטלעכע פּאָליציי־לייט מיט אַ ציוויל־געקליידטן מאַן, וואָס האָט צו ערשט אים פאַרשנדיק גוט אָנגעקוקט, דערנאָך אים דערלאַנגט אַ קליין בילדל, און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן דער פיינלעכער פאַרהער מיט דער הילף פון אַן איבערזעצער:

— קענסט די פרוי? ווער איז זי פאַר דיר?

— מיין פרוי — האָט „יוזעף״ געענטפערט.

— האָסטו נישט געוווסט, אַז זי איז אַ יידישע?

— איך האָב מיט איר געהיראַט ווי אַ קאַטוילישע. איר פאַר־גאַנגענהייט איז מיר נישט אָנגעגאַנגען...

— און דו אַליין, ביסטו נישט קיין ייִד? — האָבן אַ פּאָר שפּיזיקע אויגן אים דורכגעשטאָכן.

— איך, אַ זשיד? ווען איך בין נישט יוזעף זאַבאַראָווסקי, וואָלט איך דאָ נישט געזעסן.

— צייג דיינע דאָקומענטן.

די פּאַפּירן זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און געבליבן ליגן אויפן טיש.

— לאָז אַרונטער די הויזן...

„יוזעף״ האָט זיך אויפגעשטעלט, צעשפּיליעט די הויזן. איינער פון זיי האָט זיך צוגעבויגן און אויסגערופן:

— דער איזט בעשניטן!

— איך בין אַן עכטער קאַטאָליק! מאַכט נישט פון מיר קיין „זשיד״!

דודס קאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן פון פּאַטש אין פּנים:

— האַלט די שנאַוצע, דו, יידישער שווייַן!

צוליב דודס דרייסט פּאַרעקשנטן אויסרוף, אַז ער איז אַן עכטער קאַטאָליק, אַ פּאָליאַק, איז אַ צווייטער אַרויס פון הינטערן טיש, זיך איינגעבויגן, איינגעקוקט זיך. דוד האָט צוגעהאַלטן דעם אֵבר מיט די פינגערשפּיצן...

— דער איזט ניכט בעשניטן... — האָט ער מיטן פּנים צום טיש געזאָגט און פאַרנומען זיין אָרט.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָט דער געסטאַפּאָ־מאַן „יוזעפן״ צוריקגעגעבן זייַנע דאָקומענטן און געמאָלדן אַז זיין יידישקע וועט ער שוין מער נישט זען... געהייסן אַראָפּנעמען זיין „P״ פון דער ברוסט, אומגעטוישט עס אויף אַ „P״ אין אַ רויטן דרייעק און גע־מאָלדן, אַז ער ווערט איבערגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פּאָליטישע און קרימינעלע פאַרברעכערס...

אונטער אַ פּאָליציישער וואַך איז דוד איבערגעפירט געוואָרן ערגעץ אויף אַ גרויסן פּלאַץ, אַן אַרומגעמויערטן מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. אין מיטן פּלאַץ — אַ לאַנגער בנין מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטער. אַ וואַכמאַן האָט אים באַפוילן גיין פאָרויס. ער האָט געהערט הינטער זיך דאָס טרעטן פון שווערע, מיט טשוועקעס באַשלאָגענע סאָלדאַטסקע שטיוול. מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם האָט דוד פּלוצעם דערפילט, אַז די טריט זענען שטיל געוואָרן. אַן אייזערנע טיר האָט זיך געעפנט.

דער וואַכמאַן האָט אים אָן ווערטער אַריינגעשטופּט ווי אין אַ מויל פון אַ חיה...

דוד האָט געריבן די אויגן און קוים געזען: אַ פאַרטונקלט ליכט פון אַ שמאָל פאַרקראַטעוועט פענצטערל האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין דער קאַמער. אַ פאַרדומפּטע לופט האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם. ס'האָט געדויערט, ביז ער האָט דערזען ליגן שווייגנדיקע מענטשן מיט אויסגעבלייכטע פּנימער אויף שטרויענע זעק אויף די פּריטשעס. אַנדערע האָבן אויפגעהויבן די קעפּ צו געבן אַ קוק אויף אים און צוריקגעלייגט די קעפּ.

דוד האָט געפונען אַן אונטערשטן געלעגער לייִדיק און זיך אויסגעצויגן אויפן שטרויזאַק. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס מיט אים איז געשען אין די עטלעכע שעה. באַלד האָט אַ צווייטער געדאַנק אים געטרייסט: דער אומגעריכטער פאַרלויף פון זיין אויספאַרשונג האָט געקענט פאַר אים זיך ענדיקן מיט אַ קויל אין קאָפּ... ערשט איצט האָט ער באַגריפן „האַלינאַס" ווערטער, אַז „זי קען שוין נישט מער". און די געדאַנקען האָבן אים אַלץ נישט נאָכגעלאָזן: האָט זי זיך אַליין איבערגעגעבן אין די רוצחישע הענט, אָדער מען האָט זי פאַרמסרט? ער איז לאַנג געלעגן אין דער דריקנדיקער שטילקייט. די געשעענישן זענען אים געשטאַנען פאַר די אויגן: די אויספאַרשערס מיט זייערע שטעכיקע בליקן; דאָס טרייבן אים אין דער מיט פון גאַס מיט פאַרקייטלטע הענט; אויך דאָס אָפּגעהאַקטע קלינגען פון די דורכלויפנדיקע טראַמווייען האָט נאָך געגרילצט אין די אויערן; די אומגעזעענע האַנט וואָס האָט אים אָן אַ וואָרט אַריינגעשטופּט אין דער טורמע־לאָך. געוואָלט האָט ער באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און אויסוויינען זיך. נאָר דוד האָט געוווּסט, אַז ער טאָר זיך נישט דערפירן ביז טרערן, טאָר זיך נישט אונטערגעבן קיין שום ווייך געפיל. וואָס מער ער וועט פאַרהאַרטעוועט זיין, אַלץ לייכטער וועט ער גובר זיין די שווערע טעג.

דוד וואָלט נאָך אַזוי געלעגן אין דעם פאַרעיפּושטן בעט, ווען נישט אַ גלאָק אין קאָרידאָר, וואָס האָט אים אַזש אויפגעטרייסלט.

אַלע האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון די בעטן, ווי פון פינצטערע לעכער און זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי אַנטקעגן צעעפנטן לאָך אין דער טיר מיט בלעכענע שיסעלעך אין די הענט. דוד האָט זיך דערנענטערט צום פענצטערל. נאָך איידער ער האָט געוויזן זיינע ליידיקע הענט, האָט אַ פול שיסעלע מיט זופּ, צוזאַמען מיט אַ פּענעץ ברויט זיך אַ ווייז געטאָן צו זיין פּנים. ערשט איצט האָט ער זיך רעכט אומגעקוקט ווו און מיט וועמען ער געפינט זיך. בלייכע פּנימער מיט גלאַט־אָפּגעגאָלטע קעפּ האָבן געוואָרפן בליקן צו זיין בעט, ווו ער איז געזעסן.

איינער פון די צוויי נאָענטסטע שכנים האָט דודן אָנגעהויבן אַריינפירן אין אַ שמועס. ס׳איז געווען אַ מיטליאָריקער פּאָליאַק וואָס האָט גראָד געשטאַמט פון דודס געגנט. דער צווייטער, אויך שוין אַ באַטייליקטער אין שמועס, איז אויך באַלד מיט אים פאַר־היימישט געוואָרן. דורך זייביידן האָט דוד זיך באַקענט מיט די איבעריקע אַרעסטאַנטן פון דער תּפיסה־קאַמער. יעדער איינער האָט דאָ געוווּסט דעם צווייטנס פאַרזינדיקן זיך קעגן נאַצישן „געזעץ״. ס׳האָט אָבער קיינער פון זיי נישט געוווּסט, ווי לאַנג ער וועט דאַרפן אָפּקומען צווישן די דאָזיקע פינצטערע ווענט. אויך „יוזעף״ האָט געדאַרפט זיך דעקלאַרירן, פאַר וואָס ער קומט אָפּ אַ שטראָף. זיין פאַרשטעלן זיך פאַר אַ פּאַטריאָטישן קעמפער, האָט אים פאַרשאַפט אָנערקענונג.

שוין אינעם ערשטן טאָג האָט דוד באַמערקט, אַז זיינע שכנים זענען סאָלידע מענטשן, גוט צונויפגעלעבטע צווישן זיך. און דאָס איז פאַר אים געווען אַ גוטער אָנזאָג. אָבער ער האָט נישט געטאָרט פאַרקלענערן זיין שטענדיקע אָנגעשפּיצטקייט צו אַלץ וואָס טוט זיך אַרום אים.

אַ שליסל האָט זיך אַ דריי געטאָן אין דער טיר. באַלד נאָך דעם האָט אַ וואַכמאַן אויסגערופן אין דער אָפּגעלענטער טיר „יוזעפס״ נאָמען און אים געהייסן מיטגיין. צוריק איז ער געקומען מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ. האָבן זיינע שכנים אים אויפגענומען שוין ווי אַן

איינענעם. דער גאָלער קאָפּ זיינער האָט אים פֿאַראייגנט מיט אַלע־מענס אויסזען.

„יוזעף" האָט געטראָפֿן אַלעמען זיצן אין אַ קרייז. די שטימונג — אַ לייכטערע ווי פֿריִער. ס'איז דווקא אויסגעפֿאַלן „שוויענטי יאַנס" געבוירן־טאָג. יאַנעק, דער הויכער, אויסגעמאָגערטער מיטן גאָרגל־קנאָפּ אין לאַנגן האַלדז, האָט מיט אַ גראָבער שטים אויסגעזונגען די לויבווערטער פֿון הייליקן „שוויענטי־יאַן" און אַלע צוזאַמען האָבן מיטגעזונגען. „יוזעף" האָט זיך צוגעזעצט און מיטבאַטייליקט אין געזאַנג. קיינער האָט אויף אים ניט געקענט באַמערקן, אַז אין אים האָט איצט דער ייִד אַ צאַפּל געטאָן: וואָס וועט זיין אין טאָג, ווען ס'וועט אויספֿאַלן „שוויענטי־יוזעף"? איז ער דער איינציקער אין דער קאַמער מיט דעם אַ נאָמען? אויב יאָ, דאַרף ער דאָך קענען אַנגיין מיט דעם וואָס ער האָט איצט געזען? צו זיין מזל האָט ער דאָ נאָך איינעם מיט דעם אַ נאָמען. „יוזעף" האָט שוין אַלץ געטאָן, ער זאָל זיך מיט דעם צווייטן יוזעף צונויפֿטרעפֿן און דעררעדן זיך טאַקע אויף דער טעמע, וואָס אים האָט אינטערעסירט... אַזוי איז דוד דערגאַנגען דעם סוד, וואָס „יוזעף" האָט געדאַרפֿט וויסן. איז אים אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרץ...

אַז דער טאָג איז געקומען, און דער עלטסטער פֿון אַלע, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן קריסטלעכן צערעמאָניאַל, האָט זיין פּנים אָנ־געשטעלט צו דער זייט ווו דער „נייער" יוזעף איז געזעסן אַ ביסל פֿאַררוקט ווי ניט צו זען אים, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר דערמוטיקנדיקע אָריינפֿיר־ווערטער אין פּאַטריאָטישן גייסט און גע־ענדיקט, אַז דעם קומענדיקן „שוויענטי־יוזעף"־טאָג זאָלן אַלע פֿייערן אין דער באַפֿרייטער היים. „גאָט זאָל געבן!", „גאָט זאָל געבן!", האָבן אַלע געענטפֿערט.

דערמיט איז „יוזעפֿן" צוגעטיילט געוואָרן דער כּבֿוד און ער איז אַרויס מיט אַ הילכיקער שטים: „דעם דרייצעטן מערץ, אין הייליקן געבוירן־טאָג פֿון שוויענטי־יוזעף!" אַלע, מענטשן מיט פֿאַר־שיידענע פּנימער, פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער און פֿאַרשיידענע היימען

האָבן באַקומען אַן ענלעכן קול און באַגער — די טורמע־טויערן זאָלן פֿאַר זיי זיך עפֿענען... אַ מינוט נאָכן צערעמאָניאַל האָט „יוזעף" אַ גיכן וויש געטאָן זיינע שפּיציקע, פֿאַרדרייטע וואָנצעס אויף זיין שטאָלץ פֿאַרריסענעם פּנים און זיין צעלאַפּן האַרץ האָט אָנגעהויבן זיך איינשטעלן צום נאָרמאַלן גאַנג. ער איז איבערגעקומען נאָך אַ סכּנה...

✶

דער אַרומגעמויערטער טורמע־בנין איז געווען הערמעטיש אָפּ־געשניטן פֿון לעבן. אַהער איז נישט דערגאַנגען קיין וואָרט פֿון דער וועלט — נישט וועגן די גרויסע מלחמה־געשעענישן וואָס דאָס לעצטע יאָר פֿון קריג האָט מיט זיך געבראַכט, נישט די עכאָס פֿון צעשטו־רעמטן מיזרח־פֿראָנט. בלויז פֿון מאָל צו מאָל, ביי די טאָגשפּאַצירן אויפֿן טורמעהויף, פֿלעגט וועמענס אַ וואָרט־געמורמל ברענגען צום אויער אַ גוטע בשורה, דערפֿרייענדיק דאָס האַרץ און דערוועקנדיק האָפֿענונגען. אויך אויף די טורמע־וועכטער איז נישט געווען קיין סימן פֿון ענדערונג: די זעלבע בייזע אויגן, דאָס זעלבע שטרענגע פּנים, דער זעלבער שטעקן אין האַנט.

ערשט ווען ס'איז געקומען אַ באַפֿעל אַלע אַרעסטאַנטן איבער־צופֿירן אין לאַגערן, האָבן די טויזנטער אָפּגעשניטענע פֿון דער וועלט ווידער דערזען אַ זוניקן הימל איבערן קאָפּ, דערפֿילט ריינע לופֿט צום אָטעמען, דערזען נייע מענטשן, נייע פּנימער, באַראַקן מיט גע־עפֿנטע טיר־און־פֿענצטער, און שטרענג געהיים איז אַ ניי וואָרט דער־גאַנגען צום אויער. מען האָט זיך אויך דערוווּסט פֿון די גיכע אַנטוויק־לונגען אויף די פֿראָנטן. די אויגן האָבן געקענט זיך אויך אָנזעטיקן מיט די כּסדרדיקע לופֿטאָנגריפֿן און די אַרויסגערופֿענע נאַכט־שׂרפֿות. דאָס אַלץ איז געווען אַן אָנזאָג אויף דערלייזונג.

צוזאַמען מיט אַלעמען האָט דוד איבערגעלעבט שטאַרקע געפֿילן און דאָך געפֿילט אַנדערש. טאַקע אַלע האָבן געליטן פֿון דייטשישער פֿאַרשקלאַפֿונג און געוואָלט היטלערס מפּלה. אָבער דאָס גרויסע נקמה־

געפּיל וואָס האָט געבּרענט אין דודס האַרץ, האָט נאָר אַזאַ, ווי ער, געקענט איבּערלעבּן. צום לאַגער האָבּן דערגרייכט די אויפרייסן פון באָמבּעס וואָס האָבּן צעשטערט הייזער, חרוב געמאַכט גאַנצע גאַסן. פון אַלע זייטן האָבּן געשטראָמט ידיעות, איינע איבּעררעשנדיקער פון דער צווייטער.

דוד האָט מיט זיינע אויגן געזען די דייטשן אין זייערע טריומף־מאַרשן. זיי האָבּן אונטערגעצונדן די וועלט מיט אַ העליש פייער און בּיי זיך אין לאַנד געיובלט, געריבּן זיך די הענט בּיי יעדן נצחון. ער האָט געזען דאָס דייטשישע פאָלק מאַרשירן מיט פאַרדריסענע קעפּ, פול מיט שינאה צו אַנדערע לענדער און פעלקער. ער האָט געזען די דייטשן וואָס האָבּן געריסן שטיקער לייבּ און אבריס פון לעבּעדיקע ייִדן. איצט בּרענט דייטשלאַנד! די פלאַמען וואָס דאָס דייטשישע פאָלק האָט אָנגעצונדן, האָט אַן אויפגעמאַכטער שטורעם אויסגעדרייט איבּער זייער לאַנד. ווער האָט געקענט, אַזוי ווי ער, פילן די גרייס פון דער נקמה ? !

מיליאָנען שקלאַפן האָבּן שוין געפילט, אַז נאָענט זענען זיי צו דער אויסגעבּענקטער שעה פון בּאַפרייונג. געהערט איר קול וואָס האָט זיך געטראָגן שוין גאָר פון דער נאָענט. אָבּער די שוואַרצע שינאה פונעם דייטש האָט ווי אַ הויכע מויער אָפּגעהאַלטן די האָפע־נונגען.

אַ באַנדע באַוואָפנטע ציווילע דייטשן מיט אויסגעדרעסירטע הינט האָט אַרומגערינגלט דעם שטח, באַפוילן אויסשטעלן זיך אין רייען און מאַרשירן. וווהין ? דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. האָבּן מחנות אסירים, וואָס נישט דעם אָנהייבּ און נישט זייער סוף האָט דאָס אויג דערגרייכט, געצויגן, געטאָפּטשעט איבּער טיפע שנייען. ווער ס׳איז אָפּגעשטאַנען, האָט אַ קויל אים פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצן פלעק אויפן ווייסן שניי. אין וועג האָבּן די דייטשן פון דער גרויסער מחנה, געריסן שטיקער, אָוועקגעפירט גרופּעס ערגעץ אויף זייטיקע וועגן. אין אַזאַ מחנה האָט זיך אויך דוד געפונען. זיי זענען צוגעטריבּן געוואָרן צו אַ לאַנגן אָפענעם גרוב, און ס׳האָט אויף זיי אַ פלייץ געטאָן

אַ האָגל פון מאַשין־געווער־קוילן. מענטשן זענען ווי אונטערגעשני־טענע ביימער געפאַלן אין גרוב אַריין.

דוד האָט נישט געוווּסט ווי לאַנג ער איז געלעגן, ביז ער האָט אין זיך דערפילט סימנים פון לעבן. אויף דעם אָרט איז שוין קיינער נישט געווען, בלויז אַן אימהדיקע שטילקייט האָט געגליווערט אַרום גרוב. פון בלוטנדיקן מענטשנקנויל האָבן זיך נאָך געהערט אויס־גייענדיקע קרעכצן.

אַ דורכגענעצטער פון בלוט, האָט דוד זיך געשלעפּט אויף אַ סטעזשקע צו אַ דערנעבנדיקן וואַלד. מענטשן, אומבאַקאַנטע, מיט פרעמדע לשונות, וואָס האָבן אים אָנגעטראָפן, האָבן אים געהאָלפן דערשלעפּן זיך צום וואַלד. צווישן די ביימער האָט דוד דערפילט אין זיין מויל אַ קלעפּיק ביטערן טעם, וואָס האָט אים געשטיקט אין האַלדז, פאַרשטאָפּט די נאָזלעכער. בלויז דורך אַ שפּאַלט אין דער לינקער זייט מויל האָט ער געקענט קוים צי׳ען דעם אָטעם. בעת ער האָט צעעפנט דאָס לינקע אויג, האָט ער ווי דורך אַ נעפּל געזען די הויכע ביימערשפּיצן פון די סאָסנעס. זיי האָבן זיך באַוועגט אין ווינט, וואָס האָט מיט אַ שטיל געראויש זיך געדרייט צווישן די ביי־מער, געבנידערט און געגלעט זיין צעבלוטיקטן קאָפּ. בערגלעך שניי האָבן פון דער לינקער זייט וואַלד געפינקלט צו זיין לינק אויג, וואָס האָט אַן אויפהער געקוקט אַרויף צום הימל, פון וואַנען שניי־פלאַ־טערלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פאַרחלשט פּנים, ווי אים צו מונטערן.

ביסלעכוויז האָט אָנגעהויבן זיך אויפוועקן דודס זכרון: דער לאַנגער און שווערער מאַרש אין די טיפע שנייען, דאָס אָפּטיילן אים מיט נאָך אַנדערע פון דער גרויסער מחנה מאַרשירנדיקע, די ווילדע געשרייען פון די וואַכליט מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן, וואָס האָבן געוויזן ווהין צו גיין און געיאָגט די מידע, איינגעבראָכענע פיס. ווי אַזוי קומט ער אַהער, צווישן די ביימער, ווען אין זיין לינקן אויער הילכן נאָך די ווילדע קולות פון די שומרים ביז זייער לעצטן אויס־געשריי: „ה־אַ־ל־ט!!!‟ ער האָט רעכט נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן

ווו ער געפינט זיך, און שוין האָט אַ קנאַלעריי איבערגעהאַקט זיינע מחשבות...

ווי אַזוי איז דאָס געשען וואָס ער קען דעם קאָפּ נישט אַ דריי טאָן, זען צי איז נאָך ווער פון זיינע באַקאַנטע פאַראַן אין וואַלד אַחוץ אים? ווו איז אַנדזשיי, באַגוסלאַוו און סטעפּאַניק, וואָס האָבן מיט אים מיטגעמאַרשירט אין ריי? ווו איז דער קליינער וואַכמאַן אין געלן מונדיר מיטן צעעפנטן פּיסק, ווו איז דער גרויסער געלער הונט זיינער ביי דער זייט? און דער ציווילער וואַכמאַן מיטן שוואַרצן האַקנקרייץ, ווי אַ שלאַנג אויף זיין אַרבל? און דער וואַלד? די שניי־פלאַטערלעך, וואָס צעגייען זיך אין רויט אויף זיין ברוסט? פאַר וואָס קען ער זיך נישט רירן? פאַר וואָס איז אים שווער צו עפענען דאָס מויל און עמעצן רופן צו זיך? ער אָטעמט קוים, ער וויל אויפ־הייבן די האַנט זיינע, אַ טאַפּ צו טאָן די רעכטע זייט פון פּנים, וואָס האָט געברענט ווי מיט אַ העליש פייער, ווי אַ מעסער וואָלט אין זיין פּנים זיך איינגעשניטן — און די האַנט איז צוריקגעפאַלן צו דער ערד, ווו ער איז געלעגן. בלויז די דורכשוועבנדיקע וואַלדפייגל האָבן געקענט צו אים אַראָפּקוקן און דערהערן זיין וואָיען...

ביים וואַלדראַנד האָט געציטערט די לופט פון נידעריקן עראָ־פּלאַנען־דורכפלי. טיפער אין וואַלד האָט די ערד זיך געטרייסלט פון אויפגעריסענע באָמבעס.

✶

אין וואַלד האָט אָנגעהויבן פאַרגיין די טאָגליכט. דוד איז געלעגן אויף דער ערד צווישן די צעוויגטע ביימער. וואַלד־חיהלעך, דער־שראָקענע פאַר אים, זענען פאַרבייגעלאָפן און פאַרשוווּנדן. אַ קעלט האָט אים אַדורכגענומען און געוועקט זיין איינציק האַלב־צוגעמאַכט לינק אויג, מיט וועלכן ער האָט נאָך געקענט עפּעס זען, אויפכאַפּן די אַנקומענדיקע נאַכטשאָטנס וואָס האָבן געענדערט צו דער פאַר־שנייטער וואַלדערד. פייגל, אַנגעפלויגענע אויף די ביימער, האָבן אַריינגעטשוויטשערט אין דער טונקלקייט.

די דינגע בלוטשטראָמען פון דודס דורכגעשאָסענער קינבאַק וואָס האָבן פריִער זיך געגליטשט צום האַלדז און פאַרזונקען אין די קליידער, האָבן זיך איינגעשטילט. און דאָ האָט ער דערהערט, ווי נישט ווייט פון אים לייגן זיך אויס מענטשן, שושקען זיך אין פרעמדע שפּראַכן. זיין זכרון האָט זיך צו אים אומגעקערט, און זיין פון טויט אויפגעוואַכט האַלבער פּנים האָט אַנגעהויבן פילן דאָס לעבן. ער האָט איצט פאַרשטאַנען וואָס מיט אים איז געשען און וואָס עס איז געשען מיט זיי אַלע, אַלע פון זיין טורמע־קאַמער, מיט וועמען ער האָט געמאַרשירט אין דער מחנה. זיי זענען געבליבן ליגן אין יענעם מאַסן־קבר, פון וואַנען ער האָט מיט די לעצטע כּוחות זיך אַרויס־געדראַפּעט.

מיט אים איז געשען אַ נס. ער איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים. נאָר דערווײַלע זענען עס נאָר די ערשטע אָנזאָגן פון אַ צוריקגעוווּנע־נעם לעבן. עס דאַרפן זיך אויסלעשן די לעצטע פייערן פון דער מלחמה, עס דאַרפן צו אים זיך אויסשטרעקן הענט פון מענטשן, געבן אים הילף, ראַטעווען. ער פילט אַז ער לעבט און וויל לעבן. געדענקט וואָס מיט אים איז געשען. פּרובירט ער רירן מיט די פיס. די רעכטע האַנטשפּיצן האָט ער צוגעטראָגן צו דער אָפענער וווּנד און צערײַעט זיינע וויטיקן. ווען ער קען אַזוי אַ קליין ביסעלע איבער־שלאָפן די פיינלעכע נאַכט־שעהען. עס טרייסט אים דאָס געפיל, אַז ער איז שוין נישט אַליין אין וואַלד. ער הערט די שטילע קרעכצן פון נאָך פאַרווונדיקטע. דאָס האָט געשטאַרקט זיין דערוואַרטן די ערשטע ליכטשטראַלן פון אויפגייענדיקן טאָג, צוזאַמען מיט דער האָפענונג אַז דייטשלאַנד איז געפאַלן! די שרעקלעכע מלחמה איז געענדיקט!

ווו נעמט מען איצט כּוח צו שטעלן זיך אויף די פיס און אויס־זינגען, אויסשרייען די פרייד פון באַפרייט ווערן, קוים ליגט ער אַ צעקאַליעטשעטער אויף דער וואַלדערד? דוד האָט קיין מאָל זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דער האָפענונג באַפרייט צו ווערן. די ישועה האָט ער דערפילט אין דער פרימאָרגן־שײַן, בעת גוטע מענטשן האָבן

אים אַוועקגעטראָגן אויף אַ פּעלדבעטל צו אַ קעטשל מיט אַ רויטן־קרייץ, וואָס האָט אים געבראַכט אין איפּוטסקער שפּיטאָל — — —

✶

דוד פוקס האָט געלאָזן הינטער זיך אַ טראַגיש קאַפּיטל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיינע קינדער־יאָרן אינעם פּויליש־ייִדישן שטעטל און פאַרענדיקט אויף דער דייטשישער ערד. וואָס פאַר אַ וויטער וועג! בלאַשקע, אַ ייִדיש שטעטל אין פּוילן, וווּ מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן דוד, און אין שטאַטהאָף, אין דייטשלאַנד, וווּ ער האָט זיך אַליין געהאַט אַ נאָמען געגעבן „יוזעף".

איז ער פון די מקומות וווּ מ׳האָט געלויערט אויף זיין ייִדישן נאָמען, אַנטלאָפן, אַוועקגעלאָזט זיך איבער לענדער און ימען — ביז צו די אויסגעטרוימטע גרענעצן פון מדינת־ישׂראל. נאָכן איבערקומען די פינצטערע אומקום־תּקופה, האָט ער אָנגעהויבן האַלטן, ווי זיין טאַטע, דער רבֿ, אַז אַ ייִד דאַרף גלייבן אין גאָטס נסים און אין תּחית־המתים. ביי אים, דודן, האָט עס דאָך באמת פּאַסירט. צוזאַמען מיטן אויפקום פון דער ייִדישער מדינה איז אויך ער אויף ס׳ניי געבוירן געוואָרן...

✶

נאָך דער מלחמה האָט דוד זיך געלאָזט זוכן אַ צווייג פון זיין צעבראָכענעם משפּחה־שטאַם. ער האָט אָפּגעפונען אַ וויטע קרובֿה, די ניצול־געוואָרענע צילאַ. און זי, נאָך די אַלע פּלאָגן, האָט געזוכט אָנצוקניפּן פריינדשאַפט מיט אַ מאַן, וואָס זאָל איר באַשערן ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט. זי האָט גענומען פאַר ליב דודס פריינדשאַפט און איינגעשטימט מיטצוגיין מיט אים אויף דעם וועג וואָס ער האָט איר פאָרגעלייגט. דער געדאַנק צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל האָט זי אָנגעפילט מיט חיות, אָט אַזוי ווי עס פילט אַ מענטש וואָס געפינט צוריק אָפּ דאָס לעבן.

ביידע האָבן געשטאַמט פון צוויי באַזונדערע עקן פּוילן, און ווען נישט זייער פאַרגאַנגענהייט, וואָלטן זיי זיך קיין מאָל נישט באַגעגנט.

נאָר ווער קען פאָרויסזען דעם גורל פון אַ מענטשן? זיי האָבן אויפ־געשטעלט אַ משפּחה, געוואָרן טאַטע־מאַמע פון צוויי קינדער. ביידע האָבן אין מדינת־ישׂראל צוריקגעפונען דאָס גייסטיקע גלייכגעוויכט, כאָטש די פאַרלוירענע יאָרן אין יענעם וויסטן גלות זענען טיף פאַרבליבן איינגעקריצט אין זייער זכּרון. אָפט, אין די נאַכט־חלומות, און אַפילו אויף דער וואָר, פלעגט אין זייער דמיון זיך אָנטראָגן אַ וויטער ווידערקול, פלעגט אויפבליצן אַ געשטאַלט, וואָס איז פאַר־ברענט געוואָרן אין יענעם העלישן פייער, און דאָס האָט זיי ביידן רוען נישט געלאָזט.

דודס פרייד אין זיין באַנייט לעבן אין מדינת ישׂראל, איז שטענ־דיק געטראָפן געוואָרן דורך אַ שווער געפיל ווען ער האָט זיך גע־שטעלט אַנטקעגן שפּיגל באַטראַכטן די ענדערונגען אויף דער רעכטער זייט פּנים נאָכן איבערקומען אַ פּלאַסטישע באַהאַנדלונג. שוין דאָס ווײַפלטע מאָל ווי ישׂראלדיקע כירורגן פירן איבער אים אַדורך קלע־נערע און גרעסערע פּלאַסטישע אָפּעראַציעס, אויף צו פאַרבעסערן דאָס אויסזען פון דורכגעשאָסענעם קינבאַק, און ביי יעדן מאָל אָנקוקן זיך, דערקענט ער די מי פון די דאָקטוירים, וואָס ווילן אים צוריק־געבן זיין באַרמאַל אויסזען. אויך דאָס מאָל האָט זיך דוד צוריקגעקערט פון שפּיטאָל מיט בעסערע האָפענונגען. ער דערקענט, אַז אַלע צוזאָגן פון די דאָקטוירים ווערן צו ביסלעך פאַרווירקלעכט. זיין רעכטע זייט פּנים ווערט גלייכער, ס׳קומט אים אָן לייכטער צו עפענען דאָס מויל ביים עסן, און די נאָך נישט־פאַרענדיקטע סעריע אָפּעראַציעס זענען פאַר אים געווען אַ גרונט אויף גוטע האָפענונגען.

און דאָך האָט אַ שווער געפיל אים פאַרפאָלגט און שטענדיק געדריקט. ס׳האָט ווייניק געהאָלפן דער קלאָרער שׂכל וואָס האָט צו אים גערעדט: געדענקסטו, דוד, וואָס מיט דיר איז געשען? און זע, ווו דו געפינסט זיך היינט — האָבן פאַרשטאַנד און געפיל צווישן זיך געפירט אַ שטרייט...

ערשט נאָך דער לעצטער יסודותדיקער אָפּעראַציע, ווען אַ טייל פון דודס פּוסביין איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן אין זיין קינבאַק,

האָט זײַן פּנים באַקומען אַ בעסערן אויסזען. אויף זײַן אויסגעגלײַכט מויל האָט זיך נאָך פיל יאָרן דאָס ערשטע מאָל באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל. דודס דערשלאָגן געמיט איז ווי פאַרוויישט געוואָרן אין נעפּל. ער האָט ווידער אויפגעלעבט. דער שפּיגל אויף דער וואַנט האָט ביי אים מער נישט אַרויסגערופן קיין אומעט און צערודערונג. דוד האָט זיך איינגעלעבט מיט זײַן איבערבלייב. דער כּוח צו לעבן וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין די שווערסטע מאָמענטן, האָט אויך גובר געווען אַלע זײַנע שווערע שטימונגען.

אויסדויער

צפורהן מיט איר מאַן, לייבל, האָט דער דייטשישער טעראָר פאַריאָגט פון זייער היימשטעטל, זאַרעמבּ, קיין סטערדין, אויף דער אַנדערער זייט בוג. ס׳זענען צו זיי דערגאַנגען ידיעות, אַז דאָ, אין דעם קליינעם ייִדישן ייִשוב, לעבן ייִדן רויִקער.

גלייך ביי זייער אָנקום אַהער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז די לאַגע זעט באמת אַזוי אויס. ייִדן האָבן פריי זיך באַוועגט אויף דער גאַס, נישט אַזוי ווי ביי זיי אין שטעטל, וווּ מ׳האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן. ייִדן זענען דאָ געווען באַשעפטיקט ביי עפנטלעכע אַרבעטן, און דער עיקר — אין דערנעבנדיקן מאַיאָנטיק, וואָס איז צוליב דעם אַנטלאָפענעם פריץ איבערגעגאַנגען אין די הענט פון אַ דייטשישן פאַרוואַלטער. זענען די שטעטלשע ייִדן מאָביליזירט געוואָרן צו די פעלדאַרבעטן. אָט דאָס ייִדישע לעבן האָט דאָ אויסגעזען ווי אויף אַ שטיל פאַרוואָרפן אינדזעלע אין מיטן מוראדיק צעשטורעמטן מלחמה־ים.

די טעג האָבן זיך אַזוי געצויגן, ייִדן האָבן זיך צו דעם צוגעווינט, און מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז ס׳וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן. זענען אָנגעקומען אַנדערע דייטשישע מושלים און האָבן די נאַצישע געזעצן גענומען אויסשפּרייטן אויך איבער אָט דעם ייִשוב. דאָס אויפגעקומענע שרעקוואָרט — טרעבלינקע — האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די זאָרג. אין יענע טעג איז שוין צפורה אַרומגעגאַנגען מיט אַ פיינלעך שולדגעפיל, וואָס זי האָט אויף דער וועלט געבּרענגט אַ נאָר וואָס געבוירן קינד, בעת מען האָט שוין קלאָר געזען, אַז דאָס לעבן פון אַלע ייִדן איז אין סכנה.

ווען טרעבלינקער טויטלאַגער האָט גענומען באַדראָען די ייִדן אויך פון סטערדין, האָבן צפורה און לייבל, איר מאַן, באַהאָנגען מיט אַ טאָרבע שפּייז און מיט אַ פאַרוויקלט פּעקל, ווו ס׳האָט זיך געפונען זייער קינד, זיך אַוועקגעלאָזט אויף די פוילישע וועגן.

אויף דער מיזרח־זייט פון בוג האָבן זיך געצויגן הויך־גראָזיקע לאָנקעס מיט בלאָע קאַלוזשעס, פולע מיט אַלערליי פלעכטגראָזן און קזשאַקעס, צעוואָרפן איבער די ווייטן. פון די ברייטע שטחים פלאַכלאַנד האָבן אַרויסגעפינקלט גאָלד־קאָליריקע זאַמדאָנשיטן, אָנגעיאָגטע פון מיזרח־ווינטן. ווי טונקעלע פלעקן האָט דאָס אויג אויפגעכאַפּט די פונאַנדערגעוואָרפענע וועלדלעך. פון צווישן ווערבעקוסטעס און אַלערליי הויכע גראָזן האָבן אַרויסגעקוקט צוויי פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן אויף בלאַסע פּנימער. דאָ, צווישן הימל און ווייסטע פעלדער, זענען צפורה און לייבל אָפּגעלעגן, ביז די טאָרבע מיטן ביסל שפּייז איז ליידיק געוואָרן... דער הונגער האָט זיי און זייער פּיטשינק קינד גענומען טרייבן צוריק צו אַ ייִשוב, צוריק צו מענטשן.

אויפן וועג האָבן זיי קיין מענטש נישט אָנגעטראָפן. פון די ווייטע הימלראַנדן האָבן זיך אויפגעהויבן טונקל־גראָע וואָלקנפלעקן, און דער ווינט האָט זיי צונויפגעיאָגט צו איין גרויסער טונקעלער כמאַרע. די ערשטע רעגן־טראָפּנס האָבן צפורהן און לייבלען געטראָפן אויף אַ ווייסטער לאָנקע אונטער אַן איינזאַמען אַלטן בוים. דערנאָך האָבן רעגנפאַסן אַדורכגעדרונגען די צווייגן און אָנגעהויבן באַגיסן זייערע מלבושים. צפורה האָט מיט איר גוף באַדעקט דאָס קינד, און לייבל האָט געפּרוווט מיט זיין גוף זיי ביידן צו באַשיצן קעגן רעגן. דער הונגער האָט זיי ווייטער געטריבן און זיי זענען דערגאַנגען צו פויערשע כאַטעס. טירן האָבן זיך פאַרהאַקט פאַר זייערע אויגן, ביז אין איין אָרט האָט דורך אַ טירשפּאַלט זיך אויסגעשטרעקט צו זיי אַ האַנט און דערלאַנגט אַ פּענעץ ברויט.

צפורה האָט געפילט, אַז דאָס קינד גייט פּאַמעלעך אויס אויף אירע הענט. קיין טראָפּן מילך האָט דאָס קינד פון איר שוין נישט

געקענט אַרויסצי̇ען. כּל־זמן דאָס קינד האָט געאָטעמט, האָט זי געזוכט אַ טיר ווו עס אַוועקצולייגן. אפשר, אפשר וועט עמעצער זיך דערבאַ־רעמען איבערן האַלב לעבעדיקן נפשל? ביי וועלכער טיר לאָזט מען איבער דאָס קינד?..

אין אַ גרויסן פּאַרנאַכט זענען צפורה און לייבל אַרויס פון וואַלד אין דער ריכטונג פון דאָרף זאַוואַדי. אין דער פינצטער האָבן זיי זיך דורכגעשלייכט פּאַרביי די דאָרפישע כאַטעס און דערגרייכט צו דער הייזקע, וואָס צפורה האָט פון פרי̇ער געהאַט אויסגעקוקט. מיט גנבישע טריט איז זי אַריין אין פּאַדערהייזל. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אויסגעטאַפּט אַ לײדיק אָרט און אַוועקגעלייגט איר צוויי־חדשימדיק חוהלע מיט אַן אָפּגעדעקט פּנימל, איר געוויין זאָל וואָס גיכער דער־הערט ווערן...

ווי דאָס פּיצל וואָלט דערפילט דעם אָפּשייד פון דער מאַמען, האָט איר פרי̇ערדיק מאַכטלאָז פּישטשען זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גע־שריי וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן בילן פון אַ צערייצטן הונט. די פּלוצעמדיקע קולות זענען דערגאַנגען אַזש צו די שטאַלן און אויפגערודערט די קי, אויפגעוועקט די פערד פון זייער דרעמל. די קי האָבן געקלונגען מיט די קייטן אויף די העלדזער, די פערד האָבן געהאַקט מיט די געקאָוועטע פיס אין דער ערד, פאַרריסן די העלדזער און צעשראָקן געהירזשעט.

דער פּלוצעמדיקער טומל האָט אויפגעוועקט די שטוביקע. דער פּויער, מיט אַן אָנגעצונדענער לאָמטערנע אין האַנט, האָט ביי די ערשטע טריט איבער דער שוועל אַנטפּלעקט דאָס פּעקל, פון וועלכן ס'האָט זיך געטראָגן אַ קינדעריש געשריי. פאַר די שטוביקע איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז אַ יידיש קינד. ווער פון דעם דאָרף וועט אונטערוואַרפן אַ קינד? איז דער פּויער אַוועק צום סאָלטיס, וואָס האָט אים געראָטן דאָס קינד אַריינצונעמען אויף איבער נאַכט אין שטוב, מאָרגן וועט ער באַשטימען וואָס צו טאָן. זאָל ער קומען מאָרגן הערן דעם באַשלוס.

צפורה איז קוים דערגאַנגען צום אָרט ווו זי האָט געלאָזט לייבלען.

זי האָט געציטערט. אירע פיס האָבן זיך געבויגן. לייבל האָט זי געמונטערט. ער האָט געמיינט, אַז עמעצער האָט זי נאָכגעיאָגט און פון שרעק איז דאָס אַלץ. דעם אמת איז ער דערגאַנגען פון צפורהס שטיל אַרויסגעבראָכענע ווערטער:

— תוהלען האָב איך געלאָזן. איר געוויין איז מיטגעגאַנגען מיט מיר...

אין דער פרי איז דער סאָלטיס מיטן קינד פאָרפאָרן צו דער דייטשישער קאָמענדאַטור. אַריין אַהין מיט שטאָלצע טריט און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. אויפן וועג אין שטעטל האָט ער שוין געהאַט אויסגעחשבונט וויפל וועט אים קומען פאַרן צושטעלן צו די דייטשן אַ לעבעדיק ייִדיש קינד. האָט ער מיט אַ פאַרריסן פּנים אַוועקגעלייגט דאָס „פּעקל" פאַר די פיס פון די זשאַנדאַרן און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן:

— אַ ייִדיש קינד... געפונען הינטער אַ טיר...

— אַ לעבעדיקס? — האָבן די זשאַנדאַרן שמייכלענדיק געפרעגט.

— יאָ! נאָך ווי לעבעדיק! אַט זעט פאַנאָוויע!

דער סאָלטיס האָט מיטן שפּיץ שטיוול צערודערט דאָס „פּעקל" און פון דאָרט האָט זיך דערהערט אַ פּישטשען.

— ליגט דאָרט אפשר אַ קעצל? — האָבן די זשאַנדאַרן זיך פריילעך געמאַכט.

דער סאָלטיס האָט זיך אויפגערודערט און אויסגערופן מיט דער האַנט אויף דער ברוסט:

— ווי גאָט איז מיר ליב! אַ זשידאָווסקע קינד! אַ גאַנצע נאַכט געקוויטשעט.

ווי אַ בעטלער איז דער סאָלטיס שטיין געבליבן און געוואַרט אויף זיין לוין.

פון דער זייט האָט זיך אַרויסגערוקט דער קאָמענדאַנט. ער איז געווען ערנסט. נישט ווי אַלע זיינע אונטערגעאָרדנטע. אפשר האָט אין אים זיך דערוועקט אַ ניצוץ פון אַ מענטשלעך געפיל? ער האָט באַפוילן דאָס קינד ברענגען צום דאָרפישן גלח, ער זאָל עס טויפן

און געפינען אַ פּוילישע משפּחה, וואָס זאָל עס קריסטלעך דערציִען.

דעם קאָמענדאַנטס באַפעל האָט אײנעם סאָלטיס אַרויסגערופן בײַז בלוט. דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער, האָט ער מער נישט געוואָלט זײַן פאַרמישט אין דער פּרשה. נאָך אַזאַ ביטערער אַנטוישונג איז ער אַנטלאָפן ווי פון אַ שׂרפה...

אין קלויסטער האָט דער גלח אויסגערופן, אַז אין זײַן רשות געפינט זיך אַן אונטערגעוואָרפן קינד, וואָס די דײַטשישע קאָמענדאַנטור האָט צו אים איבערגעשיקט מיט דער אָנווייזונג איבערגעבן עס אין גוטע, פרומע הענט. היות ווי פאַראַן אַ חשד, אַז דאָס מיידעלע שטאַמט פון ייִדן, האָט דער גלח צו וויסן געטאָן, אַז ער האָט עס געטויפט, און ווער ס'וועט מסכּים זײַן דאָס קינד צו האָדעווען, וועט ער עס איבערגעבן מיטן נאָמען — מאַריאַ.

צום גלח האָט זיך געמאָלדן אַ קינדערלאָזע פּאָרפּאָלק, וואָס איז אין זײַן פּאַראַפיע באַקאַנט געווען פאַר פרומע קאַטאָליקן. זיי האָבן פון גלח דאָס קינד באַקומען צוזאַמען מיט אַ בענטשונג, אַז זיי זאָלן דאָס מיידעלע דערציִען אין קאַטוילישן גייסט, זי זאָל באַרופן זײַן צו טראָגן דעם געטלעכן נאָמען... דאָס פּאָרפּאָלק האָט דעם גלח פאַרזיכערט מקיים צו זײַן דעם אָנזאָג און זענען צופרידענע, מיטן קינד אין די הענט, אַרויס פון קאָשטשאָל.

✶

צפּורה און לייבל האָבן אין זייער נע־ונד זיך געשלעפּט דורך אָרעמע פּוילישע דערפער — קליינע כאַטעס מיט צוימען, געפלאָכטענע פון טייכרײַטלעך, נידעריקע שטאַלן און שייערן, פּאַשע־לאָנקעס הינטער די כאַטעס. אײנעם דאָרף זאַוואַדי, נישט ווײַט פון דער לאַנגער דאָרפגאַס, אַ ביסל אָפּגערוקט אין אַ זײַט — אַ הויך־טורעמדיקער קאָשטשאָל, געבויט פון רויטע ציגל מיט אַ שאַרפן צלם אויפן שפּיץ פון דאַך. אַ גאַנצע וואָך דרעמלט דער קאָשטשאָל, נאָר אין די זונטיקס צעגייט זיך איבערן דאָרף אַ מאָנאָטאָנער גלאָקן־געקלאַנג וואָס גרייכט ווײַט, ווײַט איבער די פעלדער. דאָס דאָרף וואַכט אויף. די פּויערים

ציִען אויף זיך אַרויף די זונטיקדיקע בגדים און גייען מחנותוויז אַהין, ווו עס רייטלט זיך דער קאַשטשאַל.

אין אַט דעם דאָרף האָבן צפורה און לייבל זיך פאַרהאַלטן בסוד־סודות — געבליבן נייען פעלצן פון שעפּסענע פעלן פאַר די פּויערים, וואָס האָבן זיי אויסגעבאַהאַלטן אויף דער צייט פון דער אַרבעט. אַזוי זענען זיי דערגאַנגען צו אַ כאַטע ווו ס'האָט געוווינט אַן עלנטע אָרעמע פּויערטע, סאַבינאַ, וואָס איר מאַן איז פאַרשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגאַרבעט. די פּויערטע האָט נישט פאַרמאָגט קיין שעפּסענע פעלן צו נייען זיך אַ פּעלץ. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַן אָפן מענטשלעך האַרץ פאַרן ייִדישן פאַרפאַלק.

ביי אָט דער אָרעמער פּויערטע האָבן זיי געפונען אַן אָרט צו נעכטיקן און אַ ביסל עסן, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון איר אָרעם אויסקומעניש. די גוטהאַרציקע סאַבינאַ האָט צפורהן אויך איבערגעגעבן גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן חוהלען, וואָס איז געהאַדעוועט געוואָרן ווי מאַרישאַ ביי אַ פּויערטע, מיט וועלכער סאַבינאַ איז געווען אין גוטע שכנישע באַציִונגען.

די אויגן פון מוסרים האָבן דערגרייכט צו די ערטער ווו צפורה און איר מאַן האָבן געאַרבעט. ביידע זענען בלוטיק צעשלאָגן געוואָרן. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ וואָרענונג, זיי זאָלן מער נישט איבערטרעטן אַ קריסטלעכע שוועל. דער וואַלד מיט זיינע געדיכטעביימער האָט זיי ביידן פאַרהיט פון די, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן אַז ערגעץ ווו קלאַפּט נאָך אַ ייִדיש האַרץ. ביי טאָג אין וואַלד און ביי נאַכט ביי דער גוטער סאַבינאַן אינעם ענגן שטיבל אָדער ערגעץ אין אַ פינצטערן לאָך אין איר אָרעמער דאָרפישער ווירטשאַפט.

סאַבינאַ האָט נישט געוווּסט, אַז די דייטשן זוכן אַ פּאַרטיזאַן און זענען זי חושד אין שטיין אין קאָנטאַקט מיט אים. איז איר כאַטע פלוצעם געוואָרן אַרומגערינגלט. צפורה האָט באַוויזן זיך באַהאַלטן. לייבל איז דורך אַ פענצטער אַרויס צו די פעלדער. נאָך דער בהלה איז צפורה אַרויס אין וואַלד זוכן איר מאַן, און צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. זי האָט נישט געוווּסט, אַז אַ קויל פון אַ זשאַנדאַר וואָס

האָט אים נאָכגעיאָגט, געטראָפן און אויפן אָרט אַ סוף געמאַכט צו זיין יונג לעבן.

צפּורה איז געבליבן עלנט אַליין.

דער סאָלטיס פון זאַוואַדי האָט זיך דערוווּסט פון צפּורהס אָפּטע באַזוכן אין דאָרף. ער איז געפאַלן אויף אירע שפּורן און באַגעגנט צפּורהן מיט גוטע רייד, איר געעצהט אויסמיידן צו קומען אַהער, ווו ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג און רו. ער האָט אַפילו פאָרגעלייגט זי אַריבערפירן דעם וואַלד צו זיינע באַקאַנטע, ווו זי וועט זיך קענען אויפהאַלטן אַ געוויסע צייט. אין איר עלנטן צושטאַנד האָבן אַזעלכע רייד צעוועקט אירע האָפענונגען. זי האָט איינגעשטימט וואַרטן, ער זאָל זי קומען נעמען. דורך אַ שפּאַרע האָט זי דעם גוי נאָכגעפאָלגט אין אַלע זיינע טריט און געזען, ווי ער באַהאַלט הינטער זיין פאָלע אַ האַק...

פאַר צפּורהן איז קיין צייט נישט געבליבן אַ קלער צו טאָן, צו וואָס אַט די פאַרשטעקטע האַק? צו וועלכן צוועק? ס'האָט זי באַ־פאַלן אַ שרעק. מיט אויסגעהיטע טריט איז זי פאַרשוווּנדן פון דעם אָרט.

נישט געפינענדיק זי, האָט דער סאָלטיס געכאַפּט אַ פערד און אַוועק אין געיעג נאָך צפּורהן. ער האָט געזוכט די שפּורן פון אירע פוסטריט. אין אים האָט געברענט די יוכע: ער האָט דאָך געהאַט די זשידוווקע אין זיינע הענט. געקאָנט זי גליך אַוועקפירן צו די דייטשן. דאָ, וואָלט ער דאָך יאָ באַקומען, וואָס עס קומט פאַר אַ לעבעדיקן ייִד. און אפשר אויך פאַרן קינד, וואָס ער האָט חושד געווען, אַז זי איז די מוטער... און ווידער האָט אים פאַרפירט דער חשבון, אַז מסתמא טראָגט זי מיט זיך אַן אוצר, וואָס דאַרף אַריינפאַלן נאָר אין זיינע הענט...

ער האָט אויפן פעלד זיך אַרומגעדרייט מיטן פערד ווי אַ ווילדע חיה, און פון גרויס כעס נישט באַמערקט, אַז צפּורה האָט זיך פאַר־קערעוועט צו אַ וויסטן עק פון פעלד מיט אַ נעסט פון ווילדע פעלד־חיות...

אַז צפּורה האָט ענדלעך דערזען, אַז דער סאָלטיס אויפן פערד קערט זיך אום צום דאָרף, האָט זי דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט פון ערדלאָך, ווי אַ שרעקלעכער עיפּוש פון פאַרפוילטע ביינער מיט תּיישע אומריינקייטן האָט זי געוואָרגן ביז צום חלשן. זי האָט זיך דעצידירט, איז אַרויסגעקראָכן פון באַהעלטעניש. די ריינע פעלדלופט האָט זי סוף־כּל־סוף מחיה געווען. זי האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שטעלן טריט אין דער טיף פון וואַלד.

אַליין אין דער וואַלדשטילקייט. צפּורהס אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט צו דעם אָרט, צווישן ביימער ווו לייבל פלעגט זיך אויסציִען מיטן פּנים צום הימל, אַ פאַרזונקענער אין מחשבות. איר איז שטענדיק פאַרגעקומען, אַז זי ווערט מיטבאַטייליקט אין זיין פאַרטראַכטקייט, מסתּמא מיט די זעלבע געדאַנקען וואָס זי. שפּעטער, ווען ער האָט דאָס פּנים אומגעקערט צו איר און ביידע האָבן זיך צונויפגערעדט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זיי האָבן געטראַכט דאָס זעלבע: „וואָס וועט זיין וויטער? זענען פאַראַן וועלכע ס'איז אויסזיכטן?” נאָר ווען ביידע האָבן זיך ווידער מיט די בליקן צונויפגעטראָפן, זענען אָט די אַלע צווייפלען צערונען און ביידע האָבן זיך פאַרנומען מיטן באַהאַנדלען די פראַגע אין וועלכע טירן מען דאַרף די נאַכט אָנקלאַפּן...

איצט איז דאָס אָרט ליידיק... מיט וועמען זאָל זי איצט רעדן? מיט זיך? מיט די ביימער? מיט די פאַרביילויפנדיקע חיהלעך וואָס דערשרעקן זיך פאַר איר ציטער? ווער וועט זי איצט באַגלייטן אין די ביינאַכטיקע וואַנדערונגען? ווער וועט איר איצט העלפן איבערקומען די אַלע שרעקן אין די סודותפולע בלאָנדזשעניִשן? אַליין זיך אומברענגען? אָ, צו דעם דאַרף מען האָבן מוט און כּוח, און אפשר גאָר גרענעצלאָזן יִיאוש, רעזיגנאַציע. איר איז דאָס פרעמד געווען. איר לעבנס־ווילן איז שטאַרק. זי וועט זיך נישט אונטערגעבן. זי מוז דאָך לעבן אויך צוליב חוהלען! חוהלע איז געווען מיט איר מיטגעגאַנגען אויף אַלע וועגן...

ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט פון די אַלע מחשבות, איז שוין געווען גענוג שפּעט אין אָוונט. פון די וואַלד־טיפעניִשן האָבן זיך

געהערט וואָיענדיקע קולות. דעם הימל האָט פאַרצויגן אַ חושך און זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער, נעענטער צו איר, צפּורהן. די שטערן זענען געוואָרן גרעסער, זייער שײַן — בלאַנקענדיקער, שאַרפער. די לבנה איז געשווומען איבער דער געדיכטער טונקלעניש פון אויסגעשטערנטן הימל. דיביימער זענען געשטאַנען שטיף אויסגעצויגן.

צפּורה האָט דערפילט אַז דער וואַלד און די נאַכט שיצן זי. האָט זי זיך אויפגעהויבן פון דער מאָכיקער ערד, געשטעלט זיך אויף די פיס און זיך דערמאָנט, אַז ס׳וואַרט אויף איר עמעץ. רופט זי צו זיך סאַבינאַ. אָנגעהאָנגען די טאָרבע אויפן אַקסל, האָט צפּורה, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צווישן די געדיכטע ביימער, גענומען זוכן דעם וועג צום דאָרף.

*

סאַבינאַ האָט זיך דערפרייט דערזעענדיק צפּורהן אַ לעבעדיקע. אין דאָרף האָט זי געהערט פאַרשיידענע מעשׂיות און ריידערייען, ווי אַזוי דאָס יידישע פּאָרל פעלצן־מאַכערס איז אומגעקומען. האָט זי, סאַבינאַ, שוין געהאַט באַדויערט זייער טויט און געשאָלטן די וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט. און איצט — צפּורה, אַ לעבעדיקע, שמייכלט ווידער צו איר, ווען זי דערלאַנגט עפּעס צו עסן, און הערט זיך איין אין אַלץ וואָס זי דערציילט פון די איבערלעבונגען יענעם טאָג, ווען די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט איר הייזל, זוכנדיק דעם פּאַרטיזאַן...

ביידע זענען געווען דערשלאָגן, געזיפצט און מיט צאָרן אָנגערופן די נעמען, וואָס זענען אין דאָרף באַקאַנט ווי די גרעסטע יידן־שׂונאים. דער שמועס האָט ביידן אַריינגעבראַכט אין אַ פיינלעכער שטימונג. סאַבינאַס איבערנעמען זיך מיטן יידישן גורל האָט צפּורהן געשטאַרקט: כדאַי נאָך צו לעבן, ווען אין דעם דזשונגל געפינט זיך אין אַזאַ מענטש...

דערצו סאַבינאַס גרוסן פון חוהלען. לויפט שוין אַרום, איז פריי־

לעך, לאַכט און שפּילט זיך אין די זאַמדן מיט די דאָרפישע קינדער. צפורהן האָט עס אָנגעפילט מיט פרייד און האַרץ־קלעמענישן. טרערן זענען געראָנען...

נאָך אַזאַ וויזיט איז צפּורה אַרויס פון סאַבינאַס הייזל נישט נאָר מיט אַ געשטילטן הונגער, נאָר אויך אַ דערמוטיקטע, אַז זי איז דאָך נישט אַליין און פאַרלוירן. זי איז פאַרקראָכן אין אַ שייער אויף אַ בוידעם איבערצוליגן עטלעכע נאַכט־שעהען אונטער אַ דאַך. צו איר אייגענעם וווּנדער איז זי געוואָרן אויפגעלעבט. זי וואָלט זיך צעזונגען פון פרייד ביים דערמאָנען זיך אין חוהלען, אָבער דאָ אין מיטן דער נאַכט... דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. זי האָט באַלד דערפילט די טרויעריקעווירקלעכקייט. זי ליגט אין אַ שייער, נישט וויסנדיק צו וועמען ער געהערט. אפשר צו יענעם מיט דער האַק אונטערן רעקל? און אפשר צו די וואָס האָבן זי אַזוי בלוטיק צעשלאָגן? זי האָט געהערט דאָס אָפּגעהאַקטע בילן פון בייזע הינט און דאָס קרייען פון הענער, וואָס האָבן איר דערמאָנט אין די שפּעטע נאַכט־שעהען... די אויס־גייענדיקע נאַכט־טונקלקייט האָט זי באַגלייט ביז צום וואַלדראַנד.

*

פאַר אירע אויגן שטייט נאָך אַלץ די נאַכט, אַ ברייטע, אַ גרויסע, מיט אַ פולן הימל צעבליטע שטערן. ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז די נאַכט צעוואַקסט זיך כסדר און צעשפּאַרט דעם וואַלד מיט די ביימער. נאָך קיין מאָל האָט די נאַכט נישט אויסגעזען צפּורהן אַזוי ווילד ווי איצט. וואָס אַלץ האָט זי שוין אין די נעכט נישט געזען, געפילט: רעגנס און קאַלטע ווינטן, דונערן און בליצן, און איצט — אַ צעשטערנטער הימל. זי האָט ביי נאַכט געשלעפּט זיך איבער פינצ־טערע וועגן, אָנגעקלאַפּט אין טירן. טייל טירן האָבן זיך צוגעקלאַפּט פאַר איר נאָז. דורך אַנדערע האָט מען איר עפּעס געשענקט. ביי סאַבינאַן, ביים וואַרעמען אייוועלע, איז זי איבערגעזעסן אַ שטיק נאַכט, געלעגן איינגעגראָבן אין שטרוי... מיט דער נאַכט האָט זי איצט געלעבט. די נאַכט האָט זי באַפרייט פון אַלע טאָגשרעקן. אין דער

נאַכט האָט איר זיך אַ צעשפּיל געטאָן דאָס ביסל אָפּגעטייעטע בלוט, געריסן זיך צום לעבן...

איין מאָל האָט אַ נאַכט זי פֿאַרפּירט אויף אַ שייער מיט היי. דער שמעקעדיקער ריח האָט זי פֿאַרשיכּורט, אַריינגעצויגן אין אַ טיפֿן שלאָף. זי האָט זיך איבערגעוועקט שוין ביי טאָגשיין, און אַ שרעק איז זי באַפֿאַלן. ווער ווייסט, ווער ווייסט, אין וועמענס שייער איז זי פֿאַרקראָכן? זי איז גיך אַראָפּ צו די פֿעלדער. ווייט גיין האָט זי מורא געהאַט, איז זי אַריין אין אַן אויסגעליידיקטן גרוב פֿון קאַר־טאָפֿל. פֿאַרבייגייענדיק צו דער אַרבעט האָט אַ פּויער זי דערזען. צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך שטום אָנגעקוקט. איינע — מיט טויטשרעק, די צווייטע — מיט בייזער פֿאַרוווּנדערונג.

— איז נאָך געבליבן אַ לעבעדיקע זשידוווּקע? און פּונקט אויף מיין פֿעלד! — האָט אַרויסגעפּלאַצט דער פּויער.

— איר זעט אויס צו זיין אַ גוטער מענטש, שענקט מיר עפּעס עסן...

צפּורהס דערשלאָגן אויסזען האָט אין דעם פּויער עפּעס אָנגערירט.

— וואָס זאָל איך מיט דיר מאַכן, יידישקע? אַז איך וועל דיר געבן אַ שטיקל ברויט, וועסטו פֿון דאַנען זיך אָפּטראָגן?

צפּורה האָט גאָרנישט געענטפֿערט נאָר אַרויפֿגעקוקט מיט אַ בעטנדיקן בליק.

פֿון זיין טאָרבע האָט דער פּויער אַרויסגעצויגן אַ שטיקל ברויט, באַשמירט מיט פֿעטס, און דערלאַנגט עס צפּורהן:

— זעסט, נישט אַלע זענען שלעכט.

צפּורה האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פּויערס זאָג און אים באַ־שאָטן מיט ברכות. זיך אָנגעהויבן ביי אים בעטן, ער זאָל זי פֿון דאַנען נישט פֿאַרטרייבן. דער פּויער האָט זיך אומגעקוקט צי מען זעט נישט עמעצן, און זיך אַוועקגעזעצט מיט די אַראָפּהענגענדיקע פֿיס אין גרוב אַריין, זיך איינגעהערט אין צפּורהס רייד. ער איז גע־זעסן מיט איינגעגעסענע אויגן אין צפּורהס פּנים. זי האָט עס געפֿילט און אירע געשפּאַנטע אויגן האָבן זיך געקלאַמערט אין דעם פּויערס

שטומען שאָקלען מיטן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעדריקט באַדויער און מיטגעפיל.

— יאָ — האָט צפורה, אַ גערירטע פון דער באַגעגעניש, געזאָגט.

— ערגעץ ווו קען מען נאָך אָנטרעפן אַ מענטש, וואָס האָט גאָט אין האַרצן...

דער פויער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף גיין צו דער אַרבעט, און צוגעגעבן:

— ווען אַלע זאָלן זיין שלעכט, וואָלט די וועלט אונטערגעגאַנגען.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך פאַר צפורהן אַנטפּלעקט אין דעם פינצטערן דזשונגל נאָך אַ מענטש, וואָס האָט געהאָלפן אַ ליידנדיקן נישט פאַר געלט, נישט פאַר כבוד, נאָר ווייל אַזוי האָט אים דיקטירט זיין פשוט מענטשלעך געוויסן. יעדן מאָל ווען ער איז געקומען צום גרוב מיט אַ ביסל שפּייז און מיט אַ גוט וואָרט, האָט זי אין אים געזען אַ נישט־דאָ־וועלטיק געשטאַלט. ביי נאַכט — סאַבינאַ, ביי טאָג — דער פויער. אַ דאַנק זיי ביידן האָט צפורה נישט בלויז איר חיות אויפגעהאַלטן, נאָר אויך זיך דערוווסט, אַז די מלחמה אויף דער פּוילישער ערד דערנענטערט זיך צום סוף.

אַז די אַלע געשעענישן אַנטוויקלען זיך בליץ שנעל, האָבן צפורהן אָנגעזאָגט די עכאָס פון דעם פראָנט, וואָס זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן נעענטער, הילכיקער, און די נאַכטיקע שׂרפות — ליכטיקער. די ערד האָט געציטערט פון די אויפרייסן. צפורה האָט געמוזט אַנטלויפן פון וואַלד, ווו פאַרטויבנדיקע אויפרייסן און צעטרייסלטעביימער האָבן נישט געלאָזט איינליגן. אויך דער גרוב אין פעלד איז שוין מער נישט געווען קיין באַהעלטעניש. פויערשע משפּחות, צוזאַמען מיט זייער לעבעדיקן אינווענטאַר, זענען אַנטלאָפן פון דאָרף. אַרומבלאָנ־קענדיקע בהמות, צעפּלאָשעטע פערד און אויך צעשראָקענע הינט זענען אַרויס אין די פעלדער. מענטשן האָבן זיך איינגעגראָבן צווישן די תּבואה־זאַנגען און געוואַרט, אַז דער מלחמה־שטורעם זאָל זיך איבערטראָגן ערגעץ ווייטער.

סאַבינאַ איז נישט אַנטלאָפן אין פעלד. זי איז געבליבן אין איר

אָרעמער כאַטע. די רייכע שכנים פון דאָרף האָבן געהאַט וואָס צו ראַטעווען, זענען זיי אַרויס מיט אָנגעפּאַקטע וועגענער און מיטן לע־בעדיקן אינווענטאַר צו די אָפענע פעלדער. זי, מער ווי די אָרעמע פיר ווענט מיטן שטיקל ערד, האָט נישט געהאַט, איז זי מיט דעם געבליבן אין אויסגעליידיקטן דאָרף. צפּורהן האָט זי באַהאַלטן אויפן בוידעם און זי אַליין האָט נאָך יעדן אויפרייס זיך געצלמט, געמאַליעט זיך פאַר זיך און פאַר צפּורהן, וואָס האָט מיט אירע וואַכע חושים אויפ־געכאַפּט אַלץ, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו איר פון אַרום. זי האָט געהערט ווי די אָפּטרעטנדיקע דייטשן פאַרלייגן נאָך טעלעפאָנישע פאַרבינדונגען מיט זייערע איינהייטן, אָבער די ערד האָט שוין געברענט אונטער זייערע פיס.

און דאָ האָט צפּורה דערפילט ריחות פון אַ שׂרפה. די אַנטלויפנ־דיקע דייטשן האָבן נקמה גענומען אין די פאַרלאָזענע כאַטעס און זיי אונטערגעצונדן. סאַבינאַס געשרייען אַז איר הייזל ברענט, האָט צפּורהן אַרויסגעיאָגט פון דער באַהעלטעניש. זי איז געלאָפן צו די פעלדער זיך באַהאַלטן אין די הויכע תּבואות. די דייטשן זענען פאַר־שוווּנדן. אַ טייל דאָרף איז אַוועק מיטן פייער.

נעכטן — צווישן די הויכע ביימער אין וואַלד, און היינט — צווישן די הויכע תּבואה־זאַנגען אין פעלד, און איבער איר — די זיך צאַפּלענדיקע מינוטן פון דערלייזונג... אָט די ראַשיקע פאַרלויפעניש האָבן צפּורהן אָנגעפילט מיט אַן אומגעווייגלעכער שפּאַנונג, וואָס זי האָט אַזעלכעס ביז איצט נישט געפילט, נישט איבערגעלעבט. זי האָט זיך אַליין נישט פאַרשטאַנען: אפשר די טאָפּעלע פרייד וואָס אויך איר קינד, איר חוהלע איז לעבן געבליבן, יענע חוהלע וואָס האָט שוין קוים געקענט אין זיך אויפהאַלטן דעם לעבעדיקן אָטעם.

אוי, וואָלט זי צפּורה געוואָלט דערלעבן דעם טאָג צו קענען דערציילן חוהלען, אַז פּונקט אין יענער גורלדיקע מינוטן ווען זי, מיט איר גוייִשקער „מוטער" זענען געלעגן אויפן פעלד אונטערן פרייען הימל, איז זי, איר אמתע ייִדישע מאַמע, געלעגן צווישן די תּבואה־זאַנגען אַזוי נאָענט אין שטח און אַזוי נאָענט מיט איר מאַמעס

האַרץ צו איר, צו חוהלען... נאָר וועגן דעם איז צפורה פּעיִק געווען בלויז צו טראַכטן און זי האָט געטראַכט: וואָס וועט ווייטער זיין מיט איר לעבן־געבליבן קינד? ווי אַזוי וועט זי דאָס קינד קענען אומקערן צו זיך? זי מוז דאָך פון דאַנען אַוועק און ווי אַזוי וועט זי ווידער קומען אַהער? אַזוי ווי זי האָט געקעמפט פאַר איר לעבן, מוז זי אויך קעמפן פאַר איר קינד. צפורהן האָט די גאַנצע צייט געדינט אַ שטאַרק געפיל פון אויסדויער, וועט דאָס דאָזיקע געפיל אויך ווייטער דינען.

✶

זי האָט דורכגעהאַלטן, געבליבן לעבן. ווו זיך אַהינטאָן? איז ערגעץ, נאָכן שרעקלעכן חורבן, געבליבן אַ ייִד? מיט אַזעלכע גע־דאַנקען איז צפורה אָנגעקומען אין פאַרמלחמהדיקן ייִדישן שטעטל סאָקאָלקע, ווו זי האָט געהאַט באַקאַנטע און קרובים. דאָרטן האָט זי באַגעגנט עטלעכע צענדליק ייִדן, אַרויסגעקומענע פון די באַהעלטע־נישן. יעדערער פון זיי — מיט באַזונדערע נסים געבליבן לעבן. דער גורל פון איבערבלייבן און זיך אָפּגעפינען האָט זיי צונויפגעבונדן אין איין מחנה. האָבן אַלע ווי געשוווירן: נישט צו שיידן זיך. איינער זאָל זאָרגן פאַרן אַנדערן, ווי איין גרויסע משפּחה. אויך צפורה האָט געדאַרפט זיך איינגלידערן אין אָט דער משפּחה, געפינען אין איר אַ ביסל רו. איז אָבער געשען אַ צופאַל וואָס האָט זי אַוועקגעפירט אַנדערש ווו.

פּוילישע רוצחים זענען באַפאַלן די ייִדן, זיבן פון זיי דערמאָרדעט. באַלד נאָך דעם — דער קעלצער פּאָגראָם.

צפורה האָט דעם נייעם נס פון איר בלייבן לעבן באַטראַכט ווי אַ סיגנאַל. זי איז אַוועק קיין וואַרשע. דאָרטן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט מער ייִדן, וועט זי צווישן זיי זוכן רו פאַר איר נשמה און קענען פּלאַנירן וועגן, ווי אַזוי אָפּצוקריגן חוהלען.

צפורה איז פאַרפאָרן אין וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע און שוין ביי די ערשטע טריט האָט איר אויסגעדאַכט, אַז זי דערקענט ייִדישע פּנימער. זאָל זי שטיין בלייבן און מיט זיי זיך צונויפרעדן? און אפשר

דאַכט זיך איר נאָר? איז זי ווייטער געגאַנגען, אַנגעשפּאַנט און צעקלעמט: אין וואַרשע, די ייִדישע שטאָט, וואָס זי האָט אַזוי גוט געדענקט, צווישן אַזאַ מענטשן־מאַסע זאָל זי דאַרפן זוכן צו געפינען אַ ייִדיש פּנים!

אוי, ווי טראַגיש דאָס האָט איר אויסגעזען, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז זי קען אויף אַזוינס זיך ריכטן. פּלוצעם איז זי שטיין געבליבן אַ געפּלעפטע און נאָכגעפּאָלגט זיינע טריט... ער האָט אויסגעזען — אַ געזונטער אויף אַלע אֵברים, מיט אַ פעסטן גאַנג, אַרומגעשוירן, אָפּגעגאָלט, לייטיש אָנגעטאָן, און אויסגעזען נישט עלטער ווי זי האָט אים געלאָזן אין יענעם קליינעם שטעטל... אויך דער גאַנג דאַרף זיין זיינער. נאָר זי, צפּורה, איז צעטראָגן און ווי דער גאַנצער קערפּער אירער וואָלט געציטערט. און די אויגן אירע... מיט זיי — אין איין זייט, אין דער צווייטער — האָט זי וועמען געזוכט און, דאַכט זיך אים דערקענט...

זי איז אים דעם וועג פאַרלאָפן מיט עטלעכע שפּרייזן און שטיין געבליבן אַנטקעגן זיינע אויגן. אַ מינוט פון געשפּאַנטער שטילקייט און אַ ספּאָנטאַנער אויסרוף פוןביידן:

— פּנחס?!

— צפּורה?!

זי — אַ נאָענטע קרובה פון זיין אומגעקומענער פרוי, ער — האָט איר געהאָלפן אַנטלויפן פון געטאָ. האָבן בײדע זיך אַרומגעכאַפּט. פון אָנהייב איז זייער אָטעם פאַרהאַקט געוואָרן פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש. אַזאַ איבעררעאַשונג נאָך אַזוי פיל איבערלעבענישן... נאָך אַזאַ גיהנום, און ביידע האָבן זיך גלייך דערקענט! פּאַמעלעך האָבן זיי זיך באַהערשט און באַלד אַריין אין אַ לאַנגן שמועס מיט אָן אַ שיעור נעמען פון נאָענטע און ווייטע קרובים, באַקאַנטע, שטעט און שטעטלעך, נעמען פון פאַרשטויסענע דערפער, פון וועלדער, באַהעלטענישן... נסים, נסים! אַ גאַנצע גיהנום־פּאַנאָראַמע... דער שמועס האָט זיי נישט מיד געמאַכט. דאָס זענען געווען די ערשטע אָפּרעדענישן פון צוויי פאַריתומטע נשמות מיט די זעלבע בענקשאַפטן צו אַ באַנייט לעבן.

צפּורה האָט שוין נישט געדאַרפט זאָרגן פאַר אַן אָרט, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, און אויך פון אַנדערע טעגלעכע דאגות איז זי פריי געווען. פּנחס האָט געהאַט פאַרנומען אַן אַנגעזעען אָרט אינעם רעטונג־קאָמיטעט פאַר יידישע פּליטים. אים האָבן גוט געדינט זיין פאַר־מלחמהדיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין זיין היימשטעטל. נישט ווי אַ צופאַל, נאָר ווי אַ גורל־זאַך האָבן ביידע באַטראַכט זייער באַ־געגעניש.

✶

נאָך דעם שמועס וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט צפּורה געפילט, אַז עפּעס־וואָס שטעקט איר נאָך אין האַלדז. אייגנטלעך האָט זי באַלד פון אָנהייב געוואָלט פּנחסן איבער־געבן די געשיכטע מיט איר קינד, ווי אַזוי זי האָט עס געראַטעוועט. נאָר זי איז פון אים באַוואָרפן געוואָרן מיט אַזוי פיל פראַגעס, אַז דער שמועס איז בעיקר אַנגעגאַנגען וועגן ערטער און נעמען, אַוועק־געריסענע פונעם לעבן. רעדן וועגן חוהלען האָט זי נישט געוואָלט מיט אַ דערדריקטער שטימונג.

פאַר וואָס גראָד איצט, ווען זיי זענען מיד פון די אויפגעוועקטע ביטערע זכרונות? וואָס אַן אמת, האָט זי דאָך קיין מאָל אין חוהלען נישט פאַרגעסן, אָבער געוואָלט האָט זי איינשלאָפן נאָך דעם, ווי זי וועט פאַר פּנחסן אַרויסברענגען די בשורה, אַז חוהלע לעבט און מ׳וועט דאַרפן זוכן אַ וועג, ווי אַזוי דאָס קינד זאָל זיך אומקערן צו דער מוטער.

פּנחס איז געבליבן זיצן מיט אויפגעריסענע אויגן. חוהלע לעבט! ער האָט זיין קליין טעכטערל צוזאַמען מיט דער פרוי פאַרלוירן. וועט צפּורהס קינד ווערן זיין אייגן קינד. מיט זיין נאָמען וועט חוהלע וואַקסן. שענקען וועט ער איר פאָטערלעכע געטריישאַפט, און אויב זי וועט דאַרפן אַ מאָל זיך דערוויסן דעם סוד פון איר עבר — צו דעם האָט זי פאַר זיך נאָך אַ סך יאָרן.

פּנחסן איז חוהלע שוין נישט אַרויס פון קאָפּ. ער האָט אויסגעזע־פונען מענטשן, וועלכע זענען גרייט געווען צו העלפן אָפּנעמען דאָס

קינד. ביז איצט האָט די פּויערטע יעדן אַזאַ איינעם פאַריאָגט פון שטוב.

— דאָס קינד איז מיינס! — האָט זי געשריִען.

נאָך אַלע נישט געלונגענע פּרוּוון האָבן צפּורה און פּנחס נישט אויפגעגעבן די האָפענונג. זייער בענקשאַפט צום קינד, האָט זיך געדאַכט, וועט ברעכן אַלע שטערונגען. אויב די פּויערטע קען נישט פאַרשטיין די אמתע מוטער, מעג מען אָנווענדן אַלע מיטלען.

עטלעכע דרייסטע חברה אין פּאָליצייִשע מונדירן זענען אַריין אין דער כאַטע אויף דורכפירן כּלומרשט אַ רעוויזיע. דאָס פּויערשע פּאָרפאָלק איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַן „אויספאָרשונג". ווען זיי זענען פריי געוואָרן, איז דאָס קינד שוין געווען אויפן וועג צו איר ייִדישער מוטער...

יעדער טאָג האָט געבראַכט אַ פאַרענדערונג אין חוהלעס שטי־מונג. זי האָט אויפגעהערט מורא האָבן פאַר „זשידעס", אויפגעהערט בענקען נאָך איר דאָרפישער היים, מער נישט געוויינט צו יענער מאַמען. פון דעם אַלעם האָט זי אין גיכן אָפּגעשיידט אַן עולים־שיף אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל, ווי אַ צוגעשריבן קינד צו אַ ייִדישער משפחה.

די פּיריאָריקע חוהלע איז געוואָרן די פּיאָנערין, נאָך וועלכער עס איז נאָכגעקומען איר ייִדישע מאַמע מיטן נייעם ייִדישן טאַטן. זייער משפחהלע האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן און צעצווייגט אין דער ייִדישער היים, אונטער דער הייסער, אייגענער ישׂראל־זון.

נאָכוואָרט

אַלץ וואָס איז אָט דעם בוך ווערט דערציילט איז טראַגישער, מיט ייִדיש בלוט, ייִדישן קאַמף און אויסדויער אָנגעזאַפּטער אמת. דאָס זענען וואָרע געשיכטעס פון דער חורבן־תּקופה אין פּוילן. דער פּער־סאָנאַזש איז נישט אויסגעטראַכט. די מענטשן ווערן אָנגערופן מיט זייערע אמתע נעמען. בלויז אין עטלעכע פאַלן איז, אויף דער בקשה פון די מענטשן, זייער נאָמען געביטן געוואָרן.

איך האָב בעיקר דערציילט וועגן טראַגישע פאַרלויפענישן מיט די ייִדן אין די ערטער פון וואַנען איך שטאַם, און דאָס וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט, מיט די אייגענע אויגן געזען, מיט די אייגענע אויערן געהערט פון די נוגע־בדבר. אַזוי האָב איך דערציילט וועגן גורל פון מיינע ברידער יואל, יאַנקל און אונדזערע ייִנגסטע, טראַגיש אומגעקומענע ברידערלעך, פּסחל און משהלע, וואָס האָבן געפּרוּווט זיך ראַטעווען אין וואַלד. איך האָב באַשריבן אונדזער פאָטער אַברהם־הערש און ווי אַזוי ער האָט זיך מקריב געווען פאַר די ליידנדיקע ייִדן אין געטאָ. איך האָב דערציילט איבערלעבונגען פון מיינע גוטע באַ־קאַנטע אין די געטאָס, אין וועלכע איך בין געווען פאַרשפּאַרט.

איך האָב דערציילט דעם אמת וועגן דייטשישע און פּוילישע רו־צחים, וואָס האָבן געבושעוועט אין מיין היימישער געגנט, אין דער געגנט פון טרעבלינקע, און אָנגערופן זיי ביי זייערע טרייפענע נעמען. ווו נישט ווו אויף דער אַזוי גערופענער אַרישער זייט, ווו ייִדן האָבן געזוכט אַ רעטונג און ווי אַנוסים זיך שטענדיק געפונען אויפן ראַנד פון אומקום, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף גוטהאַרציקע מענטשן, וואָס האָבן זיי געהאָלפן זיך ראַטעווען פון טויט. אויך זיי האָב איך אָנגערופן מיט די אמתע נעמען.

דעריבער בעט איך באַטראַכטן דאָס בוך „ביים אויסגעברענטן שייטער" ווי אַן אויטענטישן דאָקומענט פון יענער שוידערלעכער תּקופה.

שׂמחה פּאָליאַקעוויטש

אינהאַלט

7 אַ צלם אויף אַ ייִדישן קבר

20 ביים אויסגעבערענטן שייטער

44 איין גורל

68 דאָס בינטעלע האָר

78 אַנשל דער באַגרעבער

86 פון ביידע זייטן געטאָצוים

93 דאָקטאָר הערמאַן און די ייִדן

109 דער דייטשישער מאָלער

128 בערעלע

141 צוריק צום שטאַם

180 גאָלדעס לעצטער גאַנג

185 דער רופא־חולים אַהרן וואַגס

193 דער כּוח צו לעבן

220 אויסדויער

ביכער פון זעלבן מחבר

אַ טאָג אין טרעבלינקע בוענאָס איירעס, 1948

אין שאָטן פון טרעבלינקע תּל־אביב, 1957

אין אַ פרעמדער הויט פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, תּל־אביב, 1961

טעג אָן ליכט פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, תּל־אביב, 1963
(פּרעמירט מיט דער דיאַנאַ בלומענפעלד־ליטעראַטור־פּרעמיע, ניו־יאָרק)

אינעם פוילישן דזשונגל פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, תּל־אביב, 1977
(פּרעמירט מיט דער ד״ר מ. דוואָרזשעצקי־פּרעמיע ביים ייִדישן שרייבער־פֿאַראיין אין ישׂראל)

דער מידבר פֿאַרשווינדט ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, תּל־אביב, 1982

ביים אויסגעברענטן שייטער ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, תּל־אביב, 1985